STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10789

ARN LIBERMAN

Avrom Kahan

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מעלוכישער
ליטעראַרישער
פֿארלאג
1935

אווראָם קאהאן

ארן ליבערמאן

היסטאָרישער ראָמאן

ערשטער בוך

מעלוכישער ליטעראַרישער פארלאג
קיִעוו 1935 כארקאָוו

Printed in

די ביבליאָגראַפישע באשרייבונג פונ רערדאזיקער
אויסגאבע איז אָפגעדרוקט אינעם „צײַטשריפט פון
דער אוקראַיִנישער דרוק-פּראָדוקציע״, אינעם
„קאַרטאָן-רעפּערטואַר״ און אין אנדערע אָנווײַזערס
פון דער אוקראַיִנישער ביכער-פּאַלאַטע.

רעדאַקטער — אי. פּ ע פּ ע ר
טעכנאָפירער — א. ק ו ו י נ ט
קאָרעקטער — ל. ה י ל ע ר

אין דער ווילנער ראַבינער־שול

737[illegible]

I

פּאַרנאַכט עפֿנט זיך אין צימער די טיר און עס באַווײַזט זיך אַ קאָפּ פֿון אַ ציכטיקער ייִדענע. עס איז דעמאָלט האַלב טונקל. הײַנט, ווען דער לערער איז געזעסן פֿאַרטאָן אין לייענען, און דער טאַלמיד—דער קלײנער צעניאָריקער הערשעלע האָט זיך מיט עפּעס געשפּילט, האָט זיך דערהערט דער ייִדענעס קאָל:

— טײַ טרינקען וועט איר גיין?

סײַ דער לערער, סײַ דער טאַלמיד האָבן ניט באַמערקט, ווי ס'איז צוגעפֿאַלן דער ווינטערדיקער אָפּדערנאַכט און באַקלעפּט די שויבן מיט טונקל־בלאָווער קעלט.

דער לערער—ליבערמאַן—האָט די גאַנצע צײַט אַרײַנגעקוקט אין אַ קסאַוויאַד. דאָס געגרײַזלטע ייִנגל האָט זיך געשפּילט מיט פֿאַרשיידנקאָלירנדיקע גלעזלעך און פֿון צײַט צו צײַט פֿאַריסן די אויגן צום לערער, וואָס איז פֿאַרטאָן אינעם לייענען.

— מע רופֿט,—טוט שפּעטער אַביסל דאָס ייִנגעלע אַ טאָרע דעם לערער.

— ווער?

— די מאַמע. טײַ טרינקען.

— איך האָב געהערט. דו גיי, און איך וועל דאָ עפּעס פֿאַרענדיקן.

די ליכט קנאַקן לײַכט, ווי מע שיסט פֿון אַ קינדערשן פּיסטויל.

הײַנט איז די מוטער אַרײַנגעקומען אין צימער. זי וויל וויסן, וואָס איז דאָ אַזוי שטיל, און נאָך וויל זי וויסן, ווי הערשעלע לער.ט זיך. אַז מע דאַרף גאָרניט, ער זאָל גיין אין דער גימנאַזיע. וואָס האָט עס מוישע אויסגעטראַכט! ס'וועט זײַן גענוג, אַז איר זינדל וועט קאָנען

מאכן א כעזשבן און זײַן אזא סויכער, ווי איר מאַן, און פֿליטן וועלן גײן איבער דער ווײַסל, און פֿאָרן וועט ער. אזש קײַן דאנציג און קײַן קעניגסבערג.

אז וואָס האָט מען גאָר געדאַרפט האָבן א לערער, אָפּגעבן אים א צימער, פּאַטערן אַזויפֿיל הויצאָעס...

די ייִדענע האָט זיך אַליין איבערגעשלאָגן די געדאנקען.

— און טיי וועט איר טרינקען, אהרן? זי שטייט שוין אפן טיש.

ליבערמאַן האָט אָפּגעריסן זײַן בליק פון אן ארטיקל און שווײַגנדיק געגאַנגען אין גרויסן צימער צום טיש.

דאָס ארטיקל האָט ער געקראָגן באַם אוטער אורי אווראָם קאָוונער אין קסאוויאד. ער איז דאָ געווען א טאָג־צוויי און אוועקגעפאָרן צוריק קײַן קיִעוו, ווו ער האָט געוווינט. ליבערמאַן איז געווען איבעראשט פון דעם דרייסטן און פרישן טאָן, מיט וועלכן דער ארטיקל איז געווען אָנגעשריבן.

אינגיכן איז אָנגעקומען דער באַלעבאָס — א ווּקסיקער, ברייטביי̈ניקער ייִד מיט א לאַנגער באָרד. ער האָט זיך געוואַשן די הענט, זיי געווישט מיטן האנטעך און עפּעס מורמלענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ צום סטודענט פון דער ראַבינער־שול.

— קאַלט? — האָט דער באַלעבאָס א פרעג געטאָן.

אין שטוב איז גראד געווען זייער אָנגעהייצט. ליבערמאַנען האָט פאַרוואונדערט דעם באַלעבאָס פראגע. ער הייבט אוף די אויגן:

— מיר איז ווארעם.

— ניין, איך מיין, אינדרויסן איז קאַלט.

מוישע האָט געוווּסט, אז אהרן וועט וועלן באַלד נאָך טיי־טרינקען אוועקגיין ביז שפּעט אין דער נאכט. ער טוט עס אַזוי שטענדיק. ווּהין איילט ער זיך אַזוי? בעסער זיצן דאָ אינדערוואַרעם, אינדערליכטיק, אין היימלעכקייט. דער באַלעבאָס ווינקט צו זײַן עלטער טעכטערל:

— א, ראָכציע, ס'איז קאַלט אינדרויסן.

און ער ווישט זיך נאָך אַלץ די הענט מיטן האנטעך, אַזוינע גרויסע און פֿײַכטע הענט בא רעב מוישע בראָצקי.

ראָכל לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ.

— וואָס־זשע ארט עס מיך, — רויטלט זי זיך און וויל אוועקגיין אין אַלקער.

— פאַרוואָס זאָל דיך ניט ארן, — שמייכלט דער פאָטער.

ראָכל איז שוין פון יענער זײַט טיר.

די מוטער זיצט שוין אף דער קאנאפּע אין א טערקישער שאל און ווינקט אלע מאָל צום מאן, ער זאָל ניט רופן ראָכלען צום טיש. שוין א פּאָר מאָל האָט זי געהאט מיטן מאן א שמועס, אז עפּעס געפעלן איר ניט זיינע צוריידענישן. וואָס־זשע, זיי שטייען אין דעם, וואָס עפּעס א ליבערמאן, א סטודענטל פון דער ראבינער־שול, וועט כאפּן א קוק אף זייער שיינער און אויסגעשפּילטער טאָכטער?

— א? מיר שטייען דען אין דעם, מוישע?

דער פאָטער פּלעגט זיך אָנשלאָגן אין דעם, אז הערשעלעס לערער זאָל פארבלייבן אין די אפדערנאכטן וואָס לענגער.

ליבערמאן האָט זיך אָבער אלע אפדערנאכט געיילט ערגעץ.

דאָס האָט ער אופגעגעבן און מיטגעהאָלפן צו גרינדן אין ראבינער־שול גרופּע פאר זעלבסטבילדונג.

היינט איז ליבערמאנס א רעפעראט וועגן פּיסאריעוון. ער שטייט שוין אָנגעטאָן אין פּאלטאָ און געזעגנט זיך מיט זיינע באלעבאטים.

ראָכל קוקט ארויס פון אלקער און זעט, ווי ליבערמאן זוכט א ביך. זי האָט אים אנידערגעלייגט אונטער דער קישן אפן טאטנס בעט. ליבערמאן זוכט, געפינט ניט, זוכט ער אף די בענקלעך, אונטערן טיש, זוכט אפן כפּאָרים־אלמער. ער גייט אין אלקער, ווו ער איז פריער געזעסן מיט הערשלען, געפינט אלץ ניט.

— הערשל,—רופט ליבערמאן,—געפין דעם בוך, וואָס איך האָב היינט געלייענט.

דאָס יינגל טוט זיך א וואָרף זוכן און געפינט אויך ניט.

ליבערמאן מוז אָבער האָבן דעם בוך: ער האָט זיך דאָרטן אָנגעמערקט פיל ציטאטעס און אויסצוגן צום רעפעראט. פון אלקער איז ארויסגעקומען ראָכל א פארפאליעטע און מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן געגאנגען צו ליבערמאנען. פון הינטער דער פּלייצע האָט זי ארויסגענומען דעם בוך, אים גיך אָפּגעגעבן ליבערמאנען און צוריק אוועק אין אלקער. די לאנגע צעפּלעך אירע האָבן זיך אפגיך געבאָמבלט און זיינען פארשווונדן אין טונקלקייט פונעם אלקער.

ליבערמאן קוקט אפן באלעבאָס, וואָס האָט אף א רעגע אוועקגעשטעלט די גלאָזן, ניט פארשטאנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, געזען, ווי די מוטער קוטעט זיך אין דער טערקישער שאל און ווי זיין טאלמיד הערשעלע שטייט לעם אים און טאָרעט אים:

— זעט נאָר, ראָכעלע האָט פארבאהאלטן אייער בוך,—און לאכט מיט א קינדערשן געזונטן געלעכטער.

ליבערמאַן האָט פאַרשפּיליעט די פּאָלטאָ און איז אַרויס אינעם אָפּדער־נאַכט צו דער ראַבינער־שול.

דאָרט, ווו עס הייבט זיך אָן די פּאָהוליאַנקע, האָט ליבערמאַן דערזען אָדעם־האַקויען לעבענזאָנס הויכע פיגור. דער געדיכטער שניי האָט אײַנגאַנצן ווײַס געמאַכט דעם הויכן אַלטן מאַן.

— קוקסט, קוקסט זיך אַזוי אײַן, דערקענסט מיך ניט,— דערהערט ליבערמאַן לעבענזאָנס באַקאַנטע בייזלעכע שטים.

— פאַרוואָס, איך האָב אײַך דערקענט.

— דאַכט זיך, לויטן שטעקן קאָן מען מיך דערקענען.

ליבערמאַן האָט געשוויגן. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי דער אַלטער האָט אַמאָל אַליין געזאָגט וועגן זײַן סוקעוואַטן שטעקן, אַז ער טראָגט אים, מאַכמעס ער האָט מוירע פאַר גאָט.

— אַ קאַשע אַפּ אַ מײַסע,—האָט דעמאָלט לעבענזאָן ווייכער געמאַכט זײַנע אָנגעברויגעוועטע געדיכטע ברעמען,—אַז איך קריג זיך מיט אים, אַ קאַשע אַפּ אַ מײַסע...

זיי זײַנען געווען אַפּן ראָג פון טראָקער און זאַוואַלנער גאַס, ווו די ראַבינער־שול האָט זיך געפונען.

פון די פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט לאָמפּן, וואָס זײַנען אײַנגע־וויקלט געווען אין בלאַסע צעשוואומענע רעדלעך שײַן, ווײַטע, ווײַטע לאָמפּן אין די אָפּדערנאַכטיקע צימערן.

— איך בין געקומען דיך הערן,—האָט לעבענזאָן בא די טרעפּ אַ טאָרע געטאָן ליבערמאַנען מיטן שטעקן,—דו שילער, דו ראַבינטשוק, דו.

— איך בין זייער צופרידן—האָט ליבערמאַן דערפילט אַ שטאָלץ. ער האָט אויסגעוואַרט ביז דעם אַלטנס הויכע פיגור וועט דורכשווימען פאַר אים, דערנאָך וועט ער נאָכגיין. אָבער לעבענזאָן האָט זיך אויסגעדרייט און ניט געוואָלט גיין אַפּריער:

— ניין, ניין, לייענסט הײַנט אַ רעפעראַט, ביסטו ווי אַ כאָסן־באָכער, וועל איך נעמען אונטערפירעכץ.

ליבערמאַן האָט זיך מער ניט פאַרהאַלטן. ער איז אַרײַן אין אַ ווײַ־טערן צימער, ווו מע האָט שוין אָף אים געוואַרט. ס'האָט אים פאַרוווּנ־דערט דער היפשער עולעם, עפּעס הײַנט מער ווי שטענדיק. אין צימער זײַנען צו אים צוגעגאַנגען עטלעכע שילער. מ'האָט דערוויײַל, וואַרטנדיק אָף זײַן קומען, אַרײַנגעקוקט ווע אין אַ געמאָרע, ווער אין וואָס־טאָקאָוס גראַמאַטיק.

ס'איז געווען טונקל, כאָטש אָף דער וואַנט זײַנען געהאַנגען צוויי־

היפשע לאָמפּן. איינער פון זיי האט זיך געטוקט און אביסל צוגע־טשאַדעט.

— ווו איז דער אופזועער?

— דער אופזועער ווו איז?

דער יינגערער אופזועער, דער רוס קאַסיק, איז אריינגעלאָפן אף די גע־שרייען:

— עס טשאַדעט!

ער האט אָפּגעמאָסטן די פארזאַמלטע מיט א קאַלטן אומצופרידענעם בליק און, אָנשטאָט ענטפערן וועגן טשאַדענדיקן לאָמפּ, געפרעגט:

— ווער האט אייך דערלויבט דאָ זיך צונויפקלייבן?

מ'האָט געשוויגן.

— איר ווילט נאָך לאָמפּן, דער דירעקטער דאַרף וויסן וועגן אלץ, וואָס עס טוט זיך אין די ווענט פון דער שול. און איר האט אים צו־וויסן געגעבן?

מ'האט אלץ געשוויגן.

וואס זאָל מען אים זאָגן. מ'איז שוין עטלעכע מאָל געווען באם די־רעקטער און מ'האט גארניט ניט געקאָנט פועלן.

איינער האט געגעבן א זאָג:

— דער דירעקטער ווייסט, אז מיר קלייבן זיך צונויף!

— צוליב וואס?

— צוליב זעלבסטבילדונג!

— דאָ פארזאַמלט מען זיך ניט! ס'איז ניט קיין קאַגאַל! — און קאסיק האט זיך אויסגעקערעוועט און איז ארויסגעגאנגען.

ליבערמאן האט געוואָלט אָנהייבן לייענען, האט זיך באוויזן אין צי־מער לעבענזאָנס הויכע פיגור און נאָך אים איז מיט א פולער פלאַש קעראָסין נאָכגעגאנגען דער שטענדיק גוטמוטיקער וולאַדיסלאַוו, דער עקאָנאָם פון דער שול.

וולאַדיסלאַוו האט זיך ארופגעשטעלט צום לאָמפּ, אונטערגעשוירן דעם אָפּגעסמאַליעטן קנויט, אונטערגעגאָסן קעראָסין, און א גלייך צינגל פייער האט לויטער געגומען ארויסקוקן פונעם מעשענעם קאָלפּעקל אונטערן גלעזל.

די ראוויניסטן האָבן זיך געכידעשט, וואס דער שטענדיק בייזער זאָקן לעבענזאָן איז אליין געגאנגען רופן וולאַדיסלאַוון. לעבענזאָן האט, אַפּאָ־נעם, פארשטאַנען די פארוואונדערטע בליקן פון די ראוויניסטן, האָט ער זיינע בארויגעזע ברעמען אופגעהויבן העכער.

— דאס איז אַלץ, קינדערלעך, צוליב ליבערמאַנען. איך וויל הערן זיין העברעייש און זיין רוסיש.

דעם אפדערנאכט האט אַרן ליבערמאַן געהאט א וואַרעמען רעפּעראַט.

פאַר די צוהערער האט ליבערמאַן אַראָפּגעבראַכט קימאַט א נייעם נאָמען. די ראַוויניסטן האָבן שוין געהערט וועגן אורי קאָוונערן פון ליבערמאַנען אליין. זיי זיינען איבעראַשט געווארן פונעם פרישן טאָן, וואָס דערדאָזיקער אַוטער האט מיט זיך געבראַכט. און דאס, וואס ליבערמאַן האט גענומען אים ציטירן באַגלייך מיט פּיסאַריעוון, האט עס בא די ראַוויניסטן גאָר־גאָר אויסגענומען.

ער שטייט, ליבערמאַן דער ראַוויניסט, און אַלע מאָל, ווען ער וויל טרעפן עמעצן מיט זיין פּאָרטראַג, אַנטפּלעקט ער היפּשע ניט קיין שיינע ציין. זיינע זשעסטן זיינען שאַרפע. ער בויגט זיך אביסל אָן אַף פאָרויס און ס׳פּילט זיך אין אים אזא אַקשן.

דער רעדנער האט שוין א פּאָר מאָל איבערגעכאַזערט א ציטאַטע:

„די יידישע ליטעראַטן זיינען ציטערנדיקע בלימלעך, ווייל זיי ווייסן ניט ניט פון קיין לעבן און ניט פונעם פ׳ָלק־גייסט, זיי טראַכטן ניט און זאָרגן ניט פון פאָלק־נויטן; זיי שרייבן בלויז צוליב דעם, אבי א שיין טאָן מיט א גלענצנדיקער ביבל־שפּראַך. די יידישע שרייבער שרייבן ניט פאַר דעם לייענער, זיי שטרעבן ניט אריינצוהויכן דאס נייע לעבן אין הארצן פונעם פאָלק... דאָס אינטערעסירט זיי ניט, זיי שרייבן אויס קינע צו יענעמס רום, ביכדיי צו ווייזן זייער גרויסקייט לעגאַבע אנדערע שריפטשטעלער, וועלכע זיינען אזוי אמעראַציש, ווי זיי אליין".

די ראַוויניסטן האָבן זיך צוגערוקט נענטער צום רעדנער.

איינער מיט א קאַסאָקע אויג האָט א שפּיי געטאָן און איז אוועק פונעם זאַל. מע האָט ניט געוווּסט, צי איז ער באַרויגעז אַף ליבערמאַנען פאַר זיין שארף קריטיקירן, צי איז ער מאַסקים מיט אים, — דעריבער האָט מען אָפּגעוועגדט די אויגן פון אים, בלויז א קאָל האט אים געפּרוווט באַגלייטן:

— א קאָסאָקער דערדאָזיקער פיינשטיין.

און ווידער איז ליבערמאַנס קאָל אוועק איבער דער אוידיטאָריע:

— אזוי שרייבט אורי אווראָם קאָוונער.

פּלוצים האָט זיך דערהערט דעם אַלטן לעבענזאָנס געשריי:

— ס׳א ליגן! ס׳א שאַרלאַטאַן דיין קאָוונער, ס׳איז... ווער איז ער עס אזוינס?..

אָבער די ראַוויניסטן האָבן ניט געהערט, וואָס דער לערער האָט גע־

זאָגט ווײַטער. לעכאטכילע איז בא זיי אויסגעקומען, אז דאָס וואָרט שארלאטאַן האָט א שײַכעס צום רעדנער, מע איז גרייט געווען דעם גרײַזן לעבענזאָנען מיט עפּעס אָפּצאָלן אפן אָרט. ס'האָט זיך נאָך בא זיי אופגעוועקט דער געפיל פון שטענדיקער פײַנטשאפט צו אים.

ווי פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואקסן דער קאָסאָקער שילער פײַנשטיין און זיך אוועקגעשטעלט אזעספּאָנעמדיק קעגן לעבענזאָנען. ס'איז געוואָרן שטיל.

— נו, וואָס ווילסטו זאָגן, פּיסאָקער...

פײַנשטיין האָט ניט געוווּסט פונוואנען סע גייט דער אויסגעשריי. ער זאָגט צום לערער:

— איר זאָלט ניט זײַן בארימט אין שטאָט אלס בערקע מעכאלישקער דער גרויסער אַפּיקוירעס, וואָלט איר פאר אזא זאַך כ'ווייס אליין ניט וואָס די ווערט געהאט.

לעבענזאָנס פּאָנעם האט זיך נימעס איבערגעצויגן מיט קאַעס. ער האָט א לײַכטן שלײַדער געטאָן פײַנשטיינען און מיטן שטעקן געקלאַפּט אין טיש:

— ליבערמאַן, ביסט אַן אַזעסניק מיט דײַן קאָוונערן. איך זאָל געווען ווייסן, וואָלט איך ניט געווען גיין נאָך וולאדיסלאַוון...

מע האט זיך צעלאַכט...

דאָס האט נאָך מער אופגעבראכט דעם אַלטן:

— ס'אַ יינגלינג, דער קאָוונער, און דו טוסט אים נאָך. דײַן שפּראך איז דאָך א גאָלדענע, וואס דאַרפסטו זי אויסברענגען אף דער רועך ווייסט וואָס, שרײַב בעסער שירים, שרײַב בעסער מײַסעס. די שפּראַך פון די הייליקע נעוויִים פאַלט ארײַן אין מויל פון די קאָוונערס, ווערט זי פארבערעגט אף דער רועך ווייסט וואָס. איר פארקריפּלט צוזאמען מיט אזא אַזעסניק און פּוסטן דרייקאָפּ, ווי קאָוונער, אונדזער הייליק לאָשן.

ליבערמאן האט געפּרווט אײַנשטילן דעם אַלטן דיכטער. ער האט זיך אָבער ניט געלאָזט, ס'האט פון אים געשפּריצט מיט בייזקייט, מיט קאַעס. סאָפּקאָלסאָף איז דער אַלטער אוועק א צעקאָכטער.

די ראווינים זײַנען געווען אופגערודערט. מ'האט אויך נאָכדעם זיך ניט געקאָנט בארויקן.

— האסט אים אָנגערירט דעם קאָוועד, — האט מען געהערט פון עטלעכע זײַטן.

אייניקע ראווינים זײַנען געווען גלײַכגילטיק צו דער גאנצער געשיכטע און זײַנען אײַנציקווײַז אוועק.

אין עטלעכע מינוט ארום איז אָנגעקומען דער דירעקטער.

מע האט געמיינט, אז דער אַלטער העברייער האט אים אהער אריינ־געשיקט. ס'האט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אז ער איז צופעליק אליין אריינגעקומען.

פאַרן אהיים גיין זיינען א פּאָר ראווינים צוגעגאנגען צו ליבערמא־נען און זיך פאַרינטערעסירט מיט פּיסאריעוון און מיט אורי קאָוונערן. די, וואס האבן געקענט בעסער רוסיש, האבן זיך געכאַפּט צו פּיסאַ־ריעוון, די, וואס האבן מער באַזיצט העברייש, האבן זיך נאָכגעפרעגט, פונוואַנען האט מען היינט ציטירט קאָוונערן.

ליבערמאַן איז געווען צופרידן.

אין קאָרידאָר האט זיך אומגעדרייט וולאַדיסלאַוו און געטריבן די ראַ־וויניסטן שלאָפן:

— דער דירעקטער האט זיך שוין געבייזערט!

די ראווינים, וואס האבן געוווינט אין שול, זיינען אוועק צו זיך אין די שלאָפצימערן, און די, וואס ווינען אף פּריוואַטע דירעס, זיינען ארויס אין פּראַקטיקן דרויסן.

ליבערמאַנען האט אופגעעפנט ראָכל. אַפּאָנעם, זי האט געוואַרט אַף אים. ווי נאָר ער איז אריינגעקומען, האט ראָכל געכאַפּט א בערשטל און געוואָלט אָפּטרייסלען דעם צוגעקלעפּטן שניי פון דער פּאַלטאָ. דער באָכער האט אפגיך אראָפּגעוואָרפן די פּאַלטאָ און באַם מיידל צוגענומען דאָס בערשטל. ראָכל האט א צי געטאָן מיט די אַקסלען: וואָס זשע, ער וויל ניט. די צעפּ האבן זיך איר א טרייסל געטאָן, זי האט געדרייט מיטן קאָפּ, שטילערהייט האט זי אים איינגערוימט:

— וואַרט,— און איז אוועק אין אַלקערל.

ער האט ניט געוווּסט, וואס זי וויל.

זי איז באַלד פונדאָרטן ארויסגעגאנגען און געטראָגן עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר, וואס זיינען געווען געדיכט באַשריבן.

— אָן, יאָ,— ער האט טאַקע בעשאַסן רעפּעראט זיך דערמאָנט אין די פאַרגעסענע פּאַפּירלעך, און ער דאַנקט איר אָפּ.

פונעם אַלקערל דערהערט זיך דער מוטערס קאָל:

— מייסע, פאַרוואָס שלאָפסט ניט ראָכקע.

דאס מיידל האט זיך צוגעהערט, די אויגן אָנגעשטעלט צום אַלקער, א ליבן שמייכל געטאָן און איז אוועק שלאָפן.

ליבערמאַן איז געבליבן שטיין אין איין האנט מיט די בייגעלעך פּאַ־פּיר און אין דער צווייטער— מיטן בערשטל.

II

אין ראבינער־שול פלעג זײַן אן אָפטער גאסט שמועל־יוסעף בען יִיצכאָק פּין. ער איז געווען דער אינספּעקטער פון די שולן אין ווילנע און האָט אַכטונג געגעבן אף דער ווילנער ראבינער־שול.

אויך הײַנט אינדערפרי איז ער געקומען אין שול. ער איז געווען א שײנער. ער האָט זיך געהאַלטן ווירדיק און אפילע צו שטאָלץ. צוגײן צו אים פלעגט א שילער מוירע האָבן, כאָטש עס זײַנען געווען מינוטן, ווען ער אלײן האט ליב געהאַט פּלוצים צושטײן צו עמעצן פון די ראוויניסטן און פארפירן א לאַנגן שמועס.

דערזען ארײַנקימען פינען, איז לעבענזאָן צוגעגאַנגען צו אים און שוין פון דער ערשטער רעגע גענומען זײַן בײַסיק:

— פאַני פין, איר רעכנט מיסטאַמע, אז איר ווייסט אלצדינג, וואָס דאָ אין שול טוט זיך.

פין איז געווױנט געווען צום אַלטנס איבערגעטריבענעם אזעס, ווי ער פלעגט עס בא זיך אָנרופן, האָט עס אים דאָס מאָל אויך ווייניק איבעראַשט. ער האָט געוואָלט אָפּשווײַגן, אָבער דאָך האָט עס אים פאַרינטערעסירט:

— ווי הייסט?

— ווי הייסט, ווי הייסט? — איז לעבענזאָנס שטים געוואָרן גאליקער.

פין האט זיך אָפּגערוקט. דעם שטענדיקן דיפּלאָמאַטישן אויסזען האט אים מ ר צוגעגעבן זײַן אויסגעפוצטקייט, זײַן ציכטיק אויסגעפּרעסט ר גארניטער, איידער די אינערלעכע שטאַרקייט. ער האָט באזונדערס פײַנט געהאַט צו קריגן זיך מיטן אלטן לעבענזאָנען, וואָס האָט, לויט זײַן מיינונג, שוין געגומען ווערן אויוערבאָטל. נאָר אָפּשווײַגן איז ער ניט געווען קײַן באַלן.

דעם אַלטנס אויגן זײַנען געווען אופגערייצט.

— איר ווילט מיך הײַנט אופעסן — טוט פין א שמייכל — א פּאָנעם, איך האב זיך בא אײַך פאַרדינט.

— אײַך אופעסן וועט מיר ניט סטײַען קײַן קויעך, אָבער פּרוּוון אײַך אפּן צונג — דאָס יאָ.

— פּאַני לעבענזאָן, איר פּרוּווט שוין ניט דאָס ערשטע מאָל...

לעבענזאָן איז גלײַך אריבער צום טאָך:

— אשטייגער, זאָגט מיר אָן מעליצע, צי ווייסט איר, מיט וואָס עס אָטעמט אָט דאָ בא אונדז יעדעו טאַלמיד?

פין האָט ניט פארשטאנען, ער האָט זיך געכידעשט און סאָפּקאָלסאָף א שמייכל געטאָן:

— דאָס הייסט אָן מעליצע?

לעבענזאָן האָט צעשפּרייט זײַן טרוקענע האנט און זיך א פּאָר מאָל דורכגעגאנגען מיט איר איבער דער גרויער באָרד, נים אראָפּגעלאָזט די אויגן פון פינען:

— איר ווייסט, אז איך האלט פון וואָס מערער וויסן, אָבער בא אונדז קריכט מען שוין אף די ווענט. מע טראָגט זיך אום מיט פאלשע געדאנקען. נעכטן בין איך דאָ געווען, האָבן עטלעכע שילער געוואָלט מאכן אן אקאַדעמיע. איר לייענט די רוסישע ליטעראַטור?

פין האָט פאריסן דעם קאָפּ: וואָס דען, ער לייענט ניט?

— איז ווייסט איר, אז אונדזערע שילער שטודירן ניט קיין ווירדיקע מעכאבּרים, ווי אשטייגער, פיסאַריעוון. זאָל מען בעסער לייענען טורגעניעוון. פאראן אי שיינע שפּראך, אי שיינע געדאנקען,— האָט זיך דער אלטער געהיצט.

פין האָט געשוויגן. דערנאָך:

— ס׳איז איר, איר ווילט זיי צוטראָגן אלע אויצרעס פון דער וועלט. אָט, לעמאָשל, געטען ווילט איר איבערזעצן אף העברייִש. מיר דארפן האָבן ראבּינער, זיי זאָלן וויסן גוט די אינטערעסן פון אונדזער וועלט. און דערצו אביסל געזעצן, וואס די רעגירונג גיט ארויס. און מירן איינהיטן אונדזער לעבנשטייגער.

אָבער דאָ האָט זיך געקאָנט פארנעמען א קריג צווישן פינען און דעם אלטן דיכטער לעבענזאָן.

דער אלטער האָט צונישטמאכעריש א פיר געטאָן מיט דער האנט, פארדרייט מיט דער נאָז און זיך צעלאכט:

— נו, מיט אײַך איז אזוי: אבּי ס׳איז דאָ די קאפּאָטע, וועט זײַן דער ראָי. פארקערט, ס׳איז גוט, וואס מע אינטערעסירט זיך מיט קולטור פון די אומעס־האָוילעם.

פין האָט רויִק א זאָג געטאָן:

— מע דארף מערער אריינקוקן צו זיך. ס׳איז קיין צייט ניטאָ צו שטופּן די נאָז אין פרעמדע גערטנער.

לעבענזאָן האט זייער בארויגעז זיך אויסגעדרייט צו פינען:

— האָב איך מיט אײַך ניט וואָס צו ריידן און מיר זײַנען קוויט.

גרעטשאנינאָוו, דער לערער פון רוסיש, איז אָנגעקומען, דערזען, ווי ביידע זײַנען אָנגעבלאָזן, האָט ער אינדערהייך א זאָג געטאָן:

— О чем спорят два еврея?

דער אלטער לעבענזאָן האָט בייז א קנייטש געטאָן זײַן באָרד אין דער טרוקענער האנט און איז ארויס אין קאָרידאָר.
פין האָט געכאפּט א בוך און שווײַגנדיק ארײַנגעטאָן די אויגן.

III

ראָכל איז אַן איבערגעשראָקענע ארײַנגעלאָפן צום טאטן און אויסגע־שריגן:
— געדאליע וועט ניט פאָרן אין וואלד...
מוישע האָט זיך אופגעהויבן פונעם אָרט, צוגעגאנגען צום פענצטער, — אפּאָנעם, ער האָט געוואָלט אָפּזוכן מיט די אויגן געדאליען, — ניט געפונען אים, פרעגט ער גאנץ רויִק בא דער טאָכטער:
— ער וועט ניט פאָרן?
— ניין, ער וויל ניט פאָרן, — איז אלץ דערשראָקן ראָכל.
— מ׳עט אים אײַנבעטן, — האט זיך דער פאָטער צוריק אוועקגעזעצט אף זײַן אָרט. — אָבער פארוואָס ביסטו אזוי בלאס, טאָכטערוניו?
— די פאָלישוקעס זאָגן, אז זיי וועלן אים דערהארגענען.
בא מוישען האָבן זיך צונויפגעצויגן די אויגן. ער איז ווידער אופ־געשטאנען פון אָרט און זיך געהייסן ארײַנשיקן געדאליען.
אין עטלעכע מינוט ארום איז לעם מוישע בראָצקין געשטאנען א געזונטער יונג און זיך געטוליעט אין א קורצער פויערישער גוט־אונטערגעבעטער מארינארקע.
— זיי ווילן ניט, רעב מוישע, האקן פאר אזא פרײַז.
— מ׳עט זיי אײַנבעטן, — האָט דער סוחר געענטפערט גלײַכגילטיק.
— וואָס ארט אײַך, באלעבאָס, — האָט געדאליע זייער האכנאָעדיק פלוצים אויסגעשריגן, — איך וועל שוין זען, זיי זאָלן בעסער ווערן.
— אָבער זאָלסט וויסן, אז קײַן איין קאָפּיקע דארף עס מיך ניט קאָסטן!
געדאליע האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט: „עס וועט שוין זײַן רעכט” און זיך געוואָלט לאָזן ארויסגיין. דער באלעבאָס האָט געדאליען צוגערופן צו זיך, א וווּנק געטאָן צו דער איבערגעשראָ־קענער טאָכטער, זי זאָל ארויסגיין אין א צווייטן צימער, און אים אײַנגערוימט אפן אויער:
— דו שרעק זיי אָן, די כלאָפּעס, אז דער רועך זאָל זיי נעמען...
געדאליע האָט וווילינגעריש א מאך געטאָן מיט דער האנט:

— זיי זײַנען אזוי אזעסדיק.

— קום אהער, דו,—שלעפּט ער דעם יונג באַם אויער,—זאָג זיי, אז דו וועסט זיי אויסגעבן אלס פּוילישע מיאטעזשניקעס, פּארשטייסט, וועט זיי דער רועך כאַפּן...

געדאַליע איז באַ זיך געוואָרן שטארקער. אין די אויגן האָט א שפּיל געטאָן אן אזעסדיק פּײַערל: עפּעס האָט ער שוין פּארטראכט, דער יונג, און צוגעזאָגט מיט דעמדאָזיקן פּײַערל אויסצופּילן אלץ ווי עס באדארף צו זײַן.

— זאָל זיך דער באַלעבאָס ניט זאָרגן.

ווען געדאַליע איז אוועק, איז ראָכל צוריק ארײַנגעקומען, דערזען, אז דער טאטע איז רויִק, איז זי ארויס אינדרויסן.

ס'איז אָנגעקומען ליבערמאן. דאָס מיידל האָט אים באַלד דערציילט, וואָס זי האָט געהערט. ליבערמאן האָט זיך פּארינטערעסירט: די פּאָלי־שוקעס זײַנען געשטאנען אין א ראָד ארום געדאַליען און אים גערדאָט:

— אז מיט דיר ווילן מיר ניט ריידן.

— שיק ארויס דעם באַלעבאָס.

געדאַליען האָט שטארק פּארדראָסן, וואָס מע וויל זיך מיט אים ניט רעכענען. ער האָט אָפּגעמאָסטן מיט א בייזן בליק די פּאָלישוקעס, דערנאָך זיך אויסגעדרייט צו זיי מיט דער פּלייצע און · קלאָר געזאָגט:

— קיין שום כעזשבוינעס וויים איך ניט, ניט פון יענער וואָך, ניט פון פאר צוויי וואָכן, זאָל אײַך דער באַלעבאָס צאָלן. אז מע וועט מיך פרעגן, וויים איך גאָרניט.

ער האָט זיך געוואָלט לאָזן אוועקגיין, אָבער א פּאָר עלטערע גרויס־בערדיקע פּאָלישוקעס זײַנען אים פּארלאָפן דעם וועג.

— ווארט!—זײַנען זייערע בערד צעפּלאָנטערט געוואָרן. די הענט זייערע האָבן ניט געפונען קיין אָרט:

— וווהין גייסטו?

אָבער דער יונג האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט און איז ווײַטער געגאנגען.

איינער פון די עלטערע פּאָלישוקעס האָט געדאַליען א צי געטאָן צו זיך און אים פּעסט א טרייסל געטאָן. באַ געדאַליען האָט זיך צעשפּ־ליעט די מארינארקע. ער איז ווי צו זיך געקומען, באטראכט די צוגע־שטאנענע פּאָלישוקעס און איינעם א פּליוך געטאָן פון זיך איבערן פּאָנעם. ס'האָט א הילך געטאָן. דער פּאָלישוק איז אומגעפאלן, די איבע־ריקע האָבן זיך צוריקגעצויגן. דער אומגעפאלענער האָט זיך אפגיך אופגעהויבן, קיין וואָרט ניט געזאָגט און אוועק צו זײַניקע. געדאַליע

האָט פארשפיליעט די מארינארקע, זיך אָנגעבויגן, צונויפגעקויקלט א גרויסן הויפן שניי און אים געוואָרפן דעם פּאָלישוק:

— ווארט, ווערסט נאָך בא מיר גיין אין טיורמע אריין, מיאטעזשניק!

דער פּאָלישוק איז דערציטערט געוואָרן, ער האָט זיך אָפּגערוקט און איז ניט געבליבן.

ליברמאן, וואָס האָט אלץ צוגעזען, איז אריין צו מוישע בראָצקין און צו אים געזאָגט:

— אייער מעשאָרעס האָט געשלאָגן א פּאָלישוק. וואָס לאָזט איר אים?

דער סויכער האָט פארוואונדערט א קוק געטאָן אפן סטודענט און גע־ענטפערט:

— האָב קיין מוירע ניט, ער וועט זיי ניט הארגענען, די כלאָפּעס. זיי ארבעטן ניט און ווילן הויסאָפּעס. און מיין געדאליע לאָזט ניט אָפּנארן זיין באלעבאָס.

אינגיכן איז אָנגעקומען דער יונג. דער פּראָסט האָט אים ניט געארט. דאס פּאָנעם איז בא אים געווען פריש, ער האָט פריידיק א וואָרף געטאָן א פּאָר ווערטער צום באַלעבאָס:

— זייט שוין זיכער, זיי וועלן זיך שוין שטעלן צו דער ארבעט.

ראָכל איז צוגעגאַנגען צו געדאַליען:

— ווערסט שלעכט אָפּשניידן, אזא פּאַטש וועלן זיי דיר ניט פארגעסן.

— נישקאָשע, ער וועט אים בעשאָלעם אראָפּשלינגען.—ער האט זיך צעלאַכט און איז ארויסגעגאַנגען.

ליבערמאַן איז אים נאָכגעגאַנגען. ער האט געזען, ווי די פּאָלישוקעס האבן אים ארומגערינגלט און ווי זיי זיינען צוזאַמען אוועק אין וואַלד.

פּאַרנאַכט האט מען געבראַכט געדאַליען א צעגעריקטן, א צעבלוטיקטן און אוועקגעלייגט באַ מוישע בראָצקין אין קיך.

ראָכל האט זיך אוועקגעשטעלט לעבן יונג, וואָס איז געלעגן א פּאַרכאַלעשטער. ס'איז אָנגעקומען דער סויכער, אוועקגעטריבן די טאָכטער פון דער קיך, דערנאָך האט ער געהייסן די מענטשן אריבער־טראָגן דעם יונג אין פּאָדער־צימער.

שפּעטער איז אָנגעקומען געדאַליעס מאַמע, א קליינע, דאַרע יידענע מיט גרינע בייזע אויגן.

— ווי איז מיר,—האָט זי געבראָכן די הענט—וואָס האט מען עס גע־טאָן מיט מיין בעניאָכיד. רעב מוישע,—האט זי געשריגן צום וואַלד־סויכער—רעב מוישע, זעט טוט עפּעס, ער זאָל כאָטש עפענען די אויגן, ווי איז מיר.

מוישע האט זיך אָפּגעקערעוועט, פאַרשטאַנען, אז דער געליטע־נער וועט נאָך ניט עפענען די אויגן, און זיך אוועקגעשטעלט שווייַגנדיק לעם דער שוועל.

די ייִדענע האט זיך ערשט איצט ארומגעקוקט, אז איר זון ליגט אין פאָדער־צימער, האט זי גענומען ווארפן פאַרדראָסלעכע און שטעכיקע בליקן:

— טו נאָר א קוק, ווו מייַן בעניאָכיד ליגט. באַ מיר האָט ער אַזאַ שיין געלעגער, און דאָ ליגט ער באַ דער דרויסן־טיר.

דער סויכער האט ניט געענטפערט.

די ייִדענע איז צוגעגאַנגען צו דער דרויסן־טיר, עטלעכע מאָל זי צוגעשטופּט און זיך פאַרלוירן אומגעקוקט אף איר האַלב־פאַרגלייווערטן זון:

— וואָס־זשע וועט עס זייַן, געדאַליע?—האָט זי גענומען מיט אַלע קויכעס טאָרען דעם זון.

ער האָט אופגעעפנט די אויגן און געפרעגט:

— וואָס טוסטו דאָ?

די מאַמע האָט אים געלייגט קאַלט וואַסער.

ס'איז געקומען דער רופע.

ער האט באַטראַכט די אָנגעשוואָלענע ערטער באַם געליטענעם און א שמייכל געטאָן:

— נישקאָשע, וועסט דערלעבן מאָשיעכן.

די מאַמע האט זיך דערפרייט.

באַ מוישען האָבן זיך די גרויסע פּייַכטע הענט פריילעך א צי געטאָן צו דער באָרד. ס'איז קענטיק געווען, אז ער איז צופרידן. ער האָט געזאָגט צו געדאַליעס מוטער:

— קומט אריַין, וועט איר אויסטרינקען א גלאָז טיי.

די ייִדענע האט מיט קייַן אייוועך ניט גערירט.

— קומט אריַין, וועט איר זיך דערוואַרעמען מיט א גלעזל טיי און דערנאָך וועט איר אים נעמען אהיים.

די ייִדענע איז שווייַגנדיק נאָכגעגאַנגען. אף דער קיך האט מען איר אונטערגעטראָגן א גלאָז טיי. ערגעץ פון די ווייַטע צימערן האט ראָכל ארויסגעטראגן א פּאָר געבעקסן. מוישעס ווייַב איז ארויסגעקומען, א האַלב־אייַנגעוויקלטע אין דער טעו קישער שאַל. זי האט געקוקט אף דער ייִדענע אזוי, גלייַך זי זשאלעוועט א קוק צו טאָן און אייַנצייַטיק האט זי ראכמאָנעס, און ס'איז גראָד אזאַ מאָמענט, ווען מע דאַרף ראַכמאָנעס האבן.

— איר הערט — זאָגט זי צו געדאַליעס מוטער, — וואָס אַ מאַמע האָט אויסגעשטיין פון קינדער.

די דאַרע יידענע האָט זיך דערמאָנט, אַז איר זון ליגט אין פאָדער־צימער, ווו עס שטייט אַלט־אָפּגענוצט מעבל, און ווו עס איז אָנגעוואָרפן אָפּגענוצטע שיך און קליידער. זי האָט איבערגעלאָזט די טייל מיט די געבעקסן, אַרייַנגעלאָפן אין פאָדער־צימער, דערזען, ווי געדאַליע זיצט שוין מיט אַן איבערגעבונדן פּנים און דערציילט די מענטשן, ווי די פּאָלישוקעס האָבן אים געשלאָגן. דער געליטענער האָט זיך אַלע ווייַלע געקנייטשט, זיך אָפּגעשטעלט. ס׳איז אים, קענטיק, שווער געווען צו דערציילן. דער סויכער האָט אים געפרעגט, ווער האָט עס אים געשלאָגן.

געדאַליע טראַכט און טראַכט און גיט ניט קיין ענטפער. אָט דאָס איז די צאָרע, וואָס ער געדענקט ניט:

— אַלע האָבן אים געשלאָגן.

— ווען מע ווייסט פּונקט ווער, — טרייסט דער סויכער געדאַליעס מוטער, — וואָלט מען זיי באַשטראָפט, און אַז ער זאָגט אַלע, קאָן מען דען געמען אַלע?

די יידענע קוקט רעב מוישען גלייַך אין פּנים אַרייַן. גאָרניט — טראַכט זי זיך — די קלעפּ זייַנען שוין סייַווי געבליבן באַ מייַן קינד, און דער וואָלד מיטן גוטס — באַ זייַן באַלעבאָס.

זי האָט אָנגענומען געדאַליען באַ אַ האַנט:

— קום שוין אַהיים, מייַן ברויטגעבער.

זי האָט זיך אפילע ניט געוואָלט אויסדרייען צו זאָגן אַ גוטע נאַכט.

ס׳איז שוין געווען פינצטער, טיף אין אָוונט. אַ לייַכט, פריש שנייעלע האָט זיך געקלעפּט צו דער ערד, צו די הייַזער, צו די ביימער.

ליבערמאַן איז געזעסן באַ זיך אין צימער און ניט געקאָנט פאַרגעסן דעם פּליוך, וואָס געדאַליע האָט דערלאַנגט דעם פּאָלישוק. ס׳האָט אים עפּעס באַזונדערס האַנאָע געטאָן, ווען ער דערמאָנט זיך אין געדאַליעס צעטרענטער, צעקנייטשטער גוט־אונטערגעבעטער מאַרינאַרקע און אין זייַן אונטערגעשלאָגן איבערגעבונדן פּנים. ס׳איז געווען אַ סימן, אַז די פּאָלישוקעס האָבן זיך גוט נוקעם געווען פאַר דעם פּאַטש.

אָבער ניט נאָר פאַרן פּאַטש האָבן זיי זיך נוקעם געווען... — וויל זיך קלאָר מאַכן ליבערמאַן.

ער דערהערט, ווי דער סויכער מוישע בראָצקי האָט זיך געזעצט

טרינקען טיי, ווי אלע אפדערנאַכט, גלײַך ס'איז הײַנט בא אים גאָרניט ניט געשען אין זײַנע װעלדער.

IV

דעם לערער גרעטשאַנינאָוו האָט רעקאָמענדירט אין ווילנער ראַבינער־שול דער באַרימטער מוראַוויאָוו, וואס האט דערשטיקט דעם פוילישן אופשטאנד אין 1863־טן י. אין ווילנע האט מען שפּעטער מיט יאָרן מיכאַיל ניקאָלײַעוויטש מוראַוויאָוון אוועקגעשטעלט א גלענצנדיק קירכעלע, וואס האט שעמערירט אין גאָלד, פרומע קריסטן פלעגן פארבײַגיין און זיך בוקן נידעריק צו דער ערד.

דער לערער גרעטשאַנינאָוו איז געווען אין איינעם פון די שטראָף־אָטריאַדן קעגן די אופשטענדלער. ס'איז געווען א סוואָרע, אז ער האט געהאט א יכעס־בריוו ניט נאָר פון מוראַוויאָוון, נאָר אויך פון אלעקסאַנדר דעם צווייטן אליין.

אמאָל, מיט יאָרן צוריק, האט גרעטשאַנינאָוו געפּרוווט ווערן אַן אַקטיאָר אף דער קייזערלעכער בינע, נאָר ס'איז אים ניט געגאנגען, איז ער אוועק אף אַן אַנדער וועג זיך מאַכן א קאַריער. פון זײַן אַקטיאָרישער פארגאנגענהייט איז אים פאַרבליבן א געוווינהייט אָפּצוגאָלן דאס פּאָנעם ביז גלאַנץ.

די לערער־קאַריער האט ער דאַפקע באשטימט אָנצוהייבן אין דער ווילנער יידישער ראַבינער־שול.

מיט יידן האט בא אים זיך געבונדן דער באגריף פון העכט.

ער האט ליב געהאט אמאָל ארײַנוואַרפן א ווערטל די שילער:

— די יידן האבן דעריבער ליב העכט, ווײַל עס איז זייער נאָענטסטער קאָרעוו — א ייד אף דער טריקעניש און א העכט אין וואַסער...

מע פלעגט אים אָפּשווײַגן דידאזיקע בייזע כאָכמע, מ'האָט פאר אים מוירע געהאט. כוץ אלעמען, זײַנען די שילער, די ראַוויניסטן, זייער שוואַך געווען אין רוסיש, איז ניט איבעריק צום הארצן געווען האבן צוטאָן מיט א לערער, וואס קאָן שטענדיק קאַליע מאַכן.

באזונדער האט פון גרעטשאַנינאָוון געליטן דער פערציקיאָריקער שילער שאַפּיראָ.

שאַפּיראָ איז געקומען פון א ווײַטער שטאָט, פון א האַלב־טויבער יעשיווע, וואס האט אף אים איבערגעלאָזט פיל סימאָנים פון דערשלאָגנקייט און געפאלנקייט. א נידעריקער, מיט א פולן פּאָנעם, וואס האט זיך

אויסגעדאַכט, אַז ס'איז געשוואָלן, אַ באָרד, ניט קיין באָרד — ס'האָבן עפּעס יאָ געוואַקסן אין עטלעכע ערטער האָר, געלע צעפּאַטלטע האָר. דערצו — אַ קורצזיכטיקער. די ברילן־גלעזלעך קריטיק, די דראָטלעך פֿון די ברילן זײַנען געווען גרין און פֿאַרזשאַווערט. שאַפּיראָ איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ טיפּישער שלעפּער פֿון אַ ווײַט־פֿאַרוואָרפֿענעם אָרט, נאָר ער האָט געהאַט אַ גרויסן ווילן צו לערנען. ס'האָט אָפּטמאָל געדאַכט — דער מענטש קאָן ברעכן אײַזערנע ווענט און קומען צו זײַן ציל. דעריקער האָט ער געקענט העברעיִש, געמאָרע, דיקדוק און געאָגראַפֿיע.

ער איז שוין געווען אין אַן עלטערן קלאַס, נאָר קיין רוסיש האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן. שאַפּיראָ האָט מיט גרויס מאַטערניש אויסגעלערנט וואָסטאָקאָווס גראַמאַטיק אױף אויסגעווייניק; מע קאָן זאָגן, אַז אױף די גראַמאַטיקאַלישע קלאָלים האָט ער געקאָנט פֿון שלאָף ענטפֿערן, נאָר — אָן אומגליק! — די אויסשפּראַך, די יידישע ספּעציפֿישע אויסשפּראַך האָט צעקאַליעטשעט און איבערגעקערט אַלע רוסישע ווערטער, וואָס זײַנען אַרויסגעקומען פֿון זײַן מויל.

דאָס רוסישע וואָרט פֿלעגט ווי צעמאָלן ווערן אין שאַפּירעס שלונג, און ביז ס'איז געקומען אױף זײַנע ליפּן, האָט עס אַ קלונג געטאָן אַזוי פֿאַלש און צעבראָכן, אַז מער ווי געלעכטער האָט עס ניט אַרויסגערופֿן.

אָט פֿון אים האָט גרעטשאַנינאָוו מערער ווי פֿון אַנדערע אָפּגעלאַכט.

אַז ער רופֿט אַרויס עמעצן און מע ענטפֿערט ניט ווי עס געהער צו זײַן, טוט ער אַ בויג אויס זײַן פֿיגור צום שילער און פֿון זײַנע דינע ליפּן פֿאַלט אַראָפּ:

— בא אײַך אין בערדיטשעוו רעדט מען אַזוי רוסיש.

גרעטשאַנינאָוו האָט באַהאַלטן זײַנע פֿאַרביסענע אויגן אונטער טונקעלע ברילן. די שילער האָבן דערפֿון זעלטן געקאָנט כאַפּן דעם לערערס בליק. אַ'נס האָבן זיי פֿאַרשטאַנען: גרעטשאַנינאָווס אויגן זײַנען פֿול מיט כויזעק.

פֿאַר מוירע פֿלעגט מען אים אָפּשווײַגן.

אין קלאַס פֿלעגט שאַפּיראָ זיך באַהאַלטן, צוטוליען זיך צו דער שוואַרצער פֿאַרטע — מע האָט אים קימאַט ניט אַרויסגעזען.

ווען גרעטשאַנינאָוו האָט געוואָלט אים פֿרעגן, אויסרופֿן, פֿלעגט ער זיך אויפֿהייבן פֿון דעם געלן טישל, זיך אויפֿשטעלן אױף די שפּיץ פֿינגער און פֿאַרײַסן די טונקעלע ברילן:

— שאַפּיראָ איז הײַנט ניט געקומען?

שאַפּיראָ טוליעט זיך צו דער שוואַרצער פֿאַרטע.

— איר זײַנט אַ געלער, שאַפּיראָ, געלס אַף שוואַרץ זעט זיך שטאַרק אָן,—כויזעקט גרעטשאַנינאָוו.

שאַפּיראָ הייבט זיך דעמאָלט אונטער און האָט אַן אויסזען פֿון אַ צעפּאַטלטער, צעקנייטשטער מויז, וועמען די קאַץ האט נאָרוואָס ארויסגעלאָזט פֿון אירע נעגל.

גרעטשאַנינאָוו האט געהאט אזא לײַדנשאפט: א ליד, באַזונדערס קרילאָווס א מאָשל, פֿאַנאַנדערצוטיילן אַף פּערזאָנען, און די שילער זאָלן דעם מאָשל זאָגן לויט די פּערזאָנען. מעגלעך, באַם לערער פֿון רוסיש איז עס געגאנגען פֿון זײַן אַלטער ליבע צום טעאַטער, צו אַקטיאָרישקייט. אַלנפֿאַלס, די שילער פֿון דער ווילנער ראבינער־שול האבן ווילנדיק ניטווילנדיק געמוזט אויסשטיין פֿון גרעטשאַנינאָווס לײַדנשאפט, און גראדע אַף צו פֿאַרווײַלן דעם קלאַס פֿלעגט דער לערער אויסקלײַבן איינעם פֿון די פּערזאָנען שאַפּירען.

א גרויער ווינטער־טאָג. אין קלאַס איז אָנגעהייצט. עס איז שטיל, ווי שטענדיק אַף גרעטשאַנינאָווס לימעד. דער לערער שפּאַנט איבערן קלאַס. ניט ער שפּאַנט, נאָר ער מאַרשירט. עפּשער דערמאָנען זיך אים די „פּאָכאָדן", וואס ער האט דורכגעמאכט מיט די ארמיי־טיילן קעגן די אופֿשטעגדלער. די טריט זײַנע קלינגען און פֿאַלן ציטערדיקע צו די שויבן.

— גרינבערג, איר וועט זײַן דער העלפֿאַנט, און שאַפּיראָ—די מאָסקע. דעם אַווטערס ווערטער וועט אויך זאָגן שאַפּיראָ.

דער קלאַס מענטשן האט זיך א וויג געטאָן. עפּעס האט מען דערפֿילט, אז פֿון אונטער גרעטשאַנינאָווס טונקעלע ברילן גייט א ביטלדיקער אָטעם, און א באַזונדערע שטימונג פֿילט זיך אין זײַן האַסטיקן מאַרשירן איבערן קלאַס. די שילער האבן דערזען שטיין גרינבערגן לעם לערערישן טישל.

גרינבערג, א יונגער שילער פֿון א יאָר פֿופֿצן, האט שוין וואַרטנדיק געקוקט צו דער פּאַרטע, פֿונוואַנען דער פֿולגופּיקער שאַפּיראָ האט געזאָלט ארויסגיין.

שאַפּיראָ האט זיך ניט געכאַפּט.

ס'האבן זיך געפֿונען אזוינע, וואס זײַנען שטענדיק געווען באַלאָנים אַף א פֿריילעך בילד, און געיײַלט שאַפּירען:

— דער לערער וואַרט.

— וואָס קלײַבסטו זיך אזוי לאַנג?

גרעטשאַנינאָוו איז געשטאַנען מיטן פּאָנעם צום פֿענצטער. ער האט

זיך מיטאַמאָל אויסגעדרייט צום געלן טישל, דערזען, אַז סע שטייט בלויז אײן גרינבערג, האָט ער גלייך געפרעגט:

— А где Моська?

אייניקע שילער האָבן זיך צעלאַכט און אייניקע האָבן אומצופרידן דערשטיקט אַ געמורמל, וואָס איז קלעמענדיק אונטערגעקומען צום האַלדז.

שאַפּיראָ איז שוין אומגליקלעך געשטאַנען לעם טישל קעגן דעם יונגן פרײלעכן גרינבערגן, וואָס האָט געזאָלט זיין קרילאָווס העלפאַנט.

שאַפּיראָ האָט ניט געדענקט אָף אויסנווייניק דעם מאָשל. גרעטשאַניגאָוו האָט קלוימערשט אַרויסגעוויזן אַ מין לערערישן כעסעד צום שילער און געהייסן אים דערלאַנגען דאָס היכל. שאַפּיראָ האָט געטוקט זיינע קורצזיכטיקע אויגן און געלייענט, דאָס פולע פּאָנעם זיינס האָט זיך געטרייסלט און געוועזן רויט ווי אַ בורעק.

פון צייט צו צייט האָט זיך ערגעץ אָף אַ פּאַרטע געהערט אַ דערשטיקט געלעכטער, וואָס איז אויסגעקומען דערשראָקן און פאַרלאָרן אין דער אָנגעשטרענגטער שטילקייט, אָבער ווען ס'איז צוגעקומען צו דער פראַזע:

Ай, Моська, знать она сильна, что лает на слона

האָט שאַפּיראָ מיט זיין צעבראָכן־דערשלאָגענעם קאָל ניט געקאָנט אַרויסברענגען מאָסקע, און ס'איז בא אים אַרויסגעקומען מאָשקע, מיט אַ „שין“. וויפל ער האָט זיך ניט געמוטשעט, וויפל ער האָט ניט געשליפן דעמדאָזיקן אָס אין זיינע שיטערע ציין, האָט אַלץ אָפּגעקלונגען: „איי, מאָשקע“. מע האָט ניט געלאַכט, אַלע אויגן זיינען געווען געווענדעט דאַפּקע ניט צו שאַפּירען, נאָר צום ברייטפּלייציקן הויכן לערער פון רוסיש, פון וועמעס דינע ליפּן ס'האָט אַזוי האַנאָעדיק געקאַפּעט: „מאָשקע, מאָשקע לאַיעט נאַ סלאָנאַ“. גרעטשאַניגאָוו האָט פּלוצים איבערגעשלאָגן דאָס לייענען מיט אַ שאַרפן אויסגעשריי:

— זעצט זיך! — און אָוועקגעשטעלט אין זשורנאַל אַן איינס.

זיין האַרט קאָל האָט ווייטיקדיק אַ שמאַרץ געטאָן איבער אייניקע שילערס באַוווּסטזיין.

אין דער צייט האָט זיך דערהערט דער קלונג.

גרעטשאַניגאָוו האָט, ווי זיין שטייגער, אַ קוק געטאָן אָפן זייגער און זיך געלאָזט גיין.

בא דער טיר האָט ליבערמאַן אים געוואָלט אָפּשטעלן.

— אַלעקסיי פּעטראָוויטש, — פאַרשטעלט ליבערמאַן דעם וועג צו דער טיר.

גרעטשאַנינאָוו מאכט זיך ניטוויסנדיק און מאַרשירט ווײַטער.

— אַלעקסיי פּעטראָוויטש, איר אַנטלויפט,—האָט ליבערמאַן מיט אביסל א הייזעריקלעכן געלעכטערל געוויזן זײַנע שטאַרקע ציין.

דער לערער האט געקוקט אין ליבערמאַנס שיינע אויגן, וואס זײַנען איצטער פול מיט פאַרדראָס. מיט א שאַרפן זשעסט האט ליבערמאַן א נעם געטאָן דעם לערער פאַרן עלנבויגן און אים אוועקגעפירט אין א זײַט. אייניקע שילער האבן דערזען און נאָכגעקוקט.

— אַלעקסיי פּעטראָוויטש,—איר קענט זיך ניט האַלטן, אַלעקסיי פּעט־ראָוויטש, וועלן מיר אייך אויסלערנען, פאַרגעדענקט עס!

גרעטשאַנינאָוו האט א ציטער געטאָן, די מוסקולן אף זײַן גלאַט־אויס־געגאָלט פּאָנעם האבן זיך קנוילריק אָנגעגאָסן, א רויטע פאַרב איז ארויס־געטראָטן אף די באַקן. ער טוט זיך א שנעלן קוק אום, צי קיינער האט ניט געהערט, וואס ליבערמאַן האט אים געזאָגט, איבערצײַגט זיך, אַפּאָ־נעם, אז קיינער האט ניט געהערט, מעסט אָפּ דעם דרייסטן שילער מיט א ביטל־בליק און מאַרשירט ווײַטער צום לערער־צימער.

אַרום ליבערמאַנען איז אויסגעוואַקסן א רעדל.

— וואָס האסטו אים געזאָגט?

— ער האט דיך געוואָלט אופעסן מיט די אויגן.

ליבערמאַן האט געשוויגן.

V

פון קליינערהייט אָן האט אַרן ליבערמאַן געשריבן שיין, מיט געקינ־צלטע, געשנירלטע און געצאַצקעטע אויסיעס.

ווען דער זיידע רעב איצעלע האט זײַן באַליבט אייניקל אַרן־שמועל אָפּגעגעבן צום גראָדנער מעלאַמעד, האט ער ניט געקאָנט וויסן, אז ער וועט אופוועקן באם טאַלמיד א באזונדער אינטערעס צו שיין שרײַבן. אייגנטלעך, האט דער גראָדנער מעלאַמעד ניט נאָר מיטגעווירקט, אז אַרן־שמועל זאָל שיין שרײַבן, ער איז אויך געווען פאַרן טאַלמיד דער ערשטער קוואַל, פונוואַנען מע דערוויסט זיך וועגן פיל פאַרבאָטענע זאַכן. ער איז געווען א שטיקל מאַסקל, ער האט דערקענט אין אַרן־שמועלן א בא־גאַבט קינד.

אף גאַנצע שאָען פלעגט דער מעלאַמעד איבערלאָזן דעם טאַלמיד אליין און ערגעץ אוועקגיין. אַרן איז געזעסן און געשריבן, און געצאַצקעט און געצייכנט.

ער האט איינמאָל אָנגעמאָלט דעם רעבן זײַנעם, ווי ער זיצט איבער ערטערס „הצופה לבית ישראל״ *. דער גראָדנער איז אַרײַנגעקומען אין שטוב, צוגעגאנגען צו אַרעגען און, ווי זײַן שטייגער, געפרעגט שטיל, שעפּטשענדיק:

— וואס האָסטו עפּעס אופגעטאָן?

דאס יינגל האט געשוויגן. נאָר מיט די טיפע אויגן געזוכט אַפן רעבן א שטריך, וואָס זאָל אים צונויף קומען אף צו פארענדיקן זײַן אָנגעהויבענע צייכענונג.

— וואָס באטראכטסטו מיך אזוי?

דאָס יינגל האָט געשוויגן.

דער מעלאמעד האָט דערזען אין יינגלס הענט א בילד. ער וויל עס בא אים נעמען און ווערט בלאס. זײַן באָרד האָט זיך ציטעריק א וויגגעטאָן און איז אויך ווי בלאס געוואָרן.

דאָס יינגל האָט די צייכענונג פארקנײַטשט אין דער האנט.

דער מעלאמעד האָט מיט דערשראָקענע הענט ארויסגעכאפּט די צייכענונג. ער האָט זיך אומגעקוקט צו דער טיר און צו די פענצטער:

— ארעלע, וואָס איז עס פאר א סייפער בא מיר אין די הענט?

— איר זעט דאָך, רעבע.

— דו ווייסט וואָס פאר א סייפער עס איז?

דאָס יינגל שווײַגט.

— דו ווייסט?—פאלט דעם מעלאמעדס קאָל.

דאָס יינגל שווײַגט.

— דו ווייסט, דו, באָכערעך דו. דאָס איז אזא סייפער, וואָס מע טאָר ניט לייענען!

— וואָס־זשע לייענט איר?

א פויזע. און באלד:

— ווײַל גרויסע מעגן עס לייענען.

— איך האָב עס שוין געלייענט,—איז דאָס יינגל געווען דערשראָקן.

דער מעלאמעד איז שוין איצט געווען רויט, אפן שטערן זײַנען בא אים ארויסגעטראָטן טראָפּנס שוויס, ער האָט זיי אָפּגעווישט, אלע ווײַלע זיך אומגעקוקט, צי קיינער קומט ניט אָן.

— די צייכענונג,—האָט דער מעלאמעד זיך געפּייזערט,—די צייכענונג געפעלט מיר, שיין, פײַן. אָבער דעם סייפער האָסטו געדארפט מאכן אן אנדערן. גיב אהער דאָס פּאפּירל.

* „הצופה לבית ישראל״ א מאָסקיליש ווערק—אף העברייִש.

דאָס ייִנגל האָט שוין צוריק געהאַלטן בײַ זיך אין די הענט די צײַ־כענונג און זי געוואָלט באַהאַלטן הינטערן רעקל.

דער מעלאַמעד האָט זיך גענומען דינגען מיטן ייִנגעלע:

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז די צייכענונג געפעלט מיר.

דעם ייִנגל איז אײַנגעפאַלן:

— ווייסט איר וואָס, גיט מיר דעם „האצויפע" איבערלייענען.

באַם מעלאַמעד האָט זיך אין די אויגן אַ מיש געטאָן:

— וועסט אויסוואַקסן, וועסטו לייענען.

— איך בין שוין אַ גרויסער, אַניט... אויב איר גיט ניט...

— וואָס אַז ניט,—האָט דעם מאַלאַמעד דער קאַעס אַ שלאָג געטאָן אין מויעך. ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, זי צוגעשלעפּט, געוואָלט זי פאַ־ריגלען, נאָר זיך פאַרשעמט און גענומען כאַנפענען:

— אַרעלע, דו נעם און מעק אָפּ. ביסט אַ גוטער מאָלער. נעם און מעק אָפּ, שרײַב דאָרטן אַרויף אַן אַנדער סייפער...

אָבער דער מעלאַמעד האָט געקענט דאָס ייִנגל פאַר אַן אַקשן. אַרן איז שוין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר צוועלף, די אַקשאָנעס איז אים געלעגן אין אַ דינעם קנייטשעלע צווישן זײַנע טיפע קלוגע אויגן. אָט וועגן דעם קנייטשעלע האָט דער מעלאַמעד אָפּט געטראַכט. ס'וועט ברעכן אײַזן—האָט ער געטראַכט. דעריבער איז אים איצטער אײַנגע־פאַלן אָפּטרעטן דעם טאַלמיד זײַנעם.

ער האָט אָבער אַזוי לאַנג גערעדט, ביז ער האָט דאָס ייִנגל געבראַכט צו טרערן. דעמאָלט האָט ער זיך דערשראָקן, ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. ער האָט גענומען אײַנעמען דאָס ייִנגל מיט גוטן:

— איכל דיר געבן דעם סייפער, וועסטו דען פאַרשטיין?

— פאַרשטיין. איך האָב שוין אין אים אַרײַנגעקוקט.

— שאַ, שאַ,—האָט דער מעלאַמעד צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן.

... ביז טיף אינדערנאַכט איז אַרן־שמועל געזעסן איבערן סייפער און געשלונגען יעדעס וואָרט.

דעם גראָדנער מעלאַמעד האָט באַנק געטאָן צערײַסן דעם טאַלמידס צייכענונג. ער האָט קוים געפּויעלט, אַז אַרן־שמועל זאָל אָפּרײַבן דעם נאָמען פונעם סייפער. איז געבליבן אַ שיינע צייכענונג, וואָס דער טאַל־מיד אַרן־שמועל האָט געמאַכט.

אין יאָרן אַרום האָט ליבערמאַן אין דער ראַבינער־שול זיך ווידער גענומען צום צייכענען.

אין ראַבינער־שול האָט מען עס געוווּסט.

אין א שיינעם טאָג איז צו ליבערמאנען צוגעגאנגען פין, דער קרייז־אינספעקטער פון שול:

— ליבערמאַן, מיר דאַרפן אייך האבן. איך וועל מיט אייך שפעטער ריידן.

ליבערמאַן איז געווען איבערצייגט, אז די געשיכטע מיט גרעטשאַניגאָוון איז דערגאנגען צום אינספעקטער. ער האט זיך אָנגענומען מיט הארץ: איין מאָל פאַר אלע מאָל, ס'איז געקומען א צייט, אז קענן אזא לערער מוז מען זאָגן א הארב וואָרט. א נאַרישקייט, וואס ער איז ניט צוגעגאנגען צו פינען, איידער מע האָט אים גערופן.

מיט אומגעדולד האט ליבערמאַן געוואַרט, ווען פין וועט אים שוין ווידער רופן.

שפעטער אביסל, טאָקע דעמזעלביקן טאָג, בעשאַס א האַפסאָקע, האָט ליבערמאַן דערזען דעם אינספעקטער פאַרבייגיין לעם דער סטאָלאָווקע, און איז צו אים גלייך צוגעגאנגען.

— איר דאַרפט מיך, דוכט זיך, האבן, סאַמויל איסאַקאָוויטש.

פין האט מיט אַן עמעס דיפּלאָמאַטישן קוק אָפּגעמאָסטן דעם ראַבינטשוק, אָנגעבלאָזן מיט שטאָלץ זיין גוידערל און אַביסל פאַרדראָסיק געענטפערט:

— איכל אייך רופן.

ליבערמאַן האט זיך אָפּגערוקט, בעשאַס־מייסע געוואָלט וויסן, וואס האט עס דאָרטן גרעטשאַנינאָוו אָנגערעדט, אָבער אַפן אָרט האט אים פאַרדראָסן, פארוואָס איז ער ניט געדולדיק און לעמיי אַרט אים. נו, גוט, האט גרעטשאנינאָוו זיך אָנעקלאָגט. ער וועט אופהייבן קעגן אים דעם גאנצן קלאַס שילער, אלע קלאַסן, מע וועט זיך צונויפריידן, ער וועט אויסנוצן די געלעגנהייט און אף דעם נאָענטסטן פּאָרטראג וועט ער דערציילן וועגן רוסישן לערער, און אלע איינינעם וועט מען עפּעס צוטראַכטן. קעגן א מאַסע איז שווער זיך קעגנשטעלן, און עס נעמט אים באַנק טאָן, וואס ער האט דעמאָלט שאַרפער ניט ארייננגעזאָגט גרעטשאַנינאָוון.

פין האט זיך דאַפקע עטלעכע מאָל דורכגעדרייט אין קאָרידאָר, בעפיירעש געזען ליבערמאנען און זיך צו אים ניט געווענדט.

ערשט פארן ענדיקן די לימודים האָט וולאַדיסלאוו אופגעזוכט ליבערמאנען און אים געהייסן גיין צום „אינשפעקטער".

אריינגעקומען צום אינספעקטער, האָט דער ראווינסט דער ערשטער געוואָלט אָנהייבן ריידן וועגן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען.

דער אינספעקטער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אָן אַ זײַט און פּלוצים זײער שטאָלץ געזאָגט:

— ליבערמאַן, די שול האָט צו אײַך אַן איניען.

— איך װײס,—האָט דער שילער קאַלט געענטפערט.

בא פינען האָבן די ברילן א שפּרונג געטאָן:

— איר װײסט? ס'איז דערװײַל א סאָד, פונװאַנען װײסט איר?

ליבערמאַן האָט פארשטאַנען, אז ס'האַנדלט זיך גאָר װעגן עפּעס אַנדערש.

— מעגלעך, איך האָב א טאָעס.

דאַן האָט אים פּין דערציילט, אז אלעקסאַנדער דער צװײטער גרייט זיך צו קומען קײַן װילנע, און די שול װיל אים צוטראָגן אַן אדרעס, איז געפאַלן אָף ליבערמאַנען דער גרױסער קאָװעד, אז ער זאָל דעם אדרעס אָנשרײַבן.

— אײַער קסאװ,—איז פּין געװען צוגעלאָזט,—אײַער קסאװ איז אונדז באַקאַנט, און דערצו װעט איר מאַכן א פּאָר װיניעטקעס. נאָט אײַך דעם פּלאַן פון דער װיכטיקסטער װיניעטקע: אינמיטן—דער מאָנאַרך. נאָר מאָלט אים אָן מיט יִרעס־האַקאָװעד; מאַכט אים שיין. װיפל איר פאַר־מאָגט שיינקייט אין אײַער פּענדזל, גיט אַרײַן אין דעם לײַטזעליקן מאָ־נאַרך. און אַרום אים—אַלע שטאַנדן: די אַדל־לײַט, די סאָחרים און פויע־רים. יאָ, די פויערים דאַרף מען שטעלן אָף די קני. פאַרשטאַנען? די אידייע האָסטו באַנומען?

ליבערמאַן איז געװען איבעראַשט און אַנטױשט. ער האָט זיך געהאַט צוגעגרייט א גאַנצע רעדע װעגן גרעטשאַנינאָװן און ס'האָט זיך אױס־געלאָזט א געשיכטע מיט אַן אדרעס.

פּין האָט אים איבערגעגעבן דעם טעקסט. ליבערמאַן איז געבליבן שטיין מיטן פּאַפּיר אין דער האַנט און אַלץ ניט געװוסט, װאָס צו טראַכטן װעגן דעם: „אַרום דעם לײַטזעליקן מאָנאַרך אַלע שטאַנדן. אָף די קני".

בא ליבערמאַנען איז געבױרן געװאָרן א װידערגעפיל. אָבער צי קאָן ער זיך אָפּזאָגן דערפון, צי קאָן ער זיך קעגנשטעלן?

— נו, ליבערמאַן, איר האָט באַנומען, טראַכט אַליין אויך עפּעס צו, איר'ט מיר װײַזן.

דער שילער האָט גאָרניט געענטפערט.

— װאָס האָט איר זיך פאַרטראַכט, ליבערמאַן?

פּין איז אַװעק מיט זײַן עכט־דיפּלאָמאַטישן אויסזען פון אַן אינספּעק־טער, װאָס געדענקט גוט זײַן פּאָסט און זײַן װירדע אין דער װילנער ייִדישער ראַבינער־שול.

עטלעכע אַפּדערנאַכטן איז ליבערמאַן געזעסן פֿליִסיק בא מוישע בראַצקין אינדערהיים און געשריבן דעם אַדרעס. דעריקער האָט ער אוועקגעלייגט מי און קויכעס אַף די ווינייעטקעס. ס'איז אים איַינגעפאַלן אויסמאָלן גאָר א קונציקע ווינייעטקע. ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעמאכט, גע־מעקט, אויסגעמאָלט און ווידער געמעקט.

ראָכל האט זיך אוועקגעשטעלט הינטער ליבערמאַנס פּלייצע און נאָכ־געקוקט נאָך יעדער באוועגונג זיַינע. אינמיטן, ווען דער בויגן פּאַפּיר האט זיך אַראָפּגעגליטשט אַפן דיל, האט זיך ראָכל געלאָזט אים אופהייבן. ליבערמאַן האט זיך אויך אָנגעבויגן:

— פּאַמעלעך, וועסט אויסשמירן.

דעם מיידלס בליק האט זיך אָפּגעשטעלט אַף עפּעס און ס'איז קענטיק געווען, אז זי איז פאַרכאַפּט:

— אַרן, א קרוין, אַן עמעסע קרוין!

דאס מיידל האט דערקענט און אויסגעשיילט פון די פאַרדרייטע צאַצ־קעס דעם אינהאלט, וואס ער האט אריַינגעלייגט אין זיַין ציכטיקער ווינייעטקע.

ליבערמאַן איז געווען דערשלאָגן:

— ווו? דו זעסט א קרוין? אָט וועל איך עס נעמען און איבער־מאַכן...

— פארוואָס איז? ס'איז זייער שיין,— האט זיך דאס מיידל געוווּנ־דערט.

דערוויַיל איז אָנגעלאָפן דער קליינער הערשעלע, אריַינגעבראכט א קינדערשע אומרויִקייט און צעשטערט זייער שמועס.

דאס מיידל איז ארויסגעגאַנגען פונעם צימער און מיטגענומען דאס ברודערל.

ליבערמאן האט זיך ווידער גענומען צום אַדרעס, צו דער פארצוויַיג־טער ווינייעטקע. שפּעטער, ס'איז שוין געווען טיף אינאָוונט, איז ראָכל ווידער אריַינגעקומען.

ליבערמאן האט זיך געמאכט ניט הערנדיק. א מאָדנער אַקשן איז גע־ווען אָט דער יונגערמאן.

דער צימער איז געווען איַינגעטונקען אין טונקעלער שיַין פון די ליכט. אַף די ווענט האבן זיך געוויגט די שאָטנס פון ביידע יונגע מענטשן.

ראָכל האט געפרעגט:

— דו האסט שוין געענדיקט?

— נאָך ניט,—האט ער אויסגעדרייט דאס פּאָנעם צו איר.

— אַזוי לאַנג,—האט זי מער ניט געהאט וואס צו זאָגן. זי האט גענומען די צייכענונג פון זײַן האנט און געקוקט אף איר.

— איר לייענט גאָרניט, איך האב אייך קיינמאָל ניט געזען לייענען,— האט ליבערמאַן פּלוצים געזאָגט.

ס׳האט זי איבעראַשט. זי האט אים ניט געוווסט די ערשטע מינוט וואָס צו ענטפערן.

דאס מיידל פינטלט מיט די אויגן און טרייסלט ניטווילנדיק מיטן קאָפּ, גלײַך זי איז גרייט אָפּטרייסלען פון זיך עפּעס א מיִעסע באשולדיקונג. ער קוקט אַפן פאַפּיר, וואָס זי לאָזט ניט ארויס פון דער האַנט, און רעדט ווײַטער:

— אין ראַבינער־שול זײַנען דאָ קרײַזלעך. מע לערנט, מע ארבעט, מע בילדעט זיך. א שאָד, וואס עס זײַנען ניט פאַראַן קיין שולן פאַר מיידלעך, און טאָקע אַן עמעס, וואָס ווערט עס פון א ייִדיש מיידל?

דאס מיידל איז רויט, ס׳ברענען בא איר אַזש די אויערן:

— איר ווייסט, ליבערמאַן, פאַרוואָס זאָלט איר מיר ניט געבן עפּעס לייענען, איר זײַט אַזאַ פאַרבאָרגענער.

דאָס מיידל האָט פּלוצים אָנגעהויבן דעם קאָפּ, באהאלטן די אויגן, דערנאָך איז איר פּאָנעם מיטאמאָל ארײַנגעפאלן אין די מיידלשע צע־שפּרייטע הענט און זי האָט זיך צעוויינט. ליבערמאַן האָט ניט געוווסט וואָס צו טאָן. דער בויגן פּאַפּיר איז ארויסגעפלויגן פון אירע הענט און א פּאַטש געטאָן איבערן דיל.

דאָס מיידל איז ארויסגעלאָפן אין די שטילע ווײַטע צימערן. געבליבן אליין, האָט ליבערמאַן א טראַכט געטאָן וועגן ראָכלען: ער באמערקט שוין לאנג, אז דאָס מיידל וויל זיך מיט אים טרעפן, זי איז גאַנץ שיין... מעגלעך, זי איז גערעכט: ער איז א צו פאַרבאָרגענער. אָט וועט ער גיין זי א רוף טאָן. זי וועט זיך צעשמייכלען. עס ווערט אים ווארעם פון די געדאנקען.

— ראָכל,—האָט ער געוואָלט א געשריי טאָן.

אָבער מע וועט נאָך דערהערן.

ער האָט זיך ווידער ארײַנגעטאָן אין דער ארבעט.

— א מאָלער, א גרויסער מאָלער ווערן,—האָט ליבערמאַן א גאנצע נאַכט ניט אופגעהערט צו טראַכטן,—וואָס־זשע, ענדיקן די ראבינער־שול און ווערן א לערער? ס׳א טאַכלעס פאַר שאפּירען, פאַר פײַנשטיינען, פאַר די איבעריקע גרויע ראבינטשוקעס.

— אָך, א מאָלער, א סקולפּטער, א פּאָרטרעטיסט!

די ליכט איז אויסגעגאנגען, אביסל כיילעוו האָט זיך צעגאָסן איבערן לייכטערל, אראָפּגערונען, דער קנויט איז אומגעפאלן, צוריק זיך אופגעהויבן, זיך איבערגעבויגן אף דעם צעגאָסענעם ביסל כיילעוו און איינגעזונקען אין דער פינצטערניש.

VI

ס'האָט זיך דערנעענטערט דאָס קומען פון אלעקסאנדער דעם צווייטן קיין ווילנע. מע האָט מוירע געהאט פאר די „פינצטערע קויכעס”, ווי די היגע צייטונג „ווילענסקי וועסטניק” פלעגט אָפּט אָנרופן די יידן און די פּאָליאקן. מ'האָט עס געהאלטן בעסאָד, אָבער די יעדיעס וועגן קייסערס קומען האבן זיך אומעטום פארשפרייט.

פין איז אלע טאָג ארומגעגאנגען איבער די צימערן פון דער ראבינערשול. די אופזעערס זיינען אים נאָכגעלאָפן, געקוקט אים אין זיינע גלאנצנדיקע ברילן און שטילערהייט זיך געשראָקן, עפשער וועט ער געפינען עפעס א כעסאָרן.

פין האָט געגנישטערט אין די ווינקעלעך, אונטער די בעטן. דערזעט ער שפינוועבס, טוט ער זיך א פלינקן דריי אויס צו די אופזעערס, זיין פּאָנעם דעמאָלט: גלייך ער האָט אנטדעקט א געפערלעכן פארברעכן...— דאָס איז אייער האשגאָכע—זאָגן דעמאָלט זיינע אויגן.

די אופזעערס דערקענען פינס אומצופרידנקייט, און גלייך זיי ווילן זיך איבערצייגן, צי ס'איז שפינוועבס, טונקט איין איינער פון זיי די האנט אין שפינוועבס און טראָגט עס צו די אויגן. די פעדעמער האָבן זיך איבערגעסמילעוועט און איינגאנצן צעגאנגען אף דער האנט.

פין האָט נאָכגעקוקט דער האנט, וואָס איז געווען איינגעוויקלט אין די איבערגעצופטע פעדעמער שפינוועבס, און זיך געכידעשט: ווו וועט דער אופזעער אהינטאָן די האנט מיט די בלאסע פעדעמער? זיי האָבן אָבער באלד דערזען בא איינעם א שילער אונטערן בעט א פּאָר אלטע שיך און פארגעסן אָנעם שפינוועבס. פין האָט זיך צעשריגן און, שרייענדיק, איבערגעלאָזט ביידע אופזעערס.

די שילער אין די קאָרידאָרן האָבן געוווסט וועגן די רעוויזיעס, וואָס פין מאכט, און זיך געווערטלט:

— מע זוכט שוין אלעקסאנדערן אונטערן בעט.

אין איינעם פון די קלאסן איז ארום ליבערמאנען געשטאנען א ראָד שילער און באטראכט דעם אדרעס, וואָס ער האָט געבראכט מיט זיך.

3. אווראָם קאהאן .711

פונעם פרישן ציכטיקן בויגן פאפיר האָט אראָפּגעקוקט א געשלענגלטע און פײַנע וויניעטקע. די שילער האָבן אפילע ניט איבערגעלייענט דעם אינהאַלט פונעם אדרעס, נאָר, דעריקער, זיך אינטערעסירט מיט דער וויניעטקע און מיט די צייכענונגען ארום דעם אדרעס.

ליבערמאַן האָט געהאַט פארגעניגן, צוקוקנדיק, ווי באַגײַסטערטע אויגן זײַנען פארכאַפּט מיט זײַן ארבעט. זײַן פּאָנעם איז געווען רויִק, נאָר די טיפע אויגן מיד, און די וויִעס אָנגעבראקנעט פון דעם, וואָס ער איז ניט געווען אויסגעשלאָפן.

פונדערזײַט איז צוגעקומען קעלטער, א ראַווינּיסט פונעם עלטערן קלאַס. לויט זײַן אריבערקוקן דורך א שילערס אַקסלען איז געווען צו דערקענען, אַז ער איז שוין באַקאַנט מיטן דאָזיקן בויגן. ער האָט א צי געטאָן ליבערמאַנען באַם ארבל און אים געבעטן אָן א זײַט.

— וואָס איז?

— אף א פּאָר ווערטער,—זאָגט רויִק קעלטער.

ליבערמאַן וויל ניט ארויסלאָזן פון אויג דעם בויגן, וואָס איז באַקלעפּט מיט עטלעכע שילערס הענט.

— די מעציִע מעגסטו געטרויען, — האָט קעלטער שטעכיק א וואָרף געטאָן און צו אים געוווּנקען, אַז ער וויל מיט אים ריידן.

קעלטער האַט ווידער שטײַף א שלעפּ געטאָן אונדזער קינסטלער צו זיך:

— האָב ניט מוירע פאַר דער צאַצקע.

ליבערמאַן איז אים נאָך.

אין א ווינקל האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. ליבערמאַן וואַרט.

— ווי שעמסטו זיך ניט!?.

און קעלטערס שטאַרקע שטים האָט זיך איבערגעריסן, ער האָט ארופּגעלייגט זײַנע הענט אף ליבערמאַנס שאַרפע אַקסלען.

— מיט וואָס שעמען זיך?—איז ליבערמאַן נײַגעריק.

א שווײַגן.

דערנאָך, ווען ליבערמאַנס אויגן האָבן זיך צונויפגעצויגן (ער האָט געוואָלט באַנעמען קעלטערס פראַגע), האָט קעלטער קאַלטבלוטיק ווידער געפרעגט:

— דו, דיך האָט מען געפונען אף צו שרײַבן אַן אַדרעס פאַר דעם צאַר?

ליבערמאַנס אויגן האָבן זיך נאָך מער צונויפגעצויגן. ער הייבט אָן צו באַנעמען קעלטערס אומרויִקײַט.

— פאַר דעם טאַליען!—איז אומרויִק קעלטערס שטים. און זײַנע הענט ליגן ווידער אף ליבערמאַנס אַקסלען.

— וואָס זאָגסטו, קעלטער?

— וועסט לייענען רעפעראַטן וועגן די פּאָרגעשריטענע מענטשן און וועסט שרייַבן אַדרעסן פאַר...

קעלטער האָט ניט געענדיקט, זיך אומגעקוקט. ליבערמאַן האָט גע־בלאָנקעט מיט די אויגן, געזען פונדערווייַטנס, ווי זייַן אַרבעט—דער בויגן פּאַפּיר—גייט איבער פון האַנט צו האַנט, און זייַנע געדאַנקען זייַנען איצט געווען פול מיט קעלטערס שטראָפּנדיקע רייד.

— קעלטער, פאַרשטייסט, אַז איך האָב געמאַכט בלויז אַ ווינִיעטקע, אַ צייכענונג. איך האָב ניט געקאָנט אַנדערש. פּין...

— און דער אַדרעס?—איז שטרענג קעלטער.

— דער אַדרעס?—האָט זיך אַליין איבערגעפרעגט ליבערמאַן,—אַך, יאָ, דער אַדרעס איז פאַראַן אין דער ווינִיעטקע. אויף ליבערמאַנס פּאָנעם איז אָנגעלאָפן אַ שאָטן פון צווייפל. אין די אויגן איז אַלע רעגע ווי עפּעס קלאָרער געוואָרן.

— דער אַדרעס?..—האָט ווידער איבערגעפרעגט ליבערמאַן.

קעלטערס געזונטע פיגור, וואָס איז ווי אויסגעשניטן פון היפּשע אייוורים, איז שוין געווען פונדערווייַטנס. ליבערמאַן האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער ראָד כאַווערים, אין וועמעס הענט ס'איז אומגעגאַנגען דער בויגן פּאַפּיר.

ס'איז אים געווען הייס, ס'האָט אים געוואָרגן, ער האָט געשלונגען און אָפּגעלעקט מיטן צונג די פאַרשמייַעטע ליפּן.

— דער אַדרעס איז אין אַ ווינִיעטקע,—האָט אים געקלאַפּט אין די שלייפן,—דער אַדרעס צום אימפּעראַטאָר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. גע־רעכט, קעלטער. אָבער ער, ליבערמאַן, האָט בלויז אינזינען געהאַט די צייכענונג... זייַנע פינגער האָבן זיך געגליטשט איבערן בויגן, ווי עפּעס איבער אַ שערעך. אַזוי האָט אים קעלטער מיטאַמאָל פאַרמיִעסט זייַן אַרבעט.

— ליבערמאַן,—האָט מען אים געטאָרעט פון אַלע זייַטן,—וואָסי, הערסט ניט ווי סאַמויל איסאַקאָוויטש רופט דיך; ליבערמאַן! זעט נאָר, ער שלאָפט, אויף מייַן וואָרט,—האָט מען אַרום אים געלאַכט.

ליבערמאַן האָט דערהערט די כאַווייריםס געפּילדער און דערזען דעם אינספּעקטער, וואָס איז געשטאַנען פונדערווייַטנס און געוואַרט.

— באַלד, באַלד,—האָט ליבערמאַן זיך אַ כאַפּ געטאָן,—באַלד, אַ רע־געלע,—פאַרנויגט ער זיך פאַרן אינספּעקטער.

ער איז אַרויסגעלאָפן פונעם קלאַס.

פין האט אים נאָכגעקוקט.

— וואס איז עס געשעען מיט ליבערמאַנען?

די ראָד כאווירים האט זיך אונטערגערוקט צום אינספעקטער, ניט געוווסט, וואָס עס קומט דאָ פאָר. אין א מינוט ארום האט פין זיך געווענדט צו די שילער:

— גייט זאָגט, אז איך רוף אים.

און באלד נאָכגעשריגן א פאָר כעוורע, וואָס האבן זיך געלאָזט דעריאָגן ליבערמאנען:

— אים דאַרף איך ניט, דעם אַדרעס נעמט בא אים.

דעם גאנצן טאָג איז ליבערמאן ניט געווען אין ראבינער־שול.

ער האָט די וויניעטקע איבערגעמאכט און דעם טעקסט אינגאנצן ניט ארייַנגעשריבן...

VII

קעלטער האָט געווינט אין א פארוואָרפענעם ווינקל אין פאָליש פון קאָרשול „טאהאראס־האקוידעש".

אין שטאָט האָט מען דידאָזיקע קאָרשול גערופן די בערלינער שול. אייגנטלעך, האָט מען דאָרטן ניט געדאַוונט—אזוי האָט מען געשמועסט—נאָר געמאכט געשעפטן.

קעלטער האט פריִער ניט געהאט ווו צו וווינען.

ער האָט געשטאמט פון זייער אָרעמע עלטערן; ס'איז געווען א סוואָרע, אז ער איז אנטלאָפן פונדערהיים און קימאַט זיך קיינמאָל ניט איבערגעשריבן מיט זייַנע אייגענע.

ווען מע פרעגט אים וועגן זייַנע עלטערן, וועגן זייַנע אייגענע—דרייט ער זיך מערסטנטייל אויס פון עפּעס צו ענטפערן, אניט, טוט ער א בורטשע:

— פאראן, פאראן...

— ווו, צאליק?

— אין פאָדאָליע.

— אין וועלכער שטאָט?

— אין קאמענעץ. ניין, ניין, וואָס זאָג איך.

איז מען אָפּגעטראָטן פון אים, ווייַל מע האט פארשטאנען, ער וויל ניט זאָגן.

און כאָטש ער איז שוין געווען אין אן עלטערן קלאס פון דער ראַ־

בינער־שול, ס׳וואָלט אים, עפּשער, געקומען צו ווינען אין אינטערנאַט, האָט ער, ווײַזט אויס, ניט פֿאַרדינט בײַ דער אַדמיניסטראַציע און איז געבליבן אָן אַ וווינונג. אַגעוו, עסן האָט ער דאָפּקע געגעסן אויף קאַזיאָנע כעזשבן, אָבער אָן אָרט אויף שלאָפֿן האָט מען אים ניט געגעבן.

מעגלעך, אין דעם איז ער אַליין געווען שולדיק. ער איז ניט באַשטאַנען אויף זײַנע רעכט, און די אופּזועערס האָבן זיך שוין צוגעפּליִעט. ער האָט מיט זײַן קרעפֿטיקן אויסזעען און זעלבשטענדיקייט געשראָקן די אופּזועערס.

— האָסט וווּ צו ווינען. ניטאָ קיין ערטער,— האָט מען אַלעמאָל באַם קאָמפּלעקטירן די צימערן אָפּגעוואָרפֿן קעלטערס געדאַנק און ווילן צו ווינען אין די קאַזיאָנע צימערן.

קעלטער איז געווען אַ פֿאַרשוין מיט אײַגנליבע. ער האָט זיך גאָר באַזונדערס ניט געוואָלט שטעלן מיט די אופּזועערס און קיין איין מאָל זיך ניט געקלאָגט—ניט פֿאַרן אינספּעקטער און ניט פֿאַרן דירעקטער.

נאָענט און באַפרײַנדעט איז קעלטער געווען מיטן לערער פֿון העברעיִשער גראַמאַטיק, מיט זאַלקינדן. קעלטער האָט אויסגעצייכנט געקענט רוסיש, און זאַלקינד האָט שוואַך געקענט די רוסישע שפּראַך און זיך געשעמט דערמיט.

זאַלקינד האָט פֿאַרטראַכט אַרויסצוגעבן אַ גראַמאַטיק מיט אַן איבערזעצונג אין רוסיש און געוואָלט אויסנוצן צוליב דעם צוועק דעם שילער קעלטער.

אַדאַנק זאַלקינדן האָט צאַליק קעלטער באַקומען דאָס רעכט צו ווינען אין דער „בערלינער שול", אַניט וואָלט ער ניט געהאַט וווּ צו זײַן און, מעגלעך, געדאַרפֿט אַוועקפֿאָרן פֿון ווילנע. אָט ווי עס איז פֿאָרגעקומען:

אַ קלייניקער, אַ דאַריניקער, אַ גרויער, איז זאַלקינד געווען באַוועגלעך ניט לויט זײַנע יאָרן. זײַנע וואַסערדיקע אויגן זײַנען צאַפּלדיק שטענדיק געשפּרונגען אויפֿן גוטמוטיקן פּאָנעם און ווי געריפֿן צו זיך.

— קעלטער, איך דאַרף אײַך האָבן,— זאָגט איינמאָל זאַלקינד.— קומט צו גיין צו מיר.

דעמזעלביקן טאָג איז קעלטער געקומען.

זאַלקינד איז געזעסן בײַ אַ צוגעגרייטן טיש און געוואַרט אויף עפּעס.

דעם ראַוויניסט האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער לערער וואַרט אויף אים מיטן עסן. ער האָט געמיינט, זאַלקינד וויל בײַ אים ווידער נעמען אַ לעקציע פֿון רוסיש, און זיך אָנגערופֿן:

— Итак, по русски будем сейчас говорить?
זאַלקינדס וואסערדיקע אויגן זײַנען טיפער געוואָרן, זיך אָנגעגאָסן מיט קלוגשאַפט.

— ניין,— האט דער אלטער געזאָגט,— איך האב דיך גערופן צוליב א דירע.

קעלטער האט באמערקט, ווי די גאנצע צײַט קוקט דער אלטער לע־רער אפן זייגער. דער ווײַזער איז שוין געשטאנען נאָענט צו דרײַ. אפן טיש האט זיך געמינעט אין א קעלישעקל בראָנפן, און צוויי געריכטן— הערינג אין א פאָלומעסיקל, און רעטעך מיט שמאלץ אין א טעלערל— האָבן ווי געהיט פון ביידע זײַטן דאס קעלישעקל בראָנפן.

דער אלטער זאלקינד קוקט אָן אופהער אפן זייגער.

קעלטער האט זיך דערמאנט, אז אין ראבינער־שול איז זאלקינד פינקטלעך ביז מעשוגאַעס—ווי די שילער זאָגן,—טוט מען נאָר א קלונג, איז ער שוין דאָ אף זײַן אָרט לעם דער קאטעדרע און לעם בענקל און רעדט שוין גלײַך צום קלאַס. טוט מען א קלונג צום ארויסגיין— איז גלײַך ווערט ער ניט, און דאָך האט מען בא אים געקענט בעסער, ווי בא אנדערע לערער.

איצטער, ווען דער ווײַזער האט געוויזן פונקט דרײַ, האט דעם אלטנס גוטמוטיק פּאָנעם א לויכט געטאָן מיט א באזונדער צופרידנקייט. ווען ס'האבן זיך דערהערט דרײַ זייגער־קלונג, איז דאס קעלישעקל שוין געלעגן אָן איבערגעקערטס אין מויל, און ביידע מײַכאָלים האבן גענו־מען אלץ ווייניקער און ווערן אין די קיילים.

— אָ, איצטער וועל איך מיט דיר ריידן,— האט זאלקינד אָפּ־געאָטעמט.

— בא מיר איז אלץ אויסגערעכנט לויט דער מינוט. א פּלאַן איז א פּלאַן.

קעלטער האט א שמייכל געטאָן.

זאלקינד האט אפגיך אָפּגעגעסן און געגעבן דעם שילער א צעטעלע צו לעבנזאָנען, מיט א באקאָשע אײַנצואָרדענען אים אין „טאהאראס־האקוידעש".

— דאָרטן איז ווארעם, ס'א גווירישע קאָרשול, און לעבנזאָנס זון איז דער גאבע. פארשטייסט?

קעלטער האָט גענומען דאָס צעטעלע און זיך געלאָזט אוועקגיין.

— איצטער קום אהער,—האט זאלקינדס דאר קערפּערל לעבעדיק א טאנץ געטאָן—דו גייסט נאָך ניט אוועק. זאָלסט מיך ניט מעוואיעש זײַן.

איך בין עלטער פון דיר מיט א פּאָר שאבּאָסים, זאָלסט זיך מיט מיר בּייטן מיט די שיך, אָבּער איכל דיינע שיך ניט אָנטאָן, כאסוועכאָלילע. בּעגעד לילבּויש. שא, וואָס איז דאָס פאר א פּאָרם, געדענקסטו? לילבּויש?.. דער אלטער איז, אפּאָנעם, געווען פריילעך. אפילע דער שטערן איז געווען אָנגעטאָן אין ראָזע פארב.

— מע דארף ניט, מע דארף ניט, — האָט זיך געבּעטן קעלטער.

— גענוג, האָסט מיט מיר ניט געגעסן מיין סודע, טאָ נעם, — און דער רירעוודיקער אלטיטשקער, דער בּאשיידענער לערער פון העבּרייִשער גראמאטיק האָט זייער פלינק דערלאנגט א פּאָר גאנצע שיך דעם גאסט.

קעלטערס היפּשע פיגור, וואָס האָט געקאָנט אין זיך בּאהאלטן צוויי זאלקינדס, איז שוין אן אומבּאהאָלפענע געלעגן אף א קאנאפּע, און דער דאריינקער זאלקינד האָט פון זיינע פיס געצויגן די אלטע צעטריפלטע שיך און אָנשטאט זיי ארופגעשלעפּט די גאנצע.

זאלקינד האָט געבּלאָזן די בּאקן:

— די פיס דיינע זיינען פוכקע — און געלאכט.

דער לערער האָט אָבּער בּאלד אופגעהערט צו לאכן. ער האָט דערזען, ווי קעלטער שלעפּט אראָפּ פון די פיס די שיך און שטעלט זיי רויִק אוועק אפן דיל:

— איך דאנק אייך זייער פאר גוטהארציקייט. איך נייטיק זיך ניט אין דעם.

— אזוי, בּיסטו נאָך דערצו בּא זיך גרויס... און זאלקינד איז געבּליבּן פארכידעשט.

קעלטער איז ארויסגעגאנגען מיט א בּאקאָשע־צעטל צו לעבּענזאָנען.

פון דעמאָלט אָן וווינט ער אין א ווינקל אין פּאָליש פון דער ווילנער קאָרשול „טאַהאַראַס־האקוידעש”.

VIII

דער פּאָל מיטן אדרעס האָט ליבּערמאנען געצוווּנגען בּאציִען זיך מיט בּאזונדער אכט צום הויכן, קרעפּטיקן ראווינִיסט. דערוווּסט זיך, ווו ער וווינט, איז ליבּערמאנען איינגעפאלן קומען צו אים אומגעריכט. שאבּעס אינדערפרי איז ער פּלוצים ארייַנגעקומען צו קעלטערן אין זיין אימפּראָוויזירטער וווינונג — אין קאָרשול.

קעלטער איז געזעסן אָנגעבּויגן איבּער א בּוך און ניט געהערט ליבּערמאנס ארייַנקומען.

דעם ארײַנגעקומענעם האָט איבעראַשט די מענוירע, וואס איז אומעטיק און פארלאָזט געהאנגען אין א ווינקל. ס'איז, אפּאָנעם, געווען אן אָפּגענוצטע מענוירע, וואס דאַרף גיין אף ברוך. לעם איר איז געשטאנען א פארזשאַווערטע, האלב־גרינלעכע האנטפאס, ניט גרעסער ווי א געוויינלעכע קוואָרט. פון דער האנטפאַס האט געקאַפּעט וואסער. די אראָפּפאלנדיקע טראָפּן וואסער האבן אָנגעוואָרפן אן אומעט. באַדערזײַט איז געלעגן אן איבערגעקערטער שטענדער מיט א צעבראָכענעם רוקן. דערפאר איז אָבער דאס שטיקל אָרט, ווו ס'איז געשטאנען א בעטל און א בענקל, געווען ריין אופגעראמט און איידעס געזאָגט, אז א לעבעדיקע, מענטשלעכע האנט פאָרעט זיך דאָ אָפּט. לעבן בענקל און אונטערן בענקל — ביכער, העפטן, א פּאָר צעריסענע שיך, אן אופגעטרענטער בעגעד און א פּאָר נײַע שלייקעס.

— קעלטער, דאס ביסטו?

דער באלעבאָס פון ווינקל קוקט זיך אום:

— אך, ליבערמאן! — קום ארײַן. שוין עטלעכע מאָל דיך פארבעטן און ביסט קוים אמאָל געקומען. קעלטער נעמט זיך צום אופראמען די אָנגעוואָרפענע קליידער, רוקט אָפּ מיטן פוס דעם שטענדער, — האב קיין פאַריבל ניט, וואס ס'איז אזוי... — און ניט פארענדיקט.

— נישקאָשע, — און ליבערמאן האט זיך געמאַכט, אז ער זעט ניט און לייגט קיין שום אכט ניט אף דעם מאַדנעם אויסזעען פונעם ראוויניסטס ווױנונג.

— איך פיל זיך פאר דיר שלעכט, — האט פלוצים געזאָגט ליבערמאן. ער האט זיך אזוי ניט געשיקט א דריי געטאָן, גלײַך ער וויל זיך באַפרײַען פונעם געדאנק, וואס פּלאָגט אים און לאָזט אים ניט צורו.

— וואס איז דען? — פרעגט קעלטער, ניט אראָפּנעמענדיק דעם בליק פון ליבערמאנען.

— אָט די געשיכטע מיטן אדרעס. דו ווייסט, וואָס איך האָב געטאָן?..

קעלטער האט אים ניט געלאָזט ענדיקן, אופגעהויבן דעם בוך, וואס ער האט געהאלטן אין לייענען, און געזאָגט:

— וועגן אט דעם בוך האסטו געהערט?

ליבערמאנס אויגן טוען א לויף איבער די זײַטלעך פון בוך. ער לייענט אף א קאָל:

— Н. Чернышевский — Что делать?

— געהערט, קעלטער, געהערט. ווו האָסטו עס געקראָגן? — ליבערמאנען האָט אַזש פארכאַפּט דער אָטעם — ווו האָסטו עס געקראָגן?

— וואַרט, כאַפּ זיך ניט, ביסט א היציקער, — טוט קעלטער אים א נעם בא דער אויסגעצויגענער האנט, — זיץ א רעגע. קעלטער קוקט זיך דער־ווייל אום — קיין בענקל ניטאָ. ער טרעט אָפּ דעם גאַסט דאס בענקל, אליין זעצט ער זיך אוועק אפן איבערגעקערטן פארשטויבטן שטענדער.

ליבערמאַן וואַרט מיט אומגעדולד.

— איך האב אוועקגעגעבן פאר דעם סייפערל א דרייערל. בלויז פאר איבערלייענען, און געהאנדלט א מעציע. איך האב דיך אינזינען געהאט.

— דאס דרייערל קער איך דיר אום, — כאַפּט זיך ליבערמאַן אָפּ־צודאנקען.

קעלטער האט א צי געטאָן מיט די אקסל און באַרויגעז אויס־געשריגן:

— א שויטע, ביסט א שויטע.

אין דער צייט האָט זיך דערהערט א ראַש. מע האט גערעדט, הויך גערעדט, אָן אופהער, פון יענער זייט פאָליש אין שול.

ביידע ראוויניסטן הערן זיך איין.

— וואָס איז דאָרט?

קעלטער האָט א וואָרף געטאָן דעם בוך אפן בעטל און געלאָפן זען, וואָס איז עס פאר א ראַש. ליבערמאַן האָט דערווייל גענומען דעם בוך און געבלעטערט.

אין א מינוט ארום איז צוריקגעקומען קעלטער:

— דו ווייסט, ווער ס'איז דאָ אין שול?

— ?

דיין אורי אווראָם קאָוונער.

— אן, קאָוונער?

ס'האָבן זיך ווידער דערהערט קולעס. ס'איז שווער געווען פאנאנ־דערצוקלייבן, וואָס מע וויל. אונטער די ברייטע ארקאדעס פון דער גווירישער בערלינער שול איז אומגעשוומען א ראַש און פארפאלן געוואָרן אין די טויבע, דיקע ווענט ערגעץ אינדערהייך.

ליבערמאַן איז אריינגעלאָפן אינעווייניק אין שול און דערהערט א גראָב קאָל, געווענדט צו א קליי:וווקסיקן יונגנמאן, ארום וועלכן עטלעכע יונגעלייט האָבן זיך געטוליעט.

דער מענטש מיטן גראָבן קאָל איז געווען דער גאבע פון שול. דער קליינוווקסיקער יונגערמאַן איז געווען אורי אווראָם קאָוונער. וואָס ס'האָט געוואָלט דער גאבע, האָט ליבערמאַן ניט געקאָנט פאנאנדער־קלייבן. ער האָט דערהערט עמעצנס א קאָל:

— אייסעך, א דײַגע, וועט מען ארײַנכאפּן מיט א שטיקל מוסעף ווייניקער.

דער גאבע האָט זיך געבייזערט:

— איר האָט שוין דעם שאכרעס פארטאכליעוועט!

— שאָלטעקעס!

די יונגעלײַט, צווישן וועלכע עס זײַנען געווען א היפּשע צאָל גימנאזיסטן, האָבן, וויצלענדיק זיך, אָן אופהער געמאכט מיט די הענט, אזוי ווי פארשטעלט קאָוונערן פונעם שרײַענדיקן קאָל:

— לאָזט געמאך.

עמעצער טוט צווישן טומל א זאָג:

— דער גאבע מאכט אומיסטן א קרום פּאָנעם פאר די באלעבאטים פון דער שול. ער האָט מוירע, מ׳עט בא אים סימכעסטוירע ניט טאנצן...

דער גאבע אין צילינדער האָט דאָס, אפּאָנעם, דערהערט און שטי־לער געוואָרן.

ליבערמאן האָט זיך צוגעשטופּט צו קאָוונערן. לעבן די עטלעכע בלויע גימנאזיסטישע גארניטערס, באפּוצט מיט ווײַסע קאנטן, האָט ליבערמאנס ראוויניסטיש ברייטע היטל מיטן שווארצע און בלישטשענדיקן שווארצן דאשעק אויסגעזען ווי טרויעריק. קאָוונערס קליינע אויגן האָבן זיך גלײַך אָפּגעשטעלט אף אים.

ליבערמאן האָט זיך צו אים א לאָז געטאָן:

— קאָוונער?

— ליבערמאן.

— איר האָט אָנגעשריבן נאָך עפּעס?..

א יונגערמאן, וואָס האָט געקאָנט ליבערמאנען, האָט זיך געווענדט צום קרײַזל מענטשן ארום קאָוונערן:

— ליבערמאן איז א גוטער העברייער. הער קאָוונער, ער האָט אײַך דערמאָנט אין א רעפעראט. איר ווייסט וועגן דעם?

ליבערמאן האָט ניט אראָפּגעלאָזט קיין אויג פון קאָוונערן:

— יאָ, איך האָב דערמאָנט אײַער ארטיקל, געדרוקטערהייט זעט עס אויס שטארקער.

קאָוונערן האָט, קענטיק, האנאָע געטאָן. ער האָט געזאָגט צו ליבער־מאנען:

— כאפּט זיך ארײַן צו מיר. מאָרגן פאָר איך אָפּ... איך וועל אײַך איבערלייענען נײַס.

ס'האָט זיך ווידער דערהערט דעם גאַבעס קאָל. שוין בייזער, ווי פריִער:

— לאָזט גאָט דינען!

— וואָס איז עס פאַר א שקאָצעריי!

ליבערמאַן האָט אַלץ זיך ניט געקענט אָפּרייסן פון דעם קליינוווקסיקן פּאַרשוין, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַזאַ גערודער מיט זיין קומען אין דער בערלינער שול. ס'איז אַריינגעגאַנגען קעלטער און א רוף געטאָן ליבערמאַנען, ער זאָל מיט אים גיין.

פאַרבייגייענדיק די גרויסע שווערע טיר פון דער בערלינער שול, האָט קעלטער באַמערקט:

— וואָס איז דער מער מיט דעם קאָוונערן?

ליבערמאַן האָט זיך אָנגעשטרענגט:

— וואָס ווילסטו זאָגן?

— נו, דער קאָוונער דיינער איז דאָך א קליין מענטשעלע. אָט, טשערנישעווסקי איז אַן אַנדער וועלט; זי איז ניט אַזוי קליין, ווי די, וועגן וועלכער עס רעדט קאָוונער.

ליבערמאַנען האָט פאַרדראָסן זיין כאַווערס כקירע. פון יענער זייט שווערער שול־טיר, ווען ט'איז טויבער געוואָרן דער הו־הא און דער ראַש, האָט ער ניט פאַרגעסן אָפּצוענטפערן דעם כאַווער:

— קאָוונער איז א פּאַרשוין ניט פון קיין קליין וועלטעלע. האָסט ניט געלייענט זיינע מיימאָרים.

— געלייענט, געלייענט, ער שלאָגט זיך מיט די יידישע שריפטשטעלער. עס גייט מיך ניט אָן.

ליבערמאַנען האָט עס אויפגערעגט:

— ביסט פרעמד צו יידן, פאַרשטייסט ניט.

ווען זיי זיינען צוריק אַריינגעגאַנגען אין פּאָליש־ווינקל, האָט קעלטער זייער רויִק פאָרגעזעצט זיין געדאַנק:

— איך בין ניט פרעמד, ווי דו מיינסט, אָבער פאַראַן א וועלט, מויכעס זיינען פאַראַן, וואָס טראַכטן ניט בלויז פון יידן מיט זייערע ענגע בעסמעדרעש־פּראַגעס, —אָט לייען דעם בוך. —ער ווייזט אים אויף „טשטאָ דעליאַט?"

— וואָס קער זיך אָן, מע דאַרף איבערטראָגן גרויסע אידייען צו אונדז, מע דאַרף אויפרייסן אָט די קולטור! —ענטפערט ליבערמאַן.

קעלטער שלאָגט איבער:

— יאָ, פאַר אויפרייסן אָט די אַלטע קולטור בין איך אויך.

— קעלטער, אָבער האָסט געזען, ווי מיט קאָוונערן אינטערעסירט מען זיך...

קעלטער האָט זיך צעלאַכט. זײַן געזונטער קערפּער האָט זיך מיט־אמאָל א זעץ געטאָן אפן בעטל. דער געלעכטער האָט פאר ליבערמאנען געקלונגען ווי א באַליידיקונג און ער איז אינקאַעס געוואָרן. אין די טיפע אָנגעשטרענגטע אויגן האָט אופגעפלאַמט א פײַערל פון פארדראָס, וואָס איז אזוי געווען נאטירלעך פאר אים. ער האָט זיך שנעל געלאָזט אוועקגיין.

קעלטער האָט ניט געוואַרט אף אזא סאָף. ער האָט זיך מיטאמאָל אופגעהויבן פונעם בעטל און נאָכגעשריגן:

— ליבערמאן, איך גיב דיר טשערנישעווסקיס בוך.

ליבערמאן האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ:

— איכל עס קריגן אָן דיר אין „ליטעראטורנע זאַוולאָק".

— וועסט אים דאַרפן ניט קריגן פאר קיין שום מאטבייע,—האָט שוין ווייכער נאָכגעשריגן קעלטער.

ליבערמאן איז שוין געווען אינדרויסן.

צו קעלטערס אויערן איז ווידער דערגאנגען דער שאבעסדיקער רויש אין דער „בערלינער שול".

IX

גאנצפרי איז אין אינטערנאט נאָך שטיל. א שוואכע שײַן פאלט פון די ליכט, וואָס הענגען לעם די בײַשטידלעך פון די טירן. די בעטלעך זײַנען ניט אינגאנצן באלויכטן. באזונדערע ריטלעך שײַן טרעפן אין א ווינקל און אנטפלעקן א צופעליק־אָפּגעדעקטע פלייצע.

אייניקע ראווינִיסטן זוכן די ערשטע קאלעמומנע בלאָווקײַט פונעם אָנקומענדיקן טאָג; זיי זשמורען די אויגן, ווען זיי באגעגענען זיך מיט דער שײַן פון די צאנקענדיקע ליכט.

מ'האָט א סימען, אז אינגיכן וועט אָנקומען דער טאָג, ווײַל די ליכט זײַנען אויסגערעכנט פונקט ביז אין א געווויסער שאָ.

אייניקע כראָפּען נאָך גאנץ געשמאק.

מאָדנע שווערע קלאנגען.

שאפּיראָ, וואָס ליגט אין ווינקל בא א פענצטער, האָט א טעווע פונעם שלאָף צו שרײַען: „ס'איז מיר קאלט". און אז מע לויפט צו אים צו, זעט מען: ער ליגט אײַנגעגניורעט אונטער דער קאָלדרע און ווארפט מיט די פיס.

עס כאַלעמט זיך אים, אז ס'איז אים קאַלט.

אין א ווינקל זיצט א באָכער אין הינטערשטן וועש און שרײַבט, אפּאָנעם, א ליד. ער כאַזערט שוין איבער עפּשער צום צענטן מאָל די גראַמען: שאָם, אָם, באָם, ראָם. טראָגט זיך איבערן האַלב־פאַרשלאָ־פענעם צימער א שאָם־ראָם. עמעצער טוט א דריגע מיט די פּיס. ער מיינט דערמיט צו זאָגן דעם שאָכן, עס זאָל זײַן שטיל. דער פּאָעט הערט ניט אויף און לאָזט ניט אראָפּ פון זײַנע ליפּן דעם גראַם.

א צווייטער כאַזערט אף אויסנווייניק שילערס א געדיכט. ער פאַר־געסט, אז ס'איז גאַנצפרי און נעמט דעקלאַמירן אף א קאָל. עס גיסט זיך צונויף זײַן דעקלאַמאַציע מיטן שאָם־באָם און ס'איז שווער צו דער־קענען, וועמעס קאָל איז אײַנגעגעסענער.

לעם א טישל, וואָס שטייט ניטווײַט פון דער ליכט, זיצן צוויי באַ־נאַכטיק־טונקעלע ראַוויניסטן מיט צעפּלאָנטערטע האָר און שפּאַרן זיך שטילערהייט איבער א פּראַזע, ווו זי אַרײַנצושטעלן אין א סצענקע, וואָס זיי רעכענען אופירן אף דער בינע. זיי הערן זיך ניט אויף צו שפּאַרן. איינער פרעגט דעם אנדערן:

— ווי מיינסטו, אויב עס גייט לעטויוועס דעם „רויטן קרייץ”?

— ניט לעטויוועס דעם קרייץ.

— יאָ לעטויוועס דעם קרייץ.

— נו, גוט, — טרעט איינער אָפּ דעם אַנדערן, — ווערט דערנאָכ אָנ־קומען אדאַנק פון די הויכע פענצטער?..

— און מיר וועלן עס זײַן די העלדן.

א שטאַרקער קלונג רײַסט אויף די ערעוו־באַגינענדיקע שטילקייט און וועקט אויף די דרימלענדיקע ראַוויניסטן.

— אָך, אָך, — דערהערט מען, ווי מע פרינדעט זיך אין אָנטאָן, וואָס איז אָנגעשטאָפּט פול מיט קעלט.

מע דערוואַרעמט זיך צוביסלעך, ווען מע איז שוין אָנגעטאָן און אָנגעשוכט. אייניקע לויפן מיט די האַנטעכער אף די אַקסלען זיך וואַשן.

די קורצע איבערגעטליעטע קנויט־צינגלעך פון די ליכט שטינקען.

אייניקע שלאָפן נאָך געשמאַק. זיי ליגן איבערגעדעקט מיט די קאָל־דרעס איבער די קעפּ.

ס'איז אָנגעקומען דער עלטערער אופזעער סאַוויצקי, א דיקער פאַר־שוין. ער קומט אַרײַן צוזאַמען מיט וולאַדיסלאַוון, וואָס האַלט דעם גלאָק, א מעשונעדיק־גרויסער גלאָק, א צעקנייטשטער אין איין זײַט. די ראַווי־ניסטן רופן אים „דער באַלאַגאַנסקי גלאָק”. דערזען, אז אייניקע ליגן

נאָך אף די געלעגערס, הייסט סאַוויצקי אַרײַנקלונגען זיי אין די אויערן. מע דערשמעקט שוין סאַוויצקיס אַרײַנקום, און מע כאַפּט זיך אפּגיך אָנטאָן.

איין שאַפּיראָ ליגט פאַרניוערעט און הערט, אפּאָגעס, גאַרניט.

סאַוויצקי נעמט דעם „גאַלאַגאַנסקי גלאָק" אין די הענט, באַפּוילט בלײַבן שטיל, שרײַט אויס עטלעכע מאָל: „סאַראָקאַ, סאַראָקאַ, וואס שלאָפסטו?" און נעמט קלינגען איבער שאַפּירעס קאָפּ מיט א געשריי: סע ברענט! ס'האָט געדויערט עטלעכע רעגעס, טוט זיך שאַפּיראָ א שטעל אוועק אונטער דער קאָלדרע און ענטפערט גאַנץ קאַלטבלוטיק:

— הערט אוף, ס'איז מיר קאַלט.

צוערשט צעשיט זיך א געלעכטער, דערנאָך פרעגט מען אים:

— שאַפּיראָ, עס כאַלעמט זיך דיר נאָך?

שאַפּיראָ ווארפט דעמאָלט פון זיך אראָפּ די קאָלדרע און נעמט זיך זוכן דאס אָנטאָן:

— קאַלט... ברררר... בר...

דער „גאלאגאנסקי" גלאָק טוט נאָך עטלעכע קלינגענדיקע קרעכץ, וואָס ווערן באַלד דערוואָרגן אין סאַוויצקיס דיקע קורצע הענט.

ווען סאַוויצקי איז שוין פון יענער זײַט טיר, פליט אים נאָך:

— די גאלקע האט זיך אף אים היינט געבייזערט.

— ער איז דען שולדיק? די גאַלקע האָט אים פאַרזאָגט.

גאַלקע רופן די ראַוויניסטן, סאַוויצקיס ווײַב. א שוואַרצע בייזע פרוי מיט א שפּיציקער לאַנגער נאָז.

און שפּעטער, ווען מע שטייט שוין אין זאַל און מע דאַוונט, איז נאָך אַלץ טינקל. א ראַוויניסט שטייט פאַרן אָמעד און כאַזנט. ער גאָנערט. ביט אַלע דאַוונען. אייניקע האַלטן ביכער אנשטאָט די סידורים און מע מאַכט זיך, אז מע דאַוונט געשמאַק.

סאַוויצקי דרייט זיך דורך, קוקט אַרײַן אין די אויגן, אין די הענט מיט די סידורים. עס מאַכט זיך, אז מע צעשלאָגט זיך, טוט סאַוויצקי זיך צוערשט א בייזער, נאָר דערנאָך דערקלערט מען אים, אז ס'איז אזאַ מינהעג, באַרויקט ער זיך. מע האָט עס איינמאָל אויסגעפּרוווט און סיי סאַוויצקין און סײַ קאַסיקן אײַנגערעדט, אז שלאָגן זיך אינמיטן דאַוונען איז א מינהעג—גייט עס פון דעמאָלט אָן א גאַנג.

מע קאָן הערן אינמיטן דאַוונען:

— מוישע, קום אהער, וועל איך אויספילן דעם דין פון פּעטש.

— לאָז מיך.

— ניין, לאָז מיך.

אינמיטן די טײַנעס פאַלט אום א באַנק, וואָס איינער האָט א שטויס געטאָן. סאוויצקי לויפט טייקעף צו. ער וויל זיך דערוויסן, וואָס איז געשעען.

— Это такой обряд, Сергей Аркадьевич. —לאכט עמעצער אריין אין פויסט.

סאוויצקי באַרויִקט זיך און גייט אוועק.

פון די קלוימערשטע סידורים בורטשעט מען אים נאָך: גאַלקאַ, אומ־גליקלעכע גאַלקאַ.

ער דערהערט זײַן פרויס צונעמעניש, קערט ער זיך אום און הערט זיך ווידער אײַן.

דער, וואָס שטייט לעם אָמעד, פלעכט אומיסטן אריין דאָס וואָרט „גאַלקאַ” אין א שטיקל טפילע. ער כאַזערט איבער דאס וואָרט אָן א שיר מאָל, און גיי זאָג אים, אז ס'איז ניטאָ אין דער הייליקער פרימאָרגן־טפילע, וואָס די ווילנער ראבינטשוקעס מוזן אַלע טאָג איבערקומען.

דעם טאָג איז ליבערמאַן געווען אן עלצטער פון א גרופע. זײַן פליכט איז געווען—אָפגעבן א ראַפּאָרט אלע מאָל, ווען דער אופזעער קומט אריין אין דעם אויגערופענעם לימודים־צימער. ער האָט עס שוין הײַנט עטלעכע מאָל דורכגעמאכט.

ווי נאָר דער אופזעער באַווײַזט זיך אין צימער, ווערט שטיל. ער שפאַנט גלײַך און שטרענג, ווי א סאָלדאט אף א פּאַראַד. ווען ער קומט צו נאָענט, מוז דער עלצטער פון דער גרופע זאָגן:

Честь имею рапортовать вашему высокоблагородию, что у нас в группе все благополучно, учеников столько-то, из них казенно-коштных столько-то, в отпуску столько-то...

ליבערמאַן האָט געמאכט דעם ראַפּאָרט, ווי ס'פלעגן עס טאָן אלע שילער פון דער ראבינער־שול. ס'איז אים אָבער נימעס געוואָרן. ער האָט דעם ראַפּאָרט שוין עטלעכע מאָל געקײַט און האָט אלעמאָל געדאַרפט זײַן אָנגעשטרענגט און גרייט אים צו זאָגן.

סאוויצקי האָט זיך הײַנט געיאָגט נאָך עמעצן. די שילער האָבן ניט געוווּסט, וואָס ער וויל. שפעטער־צו האָט מען זיך אָנגעשטויסן: אזוי ווי קאַסיק איז הײַנט דעזשורנע, זוכט ער אים צו פּאַקן. שטענדיק, ווען דער צווייטער אופזעער—קאַסיק—איז דעזשורנע, זוכט זיך סאוויצקי און טשעפּעט זיך צו יעדער קלייניקייט.

אף קאַסיקן ציטערט די הויט. ער לויפט אלע מאָל אריין, קוקט צו

די שילער אונטער די בענק. ער בעט זיך מיט די אויגן בא זיי. ער ווערט האכנאָעדיק,—זאָלן זיי זען אים ניט פארשעמען פאר סערגיי ארקאדיעוויטשן. מאָרגן, איבערמאָרגן, ווען ער וועט ניט זײַן דעזשורנע, וועלן זיי מעגן טאָן וואָס זייערע הערצער וועט זיך גלוסטן, אָבער הײַנט, הײַנט דארף מען זײַן מוסטערהאפטע, שטילע, געהאָרכזאמע און פײַנע. נישקאָשע, זייערס וועט ניט פארלוירן גיין. מע קאָן שוין אָבער קאָניקן: אבי ס'גייט נאָר אריבער זײַן דעזשורסטווע, ווערט ער ווידער אָנגעבלאָזן, שטאָלץ—ניט צוצוטרעטן צו אים.

פײַנשטיין מיטן קאָסאָקע אויג איז א פּאָר מאָל צוגעגאנגען צו ליבערמאנען און אים געגעבן א האסראָע:

— היט זיך, סאוויצקי גייט!

און ווידער פליט אום איבערן צימער „סאָראָקא, וואָראָנע",—סאוויצקיס באליבטע זידלווערטלעך. עס טראָגט אים אָן, מאמעש ווי א שטורעם־ווינט, און ער בלײַבט ניט.

פון זינט ס'איז געשעען דער אינצידענט מיט לעבענזאָנען, דעמאָלט אפן פּאָרטראג, איז פײַנשטיין געוואָרן צוגעלאָזט צו ליבערמאנען,—ער נעמט בא אים ביכער צו לייענען, פירט אים אָפּ אהיים. ליבערמאן פילט פײַנשטיינס ווארעמע באציִונג. ס'האָט אים דאָך הײַנט פארדראָסן, ווען פײַנשטיין האָט זיך צו אים אָנגעבויגן און אים אײַנגעקרוימט:

— ליבערמאן, איך וואָלט דיך גערן פארביטן אלס עלצטן, וויז־שע מאכט מען עס אָבער?

ליבערמאנס פּאָנעם איז געוואָרן ערנסט און בייז:

— וואָס־זשע, איך קאָן דען מײַן שטעטל ניט באשטיין?

— ניין,—פארענטפערט זיך פײַנשטיין,—איך ווייס. ער וויל דערווײַזן, אז דער כאווער האָט אים ניט פארשטאנען. סע ארט אים, פארוואָס נעמט עס ליבערמאן אָן צום שלעכטן. דאָס לאָזט אים ניט רוען, און ער פרוווט זיך ווידער:

— דו ווייסט, וואס איך וויל?—ציטערט אים זײַן קאסאָקע אויג—איך וואָלט איצטער פּאָר דיר...

ליבערמאן לאָזט אים ניט ענדיקן, נעמט אים פּאָר דער האנט, גיט זי אים דאנקבאר־כאווערישׁ א דריק און ווינקט צו אים, אז אָט, זאָל אים ניט ארן.

ס'האט ווידער אָנגעטראָגן סאוויצקין. ער איז ארײַן און גלײַך צו צו ליבערמאנען:

— דער זשורנאַל פון באַזוך איז בא דיר?

ליבערמאַן קוקט זיך אום צו די כאַווײרים, זוכט בא זיי אַן ענטפער.

— איך פרעג דאָך אײַך: בא װעמען?—טוט זיך װידער א װאָרף זײַן דיק אופגעבלאָזן גופל.

— בא מיר!—זאָגט ליבערמאַן.

— װײַזט אים אהער!

ער האָט דערלאַנגט דעם זשורנאַל.

ס'איז געװאָרן שטיל.

סאַװיצקי לױפט מיט די שמאַלציקע אױגעלעך איבער דעם זשורנאַל, זוכט אין זוכט.

— װאָס פאַרא דאַטע איז הײַנט?

מע שװײַגט.

װידער:

— װאָס פאַר א דאַטע איז הײַנט?—איז זײַן קאָל שױן בײזער און אופגערעגטער.

עמעצער ענטפערט:

— דער 25־טער פעװראַל!

סאַװיצקי איז געװאָרן אָנגעצונדן:

— דער 5־טער פעװראַל? פונעם 10־טן אָן איז ניט פאַרשריבן מײַן באַזוך! ער איז אפגיך צוגעגאַנגען צום טישל, אװעקגעלײגט דעם זשורנאַל און גענומען צײלן אף די פינגער:

— 10־טער? װער איז דעמאָלט געװען דער עלצטער?

מע שװײַגט.

— װער איז דעמאָלט געװען?

— װער קאָן געדענקען?—האָט עמעצער אפגיך באַמערקט.

— נו, און דעם 12־טן?

מ'האָט געשװיגן.

סאַװיצקי האָט געזוכט צו װעמען אױסלאָזן דעם קאַעס. דאָס בלוט האָט אים געשלאָגן אין פּאָנעם. די אױגן זײַנען געװען אָנגעגאָסן. די האַנט לאָזט ער אַלע װײַלע אַראָפּ און הײבט זי צוריק אוף: „אזא בלויז, אזא בלויז. װאָס װעט זאָגן די נאַטשאַלסטװע, אױב מע װעט באַמערקן". ער האָט זיך געװאָרפן פון דער טיר צום טיש און צוריק. אָבער װאָס מער ער בײזערט זיך, אַלץ מער איז דער קלאַס קאַלט־בלוטיקער צו אים.

ליבערמאַן האָט דערפילט די כאַװײרימס קאַלטבלוטיקײט און איז גע־

שטאַנען רויק און מיט האס געקיקט אױף סאוויצקיס קליינע קורצע הענט, וואָס זאָבן האָפענונגלאָז געמישט הין און צוריק די בלעטלעך...

— ווי באַלד אזוי, — איז געפאלן דער אופזועער אויף א סוואָרע, — שרייַב! און א וואָרף געטאָן צו ליבערמאנען דעם באזון־זשורנאַל, — א הענטל־פען דערלאַנגט!

מ'האָט דערלאַנגט.

ליבערמאַן האָט גענומען דאָס הענטל־פען אין דער האַנט און זיך געגרייט שרייַבן.

— שרייַב: זונטיק דעם 10־טן פעווראַל האָט זיין וווילגעבורט, דער הער עלטערער אופזעער סערגיי ארקאַדיעוויטש סאוויצקי, באזוכט די אלגעמיינע קווארטיר און דעם אלגעמיינעם לימודים־צימער און געפונען...

— שרייַב! אז איר פאַרגעסט, סאַראַקאָקעס...

ליבערמאנס פינגער זיינען אומבאַוועגלעך געלעגן אפן הענטל־פען. סאוויצקי באגעגנט זיך מיט זיינע אָנגעשטרענגטע בליקן און בלייַבט שטיל אויף א ווײַלע.

— וואָס זשע שרייַבט איר ניט? — פארשטייט ניט סאוויצקי, — איך הייס דאָך אייַך, סאַראָקאָ. וואָ אָנאָ. איר זייַנט ניט קיין גראַמאָטנע?

ליבערמאַן האָט אָנגעשריבן:

— דעם 25־טן פעווראַל האט זײַן וווילגעבורט... אז"וו.

סאַוויצקי לייענט איבער און פאָרט:

— און פארן 10־טן? און פארן 12־טן? און פארן?..

ליבערמאַן איז ווײַן געשטאנען לעם די כאַווײרים און קיין אכט ניט געלייגט אויף דעם אופגעבלאָזטן אופזועער, וואָס האָט אליין מיט א ציטערדיקן קסאַוו אַרייַנגעשריבן זיינע אייגענע 10 באזוכן און אַלע לויט איין נוסעך, ניט פאַרגעסן דערבייַ אַן איבעריק מאָל צו דערמאָנען זייַן באליבט זידלוואָרט: „כאָ־אָ־וואָ־אָנאָ".

ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער אָפּגעזוכט ליבערמאנען, צוגעגאנגען צו אים, זיך אָנגעבויגן און געזאָגט:

— איך וועל אייַך געדענקען, איך וועל אייַך ווייַזן, פיסאריעוו, סאַראָקאָ.

פון א ווייַטן ווינקל איז צו סאוויצקין דערפלויגן „גאלקא" און זיך באַלד צעשאָטן אין א דערשטיקטן געלעכטער.

X

גרעטשאַנינאָוו, דער לערער פון רוסיש, דער הויכער שיינער פּאַרשוין, וואָס איז אַמאָל געווען אַן אַקטיאָר, האָט זיך איינמאָל אוועקגעשטעלט אינמיטן זאַל אין אַ ראָד ראַוויניסטן און מיט שטאָלץ געלויבט:

— די בעסטע קענער אף רוסיש זײַנען בא מיר מינאָר, האסמאַן און ליבערמאַן.

די־אָזיקע דרײַ שילער זײַנען גראדע ניט געווען אין דער ראָד.

מ׳האָט זיך אומגעקוקט אין די זײַטן, זיי געזוכט מיט די אויגן. איינער פון דער ראָד איז ערגעץ אוועקגעלאָפן זיי ברענגען אהער.

גרעטשאַנינאָוו האט דערווײַל ווידער שטאָלץ אַ גלאַנץ געטאָן מיט זײַן גלאַט־אויסגעראַזירט פּאָנעם און צוגעגעבן, אופהייבנדיק דעם פינגער מיטן ברייטן סיגנעט:

— אָט, לערנט זיך פון זיי די אויסשפּראַך.

די שילער האָבן מעקאַנע געווען. זיי האָבן ווידער זיך אומגעקוקט, געוואָלט געפּ נען די גליקלעכע דרײַ כאַווײרים, וואָס זײַנען אַלץ ניט געווען.

גרעטשאַנינאָוו האָט זיך שוין געלאָזט אוועקגיין אין לערער־צימער, האט מען פּלוצים דערזען, ווי איינער שלעפּט אַלע דרײַ — מינאָרן, האַסמאַנען און ליבערמאַנען — וואס גייען נאָך אזוי זײַטיק און אָן כיישעק.

— קומט! — האָט דער שילער זיי געשלעפּט — קומט און זאָלן אײַערע אויערן פאַרנעמען דאָס לויבן פוגעם לערער.

האסמאַן, אַ מיטלוווקסיקער מיט אַ צעלאָכעסדיק־פּרײַלעך פּאָנעם, האָט זיך אַ ריס געטאָן צו דער ראָד שילער, זיך טייקעף אויסגעקערעוועט און אָנגענומען מיט ביידע הענט מינאָרן און ליבערמאַנען, זיי געשלעפּט און אַליין אָנגעבויגן אף פאָרויס זײַן ריִרעוודיקן קערפּער.

ס׳איז אָבער נישט אזוי גיך שטיל געוואָרן.

ליבערמאַן איז געשטאַנען לעבן דעם פרייליכן האסמאַנען און ערנסט און באַשיירן געקוקט אף די כאַווײרים.

דער, וואָס איז אוועקגעלאָפן רופן די דרײַ, האט זיך געבעטן באַם לערער:

— אַלעקסיי פּעטראָוויטש, זאָגט זיי, וואָס איר האט אונדז געזאָגט.

גרעטשאַנינאָוו האט ווירדיק אַ וואָרף געטאָן מיט דיברילן, זיי האָבן זיך אַ ריס געטאָן אינדערהייך.

— דאַ...אַ... דאַ.. אַ.

גרעטשאַנינאָוו מאַכט די נויטיקע פויזע און דערנאָך:

— דא... איך האב אייך געלויבט, אָבער נעמט זיך ניט איבער.

און איז אוועק אין לערער־צימער.

די ראָד כאַווירים האט אַ קלונג געטאָן מיט עטלעכע קוילעס, און באַלד איז קיינער ניט געבליבן ארום די דריי גליקלעכע.

מינאָר איז אויך טייקעף אוועק, און עס איז געבליבן האַסמאַן מיט ליבערמאַן. האסמאַן האט דעמאָ"ט שטיל געזאָגט:

— ליבערמאַן, דו געדענקסט, וואָס איך האב מיט דיר גערעדט?

ליבערמאַן דרייט מיטן קאָפּ אף ניין.

האסמאן דערמאָנט:

— אז מיר דאַרפן גיין אפן יורידישן פאַקולטעט.

ליבערמאַן שווייגט א ווייַלע. דערנאָך זאָגט ער פעסט און אַנטשלאָסן:

— מיך אינטערעסירט ניט קיין יוריספּרודענץ.

האסמאן האט גאליק, מיט זיין גאנצן צעלאָכעסדיקן אויסזען זיך אַ בייזער געטאָן אפן כאַווער:

— וואָס דען, מעדיצין? א ייִד ווייסט בלויז מעדיצין!

— פאַרוואָס מיינסטו, אז מעדיצין?—איז ליבערמאַנס פעסטקייט אביסל געבראָכן געוואָרן. ס'האט אים געצווונגען, ווייַזט אויס, ווידער א טראַכט צו טאָן, ווייַל ער האט געזאָגט:

— דעם עמעס געזאָגט, איז בא מיר נאָך ניט באַשטימט.

ס'האט זיך דערהערט א קלונג, און ביידע האבן זיך געלאָזט אוועקגיין צו די קלאַס־צימערן.

פארן אריינגיין אין קלאַס, האט האסמאן א ציִ געטאָן ליבערמאַנען צו זיך און אים אייַנגערוימט:

— איך וויל דיר עפּעס פאַרטרויען, נאָר שאַ.

ליבערמאַנס אויגן האבן זיך אָנגעפּילט מיט אינטערעס:

— וואָס?

— שפּעטער, שפּעטער...

אף דער האַפּסאָקע האט האסמאַן אוועקגערופן ליבערמאַנען אין אַ ווינקל און אים גערעדט:

— זאָג, צי ווילסטו יאָ זיין א יוריסט, צי ווילסטו ניט—איך וויל שטאַרק. אָבער דיך אינטערעסירן די נייַעמע־איבערלעבונגען פון אַ פאַר־ברעכער?

בא ליבערמאַנען האבן א צוק געטאָן די אקסלען. ער האט ניט געוווסט, וואָס צו ענטפערן. ס'האט האסמאנען א־ייַנגעבראַכט אין קאַעס:

— פאַרשטייסט ניט, וואס איך פרעג דיך? מיט דער ווירקלעכקייט וויל־סטו זיך באַקאַנען?
— איך וויל.—האט זיך אָראָפּגעגליטשט פון ליבערמאַנס ליפּן.
— מאָרגן הענגט מען בונטאָוושטשיקעס, פּולישע.
— פּונוואַנען ווייסטו?
— צופעליק זיך דערוווּסט, שאַ—און האסמאַן קוקט זיך אום—גיי איך קוקן. אלס צוקונפטיקן יוריסט אינטערעסירט עס מיך. גייסט מיט מיר?
בײַ ליבערמאַנען האט דאָס גאַנצע געפּלאַמט. ער האט קיין וואָרט ניט געענטפערט, איבערגעלאָזט דעם כאַוועער און איז אוועק. האסמאַן איז געבליבן שטיין עטוואָס אַפּאַטיש. ס׳האט אים באַנק געטאָן, וואָס ער האָט דערציילט ליבערמאַנען.
דעם טאָג האבן זיך די כאַוו״רים נאָכאַמאָל באגעגנט. מ׳האט אבער מער דערפון ניט גערעדט. ווען האסמאַן האט שוין געהאַט די דער־לויבעניש פון דער שול־אדמיניסטראַציע אוועקצוגיין אין שטאָט, האָט אים דאָך א צי געטאָן צו ליבערמאַנען. ער האט אים געפונען און גע־זאָגט מיט אזא איינגעגעסענעם טאָן, גלייך אָפּזאָגן אים איז געווען אומעגלעך:
— ליבערמאַן, איצטער גיי איך אוועק און מאָרגן גאַנצפרי קום איך דיך נעמען.
ליבערמאַן האט גאָר ניט געענטפערט.
האסמאַן האט געהאלטן וואָרט: אף מאָרגן גאנצפרי איז ער געקומען צו ליבערמאַנען אהיים, און זיי זיינען ביידע אוועק אין שניפּישאָק, צו דער אלטער ווילנער פאָרשטאָט.
ליבערמאַנען איז שוין אמאָל אויסגעקומען צו זיין אין דעם טייל שטאָט, ווו אויסגעבויגענע רוקנס פון הייזער זיינען אזוי אומעטיק און דערבאָנען אין אָרעמקייט און אין נויט. אָט גייט ארויס אן אַל־טיטשקער, א פאַרוויקלטער אין טראַנטעס. עס פירט אים א קליין ייִנגעלע בײַ דער האַנט. מעגלעך, דער אלטטשקער איז א בלינדער. זיי גייען ארויס מיטן טאָג־צו קלייבן נעדאָוועס.
אין א פענצטער פון אן איין־געבראָכן הייזל שטעקט א היפּשע ברוי־דיקע קישן. געווים האָט מען זי געדארפט האָבן אף באנאכט אונטערצו־לייגן צוקאָפּנס. ס׳איז אָבער קאלט, מוז מען מיט איר פארשטעקן די לאָך אין פענצטער. עס דערהערט זיך אן אומעטיקער קלאַפּ פון א טיר: א וואַסערפירער קלינגט מיט די עמער. ער גייט ארויס אף דער טאָג־ארבעט.

אַ האָן טוט אַ קריי, וואָס פאַרלירט זיך ערגעץ אינדערווײַט.

האסמאַן האָט ליבערמאַנען ניט געלאָזט איבעריק טראַכטן, ער האָט אים געײַלט:

— הינטערן בייסאַלמען וועט מען מאַכן די עקזעקוציע. מ'עט שפּעטער ארומרינגלען און קיינעם ניט צולאָזן, איז קום גיכער. זע, עס איז שוין באַלד גרויסער טאָג.

האסמאַן האָט געווירקט אויף ליבערמאַנען מיט זײַן פעסטקײַט, מיט זײַן איבערגעטריבענעם אינטערעס און מיט זײַן צעלאָכעסדיקער אײַנגעשפּאַרטקײַט.

ס'איז געווען גאַנץ קאַלט. די ראַווינעסטן האָבן זיך געטוליעט אין די וואַרעמע פּאַלטעס.

זיי זײַנען געקומען אויפן בייסאַלמען, גענומען אַריבערקריכן איבער די צעפלאַכטענע ברעטער פון דעם אַלטן אָפּגעריבענעם פּאַרקן, וואָס איז געווען גאַנץ נידעריק.

קײַן איין לעבעדיקע בריאה אין אַרום.

ליבערמאַן האָט געכאַפּט אַ ציטער פאַר קעלט, דערזען, אַז זײַן מיטגייער קריכט אַרויף אויף אַ געזונטן בוים, איז ער אים נאָך. די פּאַלטאָ האָט זיך אַלע ווײַלע פאַרטשעפּעט אין די ענגע צווײַגן. ער טשעפּעט זי אָפּ און קריכט ווײַטער. איבער זײַן קאָפּ איז האסמאַן מיט אַן אויסגעשטרעקטן פּנים אויף פאָרויס. האסמאַן האָט אים עפּעס שטילערהייט געזאָגט, אָבער ער דערהערט ניט, מאַכמעס אַ צווײַג האָט זיך הילכיק אָפּגעבראָכן, געטאָן און צעשניטן די שטילקײַט מיט אַ קרעכצנדיקן קלונג.

ליבערמאַן הייבט זיך אויף העכער צו האסמאַנען און פרעגט אומגעדולדיק:

— וואָס האָסטו געזאָגט?

— קיק!—האָט האסמאַן אים שטיל געוויזן מיט דער האַנט.

ניט ווײַט איבערן פּאַרקן האָבן זיי דערזען זיך פּאָרען מענטשן אין מיליטער־קליידער. מ'האָט פון ערגעץ צוגעפירט דרענגלעך, סטויפּעס, און זיך גענומען אויפשטעלן אַ תליה.

ליבערמאַנען איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער נעמט שטילערהייט רופן האסמאַנען:

— האסמאַן, האסמאַן, וווּ?

— וואָס, בלינדער, זעסט ניט?—איז האסמאַן געווען פאַרכאַפּט און זיך אפילו ניט אומגעקוקט צו זײַן שכן.

אָט איז צוגעפאָרן אַ שוואַרצע קאַרעטע מיט גיכן און אַ כאַפּנדיקן

רעדער־גערויש. פון דער קאַרעטע האָט מען אַרויסגעפירט דרײַ פאַרקאָוועטע אין קייטן. אַ זשאַנדאַרם האָט אָפּגעשלאָסן די קייטן פון זייערע הענט און פיס און זיי צוגעפירט צו אַ הויכן פאַרשוין, וואָס איז געשטאַנען מיט אַ בויגן פּאַפּיר אין די הענט.

מ׳האָט געזען קלאָר, ווי דאָס לײַכטע אינדערפריִענדיקע ווינטל באַוועגט און קנייטשט דעם בויגן פּאַפּיר. מע האָט דערהערט דעם פּאַטש, וואָס דער פּאַרשוין האָט דערלאַנגט איבערן בויגן פּאַפּיר, ער זאָל זיך אויסגלײַכן, אַז מע זאָל קאָנען לייענען. ליבערמאַן ציטערט.

דערנאָך איז צו די פאַרמישפּעטע צוגעגאַנגען אַ קאַטוילישער גאַלעך, זיך אָנגעבויגן צו יעדערן באַזונדער, עפּעס געמורמלט. יעדערער פון די דרײַ באַגעגנט זיך מיט דער פריש־אויפגעשטעלטער טליע, וואָס איז געשטאַנען אַ שטימע און אַ פאַרשלאָסענע קעגן אויפגעגאַנגענעם בלאָווס פונעם טאָג.

ליבערמאַן האָט זיך גוט אײַנגעקוקט אין איינעם: אַ פּריצישן שמאָל פּאָנעם, ברעמען, אַזוינע גרויסע ברעמען, ווי בײַ אַ גרײַז, און אין ערמעסן איז דאָס פּאָנעם געווען יונג און פריש. אויף יאָרנלאַנג שפּעטער האָט ליבערמאַן ניט פאַרגעסן די גרויסע ברעמען פונעם יונגן גרײַז. אויף יאָרנלאַנג.

ווען דער גאַלעך האָט אָפּגעטראָטן פון זיי אויף אַ פּאָר טריט, האָט אַ האַנט באַפוילן דעם טאַליע, אָנהייבן.

בײַ ליבערמאַנען האָט ווידער גענומען צו טונקלען אין די אויגן. אַ שטאַרקער קויעך האָט איצטער ווי אומיסטן זיי איבערגעריסן און געצוווּנגען: קוק, זע, פאַרגעדענק. האַסמאַן איז ווי געהאַנגען אינדערלופטן, ניט געפילט אַפילע ליבערמאַנס אָטעם, וואָס איז געגאַנגען גלײַך אויף אים פיבערדיק, ציטערדיק און האַלב־דערשראָקן. ער האָט בלויז געהערט, ווי פון די ערגאַנען פליִען אַרויס צעריסענע שטאַמלען: שטילע, דערשטיקטע און אומזיניקע:

— האַסמאַן, זעסט, האַסמאַן.

קעגן דער קלאָרער הייך האָט שוין געפלאַטערט איין קערפּער. פיס, צוויי פיס האָבן זיך געוואָלט דערנענטערן איינס צום אַנדערן מיט זייערע קני, מיט זייערע הינטערשטע טיילן, נאָר עמעצער האָט געוואָלט אָט די צוויי פיס, וואָס זײַנען שטענדיק געווען נאָענט איינס מיטן אַנדערן, געוואָלט צעשיידן אין די לעצטע מינוטן פון זייער וואַרעמען לעבן.

טוליען זיי זיך, די פיס, דעם לעצטן וואַרעמען טוליע.

דעם לעצטן...

ווען איינער איז שוין געהאַנגען, האָט דער פּראָקוראָר זיך בײַז געווענדט צום צווייטן פאַרמישפּעטן:

— קוק, אויסוואורף, בונטאָוושטשיק!

דער מיאטעזשניק האָט געהאלטן אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און ניט געוואָלט קוקן אפן כאוועדס טויט.

— פאַרגיסט אים דעם קאָפּ!—האָט דאָס קאָל באפוילן. עטלעכע כאָל־דאטן זײַנען צו צום פארמישפּעטן און זײער אכזאָריעסדיק אים אויפגע־הויבן דעם קאָפּ.

דאָס קאָל האָט ווידער זיך געלאָזט הערן:

— קוקט און זעט, אזוי וועט זײַן מיט אלע ליאכן, מיט אלע די, וואָס ווילן פליקן אונדזער רוסישן אָדלער!

ליבערמאן האָט געקוקט און געזען

און אָט פליט ארוף א צווייטער קערפּער. א האנט טוט זיך א וואָרף אומזיניק־איבעריק און דערשראָקן־פארלוירן. זי הענגט שוין, די האנט, באגלײַך מיט דער איבעריקער מאסע פונעם קערפּער און רײַסט זיך מער ניט, הענגט ווי א צעבראָכענער האָפענונגלאָזער פליגל.

און דער דריטער קערפּער איז ארופגעצויגן געוואָרן אינדערהייך.

דרײַ זעק האָבן אף שטענדיק פארדעקט דעם לעצטן לעבעדיקן צאפּל פון די אויפגעהאנגענע פוילישע מיאטעזשניקעס.

א צווײַג האָט ווידער זיך א גראָך געטאָן. ביידע כאוויירים האָבן זיך א כאפּ געטאָן, געמיינט, מ׳האָט זיי דערזען און מע קריכט צו זיי. באלד האָבן זיי זיך גאַרויקט און דערזען, ווי די אומגליקלעכע קער־פּערס ליגן איינס לעם אנדערן אין די גריבער אונטער דער טליע, און עטלעכע סאָלדאטן פארשיטן זיי מיט אינדערפריענדיקער הארטער און האלב־צוגעפרוירענער ערד.

דער פלאַץ באַ דער טליע איז שוין געווען פוסט. אפן בוים זײַנען געזעסן ביידע ראוויניסטן פארפרעסט איינס אין צווייטן. זיי זײַנען אראָפּגעקראָכן פונעם בוים און זערשלאָגן זיך געגאנגען דורך די שניי־פּיטאָקער קרומע געסלעך. זיי האָבן די גאנצע צײַט געשוויגן, איינס אפן אנדערן מירע געהאט אפילע צו קוקן.

ס׳איז געווען א מארט־טאָג, וואָס איז סאָף־ווינטערדיק און דאָך אזוי זאַפטיק און דערטראָגט ווײַטע רייכעס פון נאָענטן פרילינג. א פריילע־כער רייעך, וואָס רײַסט אוף די אויגן צו דער העלקײַט, צווינגט זיי ברייטער און אָפענער שלינגען די שײַן.

ביידע ראוויניסטן זײַנען געווען אויפגערעגט און אינערלעך פארטיפט אין אָנוואקסנדיקע געדאנקען און געפילן.

XI

שוין צוויי טעג אז האסמאן קומט ניט אין ראבינער־שול.

עס קערט זיך וועלטן אין שול.

שמעצער האָט ארויסגעלאָזט א קלאנג, אז ליבערמאן ווייסט וועגן האס־מאנען.

מ'האָט אריינגערופן ליבערמאנען צום אינספעקטער פין.

פין האָט זייער בייז געזאָגט צו ליבערמאנען:

— געשיקט זיך, דו ווייסט ניט?

— פארוואָס רעכנט איר, אז איך ווייס.

— אז מע קלינגט, איז א כאָגע.

— נישט שטענדיק, כאמיל איטשאקאָוויטש. און מ'האָט ניט געהערט, אז שמעצער זאָל דאָ קלינגען.

— נו, געדענקט זשע, ליבערמאן.

ליבערמאן האָט ניט געקוקט אין פינס זייט. ער איז ארויס א צעקאָכטער: נאָכער דערוויסט מען זיך טאקע נאָכדעם, אז ער איז אויך געווען בא דער עקזעקוציע.

דערמיט האָט זיך ניט געענדיקט: דער דירעקטער האָט אים געשיקט רופן. ליבערמאנען האָט שרעקלעך ווי געטאָן דער קאָפּ, די אויגן האָבן זיך בא אים פארמאכט פון קאָפּ־ווייטיק. ער איז נאָך ניט געקומען צו זיך פון דעם געזעענעם. פארשיידענע געדאנקען און געפילן זיינען אופגעקומען אין צוזאמענהאנג מיט דעם שרעקלעכן און אויסטערלישן בילד. ער האָט זיי געוואָלט צונויפנעמען צוזאמען, באקלערן.—און דאָ פרו מען בא וכן די לימודים און נא דיר גאָר פלוצים א פאר־הער!

די צוויי טעג איז אים נאָכגעגאנגען דער שטאָלצער בליק און דאָס שטאָלצע, ווירדיקע האלטן זיך פון יענעם מיאטעושניק, וועמעס פיס ס'האָבן נאָכדעם אזוי ציטערדיק געוואָרפן זיך אין די לעצטע אנגסטן. שטאָלצקייט און העלדישקייט. די גאנצע צייט פלאָנטערן זיך אָט די צוויי באגריפן און וואקסן אויס אין איין שטארקן ווען, וואָס ווערט נאָענט און אייגן פאר ליבערמאנען.

— ליבערמאן, צום דירעקטער,—דערהערט זיך פלוצים.

— ווירער?

ער איז אריינגעקומען און זיך אוועקגעשטעלט קעגן דירעקטער.

— זיצט,—האָט ווייך פארבעטן דער דירעקטער.—איך זע, איר זייט אזוי מיד, נישט דערשלאָפן.

ליבערמאן זעצט זיך ניט.

— זיצט!—וויזוער דעם דירעקטאָרס קאָל, שוין אביסל שטרענגער,— שרעקט זיך ניט אין ענטפערט מיר אויף אלע מיינע פראגעס.

— איך זע,—באטראַכט דער דירעקטער ליבערמאנען—אז שוין א פּאָר נעכט פאַרברענגט איר. מיט וועמען, מעג איך וויסן?

— איך האָב מיט קיינעם ניט פאר ראכט. דאָס איז, ערשטנס, און צווייטנס, בין איך די נאכט און יענע נאכט געשלאָפן, ווי שטענדיק, אויף מיין געלעגער.

— אין קאָרטן שפילט איר ניט?

— ניין.

— קיין בראָנפן טרינקט איר ניט?

— דערווייל ניט.

— דערווייל?—שמייכלט דער דירע טער.

— ניין, איך טרינק ניט,—ענטפערט רויק ליבערמאן.

— און מיט האסמאנען נישט געטרונקען און נישט געשפילט?

— ניין.

— אויף אייער ערנוואָרט?—איז זייער העפלעך דער אויספרעגער.

— אויף מיין ערנוואָרט, אז נישט געשפילט אין קאָרטן און נישט געטרונקען.

— איר ווייסט ניט, ווו ער איז?

— ניין, איך האָב אים געזען נעכטן אין גאס און מער ניט.

דער דירעקטער האָט געלאסן געגלעט די באָרד און די גראָוולעכע וואָנצעס און אָנגעשטרענגט און פארדעכטיק געקוקט אפן שילער, וואָס איז דאָך געווען אינערלעך רויק, נישט געקוקט אויף זיין אויסערלעכן צעטומלטן אויסזען.

אין דער צייט איז וולאדיסלאוו אריינגעלאָפן פארסאפעט:

— גרי אָרי פילאטאָוויטש, ער גייט.

— ווער?

— נו, דער שולדיקער.

— וועלכער שולדיקער?—איז נישט געווען קלאָר.

— נו, דער פארפאלנגעוואָרענער...

— אהא!—האָט באם דירעקטער א שמייכל געטאָן די באָרד און די וואָנצעס און פון זיינע אויגן איז טייקעף אנטרונען יענער כשאד, וואָס ער האָט פאַראקשנט געוואָלט אָנקלעפן ליבערמאנען. ער האָט צו ליבערמאנען, וואָס איז נאָך אלץ געשטאנען, אפגיך א ווינק געטאָן, ווי

איינער רעדט: אומזיסט דיך געפײַניקט, ביסט פרײַ. און באַלד זייער שטרענג אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום אריַינגעקומענעם האַסמאַנען.

האַסמאַנס פּאָנעם איז געווען צעבלאַזט. גלײַך אפֿן אָרט, נישט וואַרטנדיק ביז מע וועט אים עפּעס אויספֿרעגן, האָט ער גענומען שיטן אופֿגערעגט:

— מײַנע הערן, גריגאָרי פּילאַטאָוויטש. דאָס, וואָס איך האָב געזען, איז איבערראַשנדיק. יעדער איינציקער דאַרף דאָס זען. אַ גרויער מאָרגן. ס'האָט מיך דערשטוינט. מע דאַרף עס איבערלעבן אַף צו זײַן אַ יוריסט, אַף צו זײַן...

— Молчать!..

דעם דירעקטערס שטים האָט אַ שניט געטאָן שאַרף און באַפֿעלעריש. האַסמאַן איז שטיל געבליבן. ווײַזט אויס, ער האָט ניט געוואַרט אַף אַזאַ באַגעגעניש. די ליפּן האָבן זיך באַ אים נאָך ציטערדיק באַוועגט, גלײַך ער רעדט צו זיך; דאָס פּאָנעם זײַנס האָט זיך אויסגעצויגן, אומעטיק געוואָרן.

ס'איז שוין געווען אַ פֿולער קאַבינעט. ס'זײַנען זיך אָנגעלאָפֿן לערער און שילער. ליבערמאַן איז געשטאַנען אין אַ זײַט און געוואַרט מיט אומגעדולד אַפֿן סאָף.

דער דירעקטער האָט פֿאַרהויבן דעם קאָפּ צו די אָנגעלאָפֿענע און געהייסן וולאַדיסלאַוון צעטרײַבן אַרויסבעטן אַלע שילער. וולאַדיסלאַוו האָט צעשפּרייט די הענט און געטריבן אַלע פֿונעם קאַבינעט, מ'איז אָבער נים אַרויסגעגאַנגען.

דעם דירעקטער האָט עס פֿאַרדראָסן. ער האָט זיך געגרייט עפּעס זאָגן און טאָן אַזוינס, אַז עס זאָל טײַקעף, די רענע ליידיק ווערן דער קאַבינעט. צו האַסמאַנען האָבן זיך צוריק אומגעקערט זײַנע הייסע געפֿילן, וואָס זײַנען עטוואָס אָפּגעקילט געוואָרן איבער דעם פֿריִערדיקן אויסגעשריי „מאָלטשאַט“. ער האָט אופֿגעהויבן די האַנט און זייער פּאַטעטיש אויסגערופֿן:

— וולאַדיסלאַוו, מע דאַרף ניט, וואַרט!

אַלעמענס אויגן אַף האַסמאַנען. זײַן פֿיגור האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעצויגן, די אַקסלען האָבן זיך געהויבן העכער, אָנגעגאָסן זיך מיט זיכערקײַט.

— אַלע מוזן אויסהערן...

אָבער דער דירעקטער האָט ווידער זייער הויך און שטרענג איבערגעשלאָגן פֿרעגנדיק:

— ווּ זײַנט איר פאַרפאַלן געוואָרן?
— איך וויל גיבן דערקלערונגען.
— פון דער שול! צו אלדי רוכעס!—האט א שניט געטאָן דעם די־רעקטערס שטים.
ס׳איז א פּאָר רעגעס שטיל געווען.
האסמאַן האט ארויסגעשלעפּט פון א בוזעם־קעשענע א פּאָר בויגן פּאַפּיר און מיט זיי א פּאָכע געטאָן איבער די קעפּ, ווי מיט א פּאָי:
— אָט, וועט איר אלע הערן, אז איך בין ניט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן, נאָר פאַרקערט, איך בין דערהויבן געוואָרן דערמיט, וואָס איך בין אן איידעס געווען פון א וויכטיקן מעלוכישן איניען.
אלע גאַפן און שטוינען.
האסמאַן האט ווידער א פּאָכע געטאָן מיט די בויגנס פּאַפּיר:
— מיטדערצײַט וועט אָט די ארבעט זײַן א שײַנדל פאַר אונדזער רוסישער יוריספּרודענץ. מע וועט זי דערלערנען, ווי מע דערלערנט די רוימישע רעכט. יאָ, יאָ, שמייכלט ניט, מײַנע ליבע הערן, איך האָב איבערגעלעבט שוי דערלעכע צוויי נעכט, איבערגעטראַכט, געקלערט און געקומען צו אן אויספיר.
האסמאַן האט געמאַכט אַ קליינינקע פּויזע, דערבײַ צעוויקלט די בויגנס פּאַפּיר און געלייענט פון זיי.
קיינער האט שוין ניט געוואגט איבערצושלאָגן.
אין קאַבינעט איז שוין ניט געווען קיין איין ווינקעלע, וואָס זאָל ניט זײַן פאַרנומען.
— „טויט־שטראָף מוז פאַרורטיילט ווערן. די פּראַקטיק דערווײַזט, אז זי ברענגט ניט צו קיין גרויסע רעזולטאַטן, אָבער ניט פּאַר יעדערן דאַרף טויט־שטראָף פאַרורטיילט ווערן. אויב מיר האבן צוטאָן מיט מענטשן, וואָס צעברעכן דאָס רויִקע לעבן אונדזערס, וואָס צעשטערן אונדזער אָרדענונג—טאָר מען ניט זשאַלעווען קיין שטריק“. דעם פּאָר־לעזערס קאָל האט זיך אביכל איבערגעריסן. ער האט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. אלע אין צימער האבן איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און געוואַרט.
— די מעלוכע האט אינזינען אירע געטרײַע אונטערטאַנען, און מיר אלע דאַרפן העלפן אונדזער מעלוכע זאָל שטאַרקער ווערן...
— קאַריערעיסט, מערזאַוועץ!—דערטראָגט זיך צו האסמאַנס אויערן אַ פאַרשטיקטער אויסגעשריי. קיינער האט עס, אפּאָנעם, ניט דערהערט, בלויז ער האט פאַרשטאַנען וועמעס שטים דאָס איז, ניט געלייגט קיין אַכט און ווײַטער גערעדט:

— מע קאָן עס דערגרייכן דאַן, ווען מיר וועלן מיט אונדזער מי העלפן דערלערנען די לאַנד־שפּראַך און אופקלערן פאר או.־דזערע ברי־דער, אז...

האַסמאַנען האָט איבערגעשלאָגן דער דירעקטער, וואָס האט אויסגע־צויגן די האנט נאָך די בויגנס פּאַפּיר און געזאָגט, זיך ווענדנדיק צו גרעטשאַנינאָוון:

— אלעקסיי פּעטראָוויטש, זאָל איך אזא גוטן רוסישן סטיל פאַרע־כענען אף אייער קאָנטע?

— אף מיינער, גריגאָרי פילאַטאָוויטש,—האט גרעטשאַנינאָוו מיט א צופרידענעם שמייכל געענטפערט.

— נו, און די פּאַטריאָטישע געפילן?—טוט זיך ווירדיק דעם דירעק־טערס באָרד א קנייטש.

— דאָס געוויס אף מיינער,—כאַפּט אונטער גרעטשאַנינאָוו און צעלאַכט זיך אקטיאָריש ווייך מיט זיין כולער אויסגעאַרבעטער שטים.

פין האט זיך געענטער צוגערוקט צום דירעקטער, גלייך ער האָט אויך געוואָלט האבן א כיילעק אין די קאָמפּלימענטן, וואָס זיינען דאָ נאָ־וואָס געזאָגט געוואָרן.

האַסמאַן איז געווען אזוי איבעראַשט, אַז ער האט אוש ניט געהערט, וואָס עס קומט דאָ פאָר.

פין האָט זיך אָנגעבויגן צו אים און אים צופרידן דערקלערט, אז, עמעס, ער האט אויווער געווען אף די געזעצן פון דער שול־אָרדענונג, אָבער מע וועט שוין זען עפּעס כאָן, אין צוגעלאָזט־פריוואַטלעך געוומען ארויספירן די ביינגעוועזענע שילער, וואָס האָבן זיך געשטופּט צום די־רעקטערס כיש.

האסמאַן איז דעם טאָג אומגעגאַנגען ווי א העלד. ער האָט אָבער ניט געקאָנט פאַרגעסן דעם אויסגעשריי אינמיטן לייענען.

דאָס קאָל איז אים געווען אזוי באַקענט, ערשט אייערנעכטן האָט ער עס געהערט אזוי נאָענט לעם זיך א גאַנצן פרימאָרגן, ווען ער איז אַן איידעס געווען פון דעם אומפאַרגעסלעכן בילד...

XII

פין גאַנצפרי אָן איז מען אין ראַבינער־שול געווען אין מוירע: אלעקסאַנדער דער צווייטער דארף באַזוכן די שול.

... אלע מוזן זיין אָנגעטאָן ציכטיק אין די אוניפאָרמען. זאָלן אלע

גיין זיך ארומשערן, זיך אָפּגאָלן. מ'איז אופגעשטאַנען פריער מיט אַ האַלבער שאָ, עס זאָל זײַן ריין אין שיין אין אַלע ווינקעלעך.

סאַוויצקי, דער עלטערער אופזעער, איז שוין הייזעריקלעך געוואָרן פון אָפּגעבן באַפעלן. פין, דער אינספּעקטער פון די שולן, איז נאָכגעגאַנגען פוסטריט סאַוויצקין, אים געטריבן אַלע מאָל אין אַן א דער אָרט, דורכ־קאָנטראָלירן, צי אַלץ איז אין אָרדענונג. קאַסיק איז אַרומגעלאָפן אַ פאַר־האַוועטער. ס'האט געמאַכט אַן אײַנדרוק, אז זײַן דאַר גופל איז ווי קלענער געוואָרן, אײַנגעשרומפּענער.

אפילע באַם דירעקטער האָט פון נעכטן אָן גענומען טרערן אַן אויג און א גאַנצע נאַכט און א גאַנצן פרימאָרגן האט עס גענעצט.

באַגעגענענדיק זיך אַלע מאָל מיט אן אנדער לערער פון שול, טוט ער אַ מורמל:

— אזאַ גליק, זײַן מאַיעסטעט טוט אונדז אָן אזאַ קאָוועד.

גרעטשאַנינאָוו איז אָנגעבלאָזן עטלעכע מאָל דורכגעגאנגען, אופגעכאַפּט די אַלגעמיינע צעטראָגנקייט, געוואָלט דערוויסן, אז ער איז רויק און איז געווינט צו גרויסאַרטיקע און צו הויך־געשטעלטע וויזיטן. פּאַקט ער דעם שטענדיק גוטמוטיקן וולאַדיסלאַוון:

— א, וולאַדיסלאַוו, האסט זיך שוין איבערגעציילעמט?

וולאַדיסלאַוו ווייסט ניט, וואס צו ענטפערן.

— איך פרעג בא דיר, האָסט זיך שוין באַצײַטנס איבערגעציילעמט?

— צו וואס, אַלעקסיי פּעטראָוויטש?

— נו, זײַן מאיעסטעט, דער אימפּעראַטער קומט,—זאָגט מיט א שטיל קאָל גרעטשאנינאָוו.

ענטפערט גלײַכגילטיק דער עקאָנאָם:

— Вот невидаль!

אַלעקסיי פּעטראָוויטש האט אופגעפלאמט, די אויגן האָבן זיך בא אים אָנגעצונדן.

דערזען דעם לערערס פּלוצימדיקע אופגעבראכטקייט, האט וולאַדיסלאַוו פאַרשטאנען, אז ער האט עפּעס ניט אזוי געזאָגט, זיך צוריקגעצויגן און באלד זיך פארכאַפּט:

— איך האב געזען ניקאָלײַ פּאַוולאָוויטשן, דעם באַטיושקא פון איצ־טיקן מאָנאַרך. ער איז צוגעגאנגען צו אונדזער ראָטע, ווי איך האב געדינט, א קוק געטאָן מיט זײַנע ביסטרע אויגן און געזאָגט: זדראָווי רעביאַטאַ!—וולאַדיסלאַוו האט אופגעהויבן א פינגער—איך האב שוין גע־זען אף מײַן לעבן אן אימפּעראַטער — Эка невидаль!

— קיין צײַט ניטאָ, אלעקסיי פעטראָוויטש — און דער עקאָנאָם איז אוועק, איבערגעלאָזט א שטוינענדיקן דעם לערער פון רוסישער שפּראַך. ער איז געשטאנען, געשטאנען, נאָכגעקוקט דעם גוטמוטיקן וולאַדיסלאַוון, געצויגן מיט די אקסלען אראָפּ און ארויף און סאָפּקאָלסאָף בייז זיך אויסגעזידלט:

— כאמיאַ!

און די ראוויניסטן?

כאָטש מ'האט זיי ניט ארויסגעלאָזט פון דער שול, דאָך האט זיך עמעצן אײַנגעגעבן ארויסצולויפן צום גענעראל־גובערנאטערס הויף, ווו ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט דער קייסער.

אין שטאָט האט מען דעם גענעראל־גובערנאטערס ווױנונג גערופן דעם „קייסערס פאלאץ".

שוין עטלעכע טעג נאָכאנאנד האט דער שיינער, הויכער פאָנטאַן אָן אופהער געשפּריצט מיט וואַסער.

פארבײַגייער האבן זיך צוגעקוקט און באמערקט: צו דעם שטענדיקן מיטלסטן פאָנטאַן זײַנען צוגעקומען נאָך צוויי זײַטיקע, פונוואנען דינע געשלענגלטע שטראמעלעך זײַנען מיט א ראַשיקן שפּריץ ארופגעלאָפן אינדערהייך און פריילעך אראָפּגעפאַלן.

די ראוויניסטן, וועלכע ס'האט זיך אײַנגעגעבן ארויסצוגיין, האבן דערציילט וועגן דעם גרויסן אוילעם, וואס קלײַבט זיך באם גובערנאַטערס הויף.

די פּאָליציי און די זשאנדארמעריע צעטרײַבן אים, און ער וואקסט אלץ מערער און מערער. איבער דעם טאקע פארהאלט זיך „זײַן" קומען צו אונדז.

— ער וועט פריִער זײַן אין דוכאָוו־מאָנאסטיר און ערשט דערנאָך וועט ער, מעגלעך, זיך ארײַנכאַפּן אין ראבינער־שול.

א באָרוועס יינגעלע איז געלאָפן און געסאפעט. ער האָט ניט געוווסט, וווהין פריִער צו קוקן.

— מאָטעלע, שטיי! — האט צו אים פלוצים א געשריי געטאָן דער טאטע זײַנער.

— אוי, טאטע, א קייסער פאָרט.

— ווו?

— מע זאָגט, ער פאָרט אום אף די גאַסן.

לייזער דער שוסטער האט פאר פּאַכעד א וויש געטאָן זיין פּעך־שוואַרצע באָרד, גענומען דאס יינגעלע בּא דער האנט און ארויס פארן טויער, ווו מענטשן האבן זיך געשטופּט און געקוקט צום עק גאַס.

אלע האבן געשוויגן. מ׳האט אויסגעשטרעקט די קעפּ צו דער גאַס, ווו דעם קייסערס קאַרעטע דאַרף זיך באַווייזן.

מאָטעלע האט זיך שוין לאנג אָפּגעטשעפּעט פון דעם טאטנס האַנט און אינזינען געהאט זיך דורכשטופּן פאָרנט.

כאָטש קיינער האט ניט געטריבן דעם אוילעם צוריק אין הויף אריין, דאָך האט מען זיך ווי צוריקגעצויגן, אלע מאָל האט מען געהערט אן אַנדער געשריי:

— וווהין קריכט איר?

— גייט אוועק פונדאַנען!

— מע דאַרף דאָ ניט שטיין!

מאָטעלע האט זיך צוגעזעצט, אָנגעכאַפּט מיטביידע הענטלעך צוויי פיס און שטאַרק זיך צוגעטוליעט צו זיי. די באַלעבאַטים פון די פיס האבן אפילע ניט געפילט, אז ארום זיי זיינען ארומגעוויקלט קינדערשע הענטלעך.

א קאָל האט אָנגעשראָקן:

— מע זאָגט, אז פאר דער קארעטע פירט מען א האַרמאַט.

דער אוילעם האט זיך א וויג געטאָן. עמעצער האט זיך בייז צעלאַכט. דאס איז געווען א מענטש מיט גרויסע קרענקלעכע אויגן:

— באָבע־מייסעס. איך האב אליין געזען אמאָל דעם עסט־ייכישן מיילעך. ער איז זיך געגאַנגען פראַנק און פריי, און נאָך אים — צוויי הויפלייט מיט פּיסטוילן.

— א מאָשל, דאס איז דאָך דער עסטרייכישער. אונדזערער איז עפּעס אנדערש.

— גיי בעסער אוועק פונדאַנען! — צעשרייט זיך שלוימע דער וואַסער־פירער — מע וועט אייך אלעמען כאַפּן אין ארייננפּיצקען, אז איר וועט דערזען די באָבע פונעם קייוועָר. ליידיקגייערס!

מ׳איז אלע געווען אזוי פאַרטיפט, אז מע האט זיך ניט גערעכנט מיט שלוימעס רייד. און אים האָט עס פאַרדראָסן, וואס מע הערט אים ניט.

— לאָזט מיך דורכגיין! — שרייט ער — גייט בעסער אוועק פונדאַנען. איך ווייס שוין גוט, וואס מע טוט מיט אזוינע, וואס קוקן אהין, וווהין מע דאַרף ניט. מע וועט אייך יעדן איינציקן ארייננפּיצקען. לאָזט מיך דורכגיין מיט מיינע עמער. גייט בעסער אוועק פונדאַנען!

שלוימע האט אומיסטן געקלונגען מיט זײַנע עמער,—ווייסעך וואס! קיינער וויל אים ניט הערן.

וואס אמאָל קומט צו מער אוילעם. פון אלע ארומיקע הויפן האט מען זיך אָנגעשטעלט גראַדע דאָ. מע שטופּט זיך, מע הייבט אוף א שטויב, וואס גייט אום איבער די קעפּ.

— איך וויל נאָר פאר מײַן טויט א קוק טאָן אף אים—האט ניט אופ־געהערט איבערצוכאזערן אן אַלטיטשקער ייִד מיט לאנגע, לאנגע ברע־מען, וואס האבן אים פארדעקט די אויגן.

— זיידעניו,— שרײַט שלוימע דער וואַסערפירער,— ער איז דען מיט הערנער?—מע גייט נאָך קוקן, ווי אַז א בייזוווּנדער. ער פּאָרט אין דער קארעטע, און מיר גייען דאָס גאנצע לעבן צופוס און ווערן געשוואָלן פון הונגער.

לייזער דער שוסטער האט ערשט איצט דערפילט, אז זײַן מאָטעלע האט זיך ארויסגעריסן פון זײַן האנט, און גענומען אים זוכן. דער קליינער יאט איז זיך געזעסן ערגעץ פונפאָרנט לעם צוויי פרעמדע פיס.

— לאָמיך אזוי געזונט זײַן, ווי איך זע שוין די קארעטע,—האט זיך לייזער געוואָלט דורכשטופּן צווישן אוילעם,—לאָמיך אזוי געזונט זײַן.

— ווו, ווו?

— אָט, אָט האָסטו דאָרטן מיט פערד נאשפּיץ.

— וואס, איר זעט ניט?

אָבער מע האט דערווײַל גאָרניט ניט געזען.

די פּע־עמער בא די מענטשן זײַנען געווען צעפלאַמט. שוויס איז פון זיי גערונ־ן. דער שטויב האט זיך געלייגט אף די פּאר־וויצטע פּענעמער, וואס זײַנען געוואָרן קריטיק.

דער וואַסערפירער האט ווידער גענומען קלינגען מיט די עמער און זיך פּלוצים צעשריגן:

— מאַכט א ווא־ע, מאַכט א ווארע.

מע קוקט זיך אפּ־לע צו אים ניט אום.

— לאָ ט דורכגיין רעב מוישען, ניט מיך, רעב מוישען. לאָזט אים צו דאָ־ גליק.

ווירקלעך, מוישע בראָצקי, אויסגעפּוצט אין שאַבעסדיקן סערדעט, האט זיך געוואָלט דורכשטופּן צווישן אוילעם און ניט געקאָנט.

— רעב מוישע גייט מעקאַבלפּאָנעם זײַן דעם מיילעך, מאכט א ווארע,—האט דער אלטיטשקער מיט די לאנגע ברעמען זיך געבעטן.— רעב מוישען לאָזט דורך.

דער אוילעם האט זיך גענומען צונויפשטופן, דורכלאָזן דעם סוי־כער מוישע בראָצקי. מיט אים איז געגאַנגען די טאָכטער זײַנע ראָכל. זי האט זיך געכיינט אין איר העלן קלייד, וואס איז געווען לאַנג ביז די שיך און זיך געכוואַליעט אין פאַלדן.

— ווען מע לאָזט מיך גיין מעקאַבלפּאָנעם זײַן, וואָלט איך אים אָפּגעגעבן דעם שיינעם גוט־שאַבעס, אז עס וואָלט אים פינצטער געוואָרן...—האָט א הויכער יונג אָפּגעזאָגט.

מוישע האט זיך אפילע ניט אומגעקוקט אפן גרויסן אוילעם. ער האָט געוואָלט וואס גיכער קומען צום אָרט, פונוואַנען מע האָט גע־זאָלט ארויסגיין אנטקעגן דעם קייסער.

דער אַלטיטשקער שרײַט נאָך:

— רעב מוישע, נעמט מיט ברויט מיט זאַלץ.

— לאָז, איכל אים אַבערגיין מיט די ליידיקע עמער,—האָט מיט א געלעכטער נאָכגעשריגן שלוימע דער וואַסערפירער.

אינדערמיט גאָס פונדערווײַטנס האט זיך באוויזן א קנויל שטויב, און מע האט קלאָר דערהערט א קלאַפּן פון רעדער. דער אוילעם טוט זיך א ריגעווע. מ'האט זיך א ריס געטאָן צום ווײַטן הילך פון די רעדער.

דערשראָקענע, פארשוויצטע פּנעמער, וואָס האבן זיך געסמאַליעט אף דער הייסער זון, זײַנען פארכידעשטער געוואָרן, מ'האָט שוין גע־וואָלט גיכער זען דעם קייסער, ווען ווערכן מע הערט זיך אָן פון די קינדריאָרן אָן.

„ווי אזוי זעט ער עס אויס?"

„צי איז ער טאַקע אזוי, ווי מע מאָלט אים אף די קארטינקעס."

— אוי, מײַן פוס,— דערהערט מען א צעקלעמט קאָל,— אוי, ווי איז מיר.

ווערמען גייט איצטער אָן א פרעמדער צוגעקלעמטער פּיס, אז אָט, אָט ווערט נ ענטער דער רויש פון די רעדער, וואָס שווימט ארויס פון דעם אופגעהויבענעם געדיכטן שטויב.

— קודי ליעזיעש!—פלאמט אוף א בייזער הוקע פון צוויי זעלנער אף פערד, וואס טרײַבן אוועק א פויערישע פור.

— איך האב ניט געוווּסט — בעט זיך דער פויער. אָבער די זעלנער טרײַבן אים:

— דער צאַר־באַטיושקא האט פײַנט איבעריקע איידעס. הײַדא, ווײַ־טער, מוזשיק!

פאָרן אוילעם איז שוין קלאָר געוואָרן: ס'א פויערישע פור, וואָס האט פארבלאָנדזשעט אפן שליאַך, ווו דער קייסער דאַרף דורכפאָרן.

פון די זעלנערס געשרייען איז מען זיך צעלאָפן טיפער אין הויף. די זעלנער אף די פערד זײַנען צוגעריטן צום אָנגעלויף מענטשן און זיך צעשריגן:

— אין שטוב אַרײַן, וואָן!

און אליין האבן זיי אוועקגעקנאַקט און געיאָגט די פויערישע פור העט ווײַט צום האָריזאָנט.

אינגיכן איז אָנגעלאָפן א באקאנטער פאָליאַק. דערזען דעם אָנגעלויף ייִדן, האט ער זיך געבייזערט:

— צו דער ראבינסקער שקאָלע וועט ער פאָרן און צו אונדז אין קלויסטער ניט. אָט פאסקודנע ייִדן!

באם שליאַכטיטש זײַנען געווען צענומען די פאָלעס פונעם פידזשאַק. ער האט געהאלטן פארפרעסט די פויסטן און זיך ניט בארויִקט:

— מײַן צעבלוטיקט היימלאנד, איך גיי נאָך דיר טרויערן.

און איז אוועק א דערצאָרנטער און א דערשלאָגענער.

— הער נאָר, מיר זײַנען אים שולדיק!..—שרײַט מען נאָך דעם פאָליאַק.

— ייִדעלעך, איר אנטלויפט אויך, איר וועט דאָ קיין האָניק אויך ניט לעקן...—האט עמעצער באמערקט.

— אוי, איז אונדז גוט, אזא יאָר אף אים,—האָט און ע'טערע פרוי זיך אַרײַנגעמישט.

— שאט, מע וועט נאָך דערהערן!—האָט מען אף איר אָנגעשריגן.

— וואָס האָבן מיר וואָס אָנצוווערן, מע ליגט אלציינס ניין אייל—

האָט די פרוי ניט אָ געשוויגן—און איר שטייט און קוועלט: דער קייסער וועט דורכפאָרן, פאָרן זאָל ער שוין... זי האָט ניט פארענדיקט און זיך אָפגערוקט אין א זײַט.

דערווײַל האט שלוימע דער וואַסערפירער געבראַכט א מאָל וואַסער, האט מען זיך ארופגעוואָרפן אף די עמער.

— איינציקווײַז!— שרײַט דער וואַסערפירער — פריִער האט איר מיך ניט געוואָלט דורכלאָזן מיט די עמער. פאמעלעך, אָט גיסטו מיר אויס די וואסער, נא, נאַ, טרינק, וועסטו האבן מער האַנאָע איידער פונעם וואַרטן...

— אזאַ היץ!

— צעגייט זיך אהיים, ער וועט ניט דורכפאָרן, ער באהאַלט זיך אויס. ער האט פײַנט איבעריקע אויגן. האסט דאָך געהערט, וואס די

זעלנער זאָגן—דער וואַסערפירער גיט אַלעמען אַ טרינק און הערט ניט אויף צו בורטשען:— פאַרנעמט זיך מיט גוטן, פאַרנעמט זיך. מע וועט אײַך אַרײַנפּיצקען.

דער אַלטיטשקער מיט די לאַנגע ברעמען האָט שוין צום צוועלפטן מאָל איבערגעכאַזערט:

— פאַרן טויט כאַטש איין מאָל זען אַ מיילעך, פאַרן טויט.

— וועט אים שוין דאָרטן זען, אויף יענער וועלט,— וויצלט זיך דער וואַסערפירער און בריגט אָן דעם עמער צו געבן אַ טרינק דעם אַלטיטשקן.

מ'איז זיך ניט צעגאַנגען, ביז די צוויי זעלנער, וואָס האָבן געיאָגט די פויערישע פור, האָבן זיך ניט אומגעקערט און מיט בייזן צעטריבן דעם אָנגעלויף.

נאָר דער קלײנינקער מאָטעלע איז געבליבן שטיין אין שטיב און ווי פאַרגליווערט לאַנג געקוקט, עפשער וועט זיך באַווײַזן די קאַרעטע מיט די אָדלערס נאָכשפּיץ.

די קאַרעטע האָט זיך אָבער ניט באַוויזן.

XIII

אינאָוונט האָט מיכאַיל ניקאָלײַעוויטש מוראַוויאָוו געבעטן אַן אוידיענץ באַם קייסער ספּעציעל וועגן דער לאַגע אין מײַרעוודיקן קאַנט פון רוסלאַנד.

אין פּאַלאַץ פון גובערנאַטער איז דעם אָוונט געווען אויסערגעווייינלעך ליכטיק. די וואַך איז געווען פאַרשטאַרקט ס'איז אָנגעזאָגט געוואָרן, קיינעם ניט צולאָזן צו זײַן מאַיעסטעט. מיט אַ באַזונדער ביזאָיען איז אומגעקערט געוואָרן די דעלעגאַציע פונעם פּוילישן אדל אין די פּאָרשטייער פון די קאַטוילישע גײַסטלעכע, וואָס זײַנען געקומען בעטן דעם מאָנאַרך, ער זאָל באַזוכן דעם קאָסציאָל פון הייליקן סטאַניסלאַוו.

אַלעקסאַנדער איז געווען ציגעלאָזט-פריילעך צום ווילנער גענעראַל-גובערנאַטער. דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געזאָגט מוראַוויאָוון, איז געווען:

— מיכאַיל ניקאָלײַעוויטש, מײַנע האָפענונגען אויף אײַער שטאַרקייט האָבן מיך ניט אָפּגענאַרט.

דער גובערנאַטער האָט זיך פאַרנייגט און דערנאָך קנעכטיש-דערפרייט אַ קוק געטאָן אויפן קייסערס גלעזערנע אויגן.

עטלעכע מאָל האָט מוראַוויאָוו געגעבן אָנצוהערעניש, אַז די סאָנים

זיינע אין פעטערבורג פירן א פארברעכערישע פּאָליטיק בענעגייע רוסלאנד. אייניקע מיניסטאָרן זיינען צו נאָכגעביק דער פוילישער שלאכטע, וואָס כאנפעט זיך אונטער, און אינדערעמעטן ווילן זיי זיך אָפּרייסן פון רוסלאנדס הערשאפט.

— קיין הומאנישקייט, אייער מאיעסטעט, טאָר מען צו קיין כאָנים ניט ארויסווייזן. איך האָב פיל מאָל געזאָגט, אז דער היגער קאנט איז פונלאנגאָנען אן עכט־רוסישער און ער מוז ווערן א רוסישער. ס'איז לעגענדעס, אז פוילן איז דאָ פארוואָרצלט.

אלעקסאנדער האָט געהאלטן אראָפּגעלאָזט די אויגן, און וויפל מוראוויאָוו האָט ניט געפרוווט מיט זיינע איבערגעטריבן־איינטע טאנישע רייד אופהייבן דעם מאָנארכס אויגן, האָט זיך עס אים דערווייל ניט איינגעגעבן.

עס זיינען געווען אין פעטערבורג קרייזן, וואָס האָבן די גאנצע צייט געגראָבן קעגן מוראוויאָווס פּאָליטיק אין היגן קאנט. אינדערעמעסן, זיינען מוראוויאָווס בלוטדורשטיקייט און די באזונדער שארפע מיטלען געווען אלעקסאנדערן צום הארצן. אז דער גובערנאטער האָט פאָרגעלייגט ניט אָפּשוואכן דעם מיליטער־צושטאנד אין קאנט, האָט אלעקסאנדער אויש א ציטער געטאָן:

— ריכטיק, אייער עקסעלענץ!

— אייער מאיעסטעט, — האָט מיט אביסל א העכערער שטים קימאט זיגעריש געמאָלדן מוראוויאָוו, — איך מיין, אז קיין פויליש וועלן מיר ניט דערלאָזן אינערגעץ ניט. רוסיש, רוסיש און רוסיש. אומעטום, אָנהייבנדיק פונעם אדל־אך, אָט די פוילישע אדל־לייט, אייער מאיעסטעט, פון זיי קומט דאָס גאנצע פייער — און ענדיקנדיק מיטן ערגסטן כלאָפּ.

און דערנאָך, ווען אלעקסאנדער איז שוין געשטאנען באם פענצטער און געקוקט מיט דער אפ ע נאכט־זומערדיקער לופט, האָט מוראוויאָוו געפרוווט דערוויסן זיך בא אים, צי איז ריכטיק, אז אין פעטערבורג פראָעקטירט מען אייניקע להאָטעס פארן היגן קאנט אין צוזאמענהאנג מיט דער פאָרשטייענדיקער באסענע פונעם קרוינפרינץ.

אלעקסאנדער האָט אָפּגעשוויגן.

מוראוויאָוו האָט זיך דערנעענטערט צום קייסער און אביסל אופגערעגט געזאָגט:

— אייער מאיעסטעט, אין פעטערבורג וועלן אייניקע אונדזערע פּאָליטיקער ברענגען נאָך צו א גרעסערער סרייפע אין פוילן! דעמאָלט וועלן מיינע שטרענגע מיטלען שוין אויך ניט העלפן.

אלעקסאנדער האָט זיך אײַליק אויסגעדרייט, צוגעגאנגען צום גובער־נאטער, ארויסגעלייגט אַף זײַן שווערן אקסל די האנט און קאלטבלוטיק א שמייכל געטאָן:

— מיכאיל ניקאָלײַעוויטש, טוט ווי איר פארשטייט און הערט זיך וויינ‍יקער צו צו אינדזערע אייניקע מיניסטאָרן.

מוראוויאָוו האָט געפילט, אז דער קייסער איז צופרידן און באוויליקט זײַן הארבע פּאָליטיק:

קיין שום גנאָד בענעגייע די פּאָליאקן, קיין שום להאָטע דער היגער פּוילישער באפעלקערונג. מוראוויאָוו וועט זײַנס אויספירן, אניט, וועט ער דאָ הי ניט בלײַבן.

אלעקסאנדער האָט געבעטן פארמאכן די פענצטער. דער גובערנאטער האָט צוליב דעם ארײַנגערופן א מענטשן. שפּעטער האָט ער אײַנגערוימט דעם קייסער:

— דער פּאלאץ איז ארומגערינגלט מיט אן אײַזערנער וואנט פון וואכלײַט.

אלעקסאנדערס גלעזערנע אויגן אין די דערשראָקענע קנייטשן אונטער זיי האָבן פארטײַעט א פּאכער פאר דער טונקלקײַט, וואָס האָט זומער־דיק־קיל זיך געגאָסן אין דעם גרויסן און געראָמען יאָנטעוודיק־אויסגע־פּוצטן גובערנאטער־צימער.

— עס וועט ווערן דושנע, אײַער מאיעסטעט.

— ניט שרעקלעך,—האָט אלעקסאנדער געזאָגט.

מוראוויאָוו האָט ניט דערווידערט.

באנאכט האָט ער געהערט, ווי דער גאסט האָט עטלעכע מאָל גע־בעטן אופעפענען און צוריק פארמאכן די פענצטער.

די ווילנער גאסן זײַנען געווען פארוויקלט אין שלאָף און אין פוסטקײַט.

XIV

דער דירעקטער פון דער גימנאזיע איז ספּעציעל געקומען צו מוראוו־יאָוון בעטן, דער קייסער זאָל באזוכן אויך די גימנאזיע. ער האָט גע־הערט, אז די ראבינער־שול וועט מען באזוכן.

אז מוראוויאָוו האָט איבערגעגעבן דעם דירעקטערס ביטע, האָט אלעקסאנדער געענטפערט:

— אין דער ראבינער־שול איז אויך א רוס דירעקטער.

מוראוויאָוו האָט מיט זײַנע כיטרע אויגן א שמייכל געטאָן:

— אײַער מאיעסטעט, די ראַבינטשוקעס װעלן אָבער קײנמאָל קײן רוסן ניט װערן.

— מע דאַרף שטרעבן דערצו! — האָט אַלעקסאַנדער ברײט צענומען זײַנע באַקנבאַרדן און פֿילדײַטיק געקוקט אױפֿן גענעראַל־גובערנאַטער.

מוראַװיאָװ האָט צוערשט ניט פֿאַרשטאַנען אַלעקסאַנדערן:

— אײַער מאיעסטעט, דאַכט זיך, מ׳קױען רוסיפֿיצירן קאָן מען זיך אױף מיר ניט באַקלאָגן, אָבער װעגן די ייִדן איז מיר ניט קלאָר אײַער מײן.

דער קײסער האָט לײַכט געשטופּט דעם גובערנאַטער:

— גוטע אונטער־אַנער פֿאַרשטײען מיך פֿון אַ האַלב װאָרט...

נאָך אַ קלײנער פּױזע האָט אַלעקסאַנדער פֿילבאַדײַטנדיק געװונקען צו מוראַװיאָװן:

— איך דאַרף פֿאַרשטײן, אַז דעם רוסישן מוזשיק איז אַלצײנס: ייִדן, פּאָליאַקן. אָבער אונדז איז ניט אַלצײנס. ס׳איז נײטיק, אַז די פּאָליאַקן זאָלן זײַן בײזע אױף די ייִדן און פֿאַרקערט, װעלן זײ דעמאָלט פֿאַרגעסן אין אונדז, ניכאַיל ניקאָלײַעװיטש...

מוראַװיאָװ האָט צופֿרידן געשמײכלט:

— גערעכט, אײַער מאיעסטעט, געניאַלע װערטער, אײַער מאיעסטעט.

בײַ אַלעקסאַנדערן האָבן די גלעזערנע אױגן זיך דערפֿרײט פֿון מוראַװיאָװס כאַניפֿע. ער האָט אַביסל פֿאַרבױגן דעם קאָפּ אין אַ זײַט און צופֿרידן געמאַכט מיט דער האַנט:

— פֿאַרשטאַנען?...

דעמאָלט אָזיקן געשפּרעך האָט מוראַװיאָװ איבערגעגעבן דעם דירעקטער פֿון דער ראַבינער־שול, װען ער איז געקומען זיך דערװיסן גענױ װעגן קײסערס באַזוך. דאָס טרערנדיקע אױג דעם דירעקטערס האָט שטאַרק, ער געװוּנען נעצן.

— גריגאָרי פֿילאַטאָװיטש, — האָט מוראַװיאָװ שטרענג געזאָגט, — מאַכט זײ, אײַערע זשידאָקעס, פֿאַר עכטע רוסן...

— קכע־קכע, — װי װײַט מעגלעך, אײַער עקסעלענץ, װי װײַט מעגלעך. קאָנען מיר האָפֿן, אַז זײַן מאיעסטעט זאָל באַזוכן די שול? — האָט געפֿרעגט דער דירעקטער.

— מיר װעלן זען, מיר װעלן זען! — זײַנען געװען מוראַװיאָװס לעצטע װערטער.

גריגאָרי פֿילאַטאָװיטש האָט אַ גאַנצע נאַכט ניט געקאָנט פֿאַרגעסן דעם גובערנאַטערס אָנצוהערעניש. ער האָט נאָר געצװײפֿלט, צי

מ׳ראוויאָוו וועט דערלאָזן, אז דער קייסער זאָל קומען צו פאָרן אין דער ראבינער־שול.

אין דער ראבינער־שול זײַנען די לערער אלע ווײַלע געלאָפן פרעגן דעם דירעקטער, ווען, און ערעך, דארף דער גאסט קומען. ער האָט אָבער ניט געוווּסט, וואס צו ענטפערן, און יעדערער האָט דערקענט, אז עפעס איז ניט גלאַט.

— גריגאָרי פילאַטאָוויטש,—האָט זיך גרעטשאנינאָוו איינגעשטעלט.

— קומען, קומען,—האָט דער דירעקטער געטאפט דאָס טרערנדיקע אויג און זייער אפגערעגט א חונק געטאָן צו גרעטשאנינאָוו, ער זאָל מיט אים אוועקגיין אין א זײַט.

— אלעקסיי פעטראָוויטש,—ווענדעט זיך דער דירעקטער מיט א צעבראָכענעם געמיט—איר זײַנט דאָך מיט מוראוויאָוון אלטע פרײַנט?..

— אין?—שפּרינגט אָפּ פון אים דער לערער.

— יאָ, מיר איז באוווּסט, אז איר האָט אונטער דעם גענעראל־גובערנאטערס אָנפירונג געדינט.

— עמעס.

— ווייל איך, איר זאָלט... איר זאָלט אונדזער שול... און ער האָט ניט געענדיקט, ווײַל אין דער רעגע איז אָנגעקומען א שטאפעט און זיך נאָכגעפרעגט נאָך אפן דירעקטער.

גריגאָרי פילאטאָוויטש איז בלאס געוואָרן. די באָרד האָט זיך אָנגעהויבן טרייסלען, ווען דער שטאפעט האָט אים איבערגעגעבן, אז באלד פאָרט אהער צו זײַן מאיעסטעט.

אין זאל האָבן פײַערלעך־יאָנטעוודיק געברענט ליכט. די קאנדעליאַברען האָבן אראָפּגעקוקט פון די ווענט אויסגעפוצטע און שעמערירנדיקע, אייגנטלעך, איז ניט געווען פארשטענדלעך, פארוואָס ברענען באטאָג די ליכט? מ׳האָט זיך קיינער ניט געכאפּט אף דעם. פארקערט, א גאנצן פרימאָרגן האָט וולאדיסלאַוו אלע האלבע שאָ געביטן די ליכט, זיי זאָלן אויסזען וואָס לענגער און פרישער, און די אָפּגעברענטע ארײַנגעוואָרפן אין א קוישל.

א נמיטן זאל איז געשטאנען א גרויסער פאָרטרעט פון אלעקסאנדער דעם צווייטן.

ער האָט געקוקט אביסל פארבויגן דעם קאָפּ אין א זײַט, גלײַך די גלעזערנע אויגן קוקן נאָך די אויסגעקעמטע שפיצן פון זײַנע קורצע באקנבארדן.

פון דעם פאָנעם האָט געטראָגן מיט בייזקייט און געשראָקן: אויב

איר וועט ניט זײַן געהאָרכזאַם, וועל איך נאָך מערער אָפּהיטן מײַן פאָרטערס טראַדיציעס: טליִעס, טליִעס און פּײַן...

אין אַנטקעגנדיקן זאַל האָט זייער שטרענג און אָנגעבלאָזן געהיט די שטילקייט דער פאַרשטאָרבענער מאָנאַרך ניקאָלײַ דער ערשטער.

ער שטייט דאָ אויף דער וואַך און היט די רו פון זײַן קלוימערשט ליבעראַלן זון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, טאָמער וועט ער נאָך מאַכן אַן איבעריק ביינדל דעם פאָלק.

ס'האָט זיך געדאַכט, ער קאָמאַנדעוועט פעלדפעבעליש צום גאַנצן פּאָ ק און דראָט:

— מאָלטשאַט!..

פון פריִער מיט אַ פּאָר שאָ זײַנען געשטאַנען אין זאַל די מוזיקאַנטן, וואָס מ'האָט אַהער פאַרבעטן פון אַ מיליטערישן טייל. די מעשענע אינסטרומענטן זײַנען געווען אויסגעפּוצט און געגלאַנצט קעגן דער טאָגשײַן, אין וועלכער ס'האָט זיך צעמישט די שײַן פון די בראָנדזענע קאַנדעליאַברען.

דאָס איז געווען דער אָרקעסטער פון דעם אימפּער פּאָלק סאָלדאַטן, וואָס האָבן געטראָגן היטלען מיט קליינע קײַלעכיקע דענקעס און מיט אַ שמאָלן אָקאָלישאָק פון בלויען קאָליר.

די פּאַגאָנעס — אויך בלויע, און צווייי ציפערן האָבן אויף די פּאַגאָנעס (דער נומער פון דער דיוויזיע) זיך גערויטלט קעגן דער שײַן און אויך מיטגעטאַנצט בעשאַס די מוזיקאַנטן האָבן געבלאָזן אין די אינסטרומענטן.

דער קאַפּעלמײַסטער האָט אָן אויפהער געשוויצט און געווישט דעם שווייס פון דעם שטערן. ער האָט ניט אויפגעהערט אויסצוקוקן די אויגן, ווען דאַרף מען שוין שפּילן דעם רוסישן הימן.

ס'איז צוגעפאָרן די קאַרעטע מיט די שיינע פערד נאַשפּיץ, דער אָרקעסטער האָט אַ שפּיל געטאָן „באָזשע צאַריאַ כראַני”.

די שילער און די לערער זײַנען געבליבן שטיין אין שטרענגע רייען אויף די ערטער, נאָר וולאַדיסלאַוו האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף די קני און גיך אַראָפּגעלאָזט די אויגן פונעם קייסער. אָבער ס'האָט ניט געדויערט קיין האַלבע מינוט, האָט ער זיך צוריק אויפגעהויבן און זיך אומגעקוקט אין די זײַטן פאַרלוירן מיט דערשראָקענע אויגן.

אַלע זײַנען געווען בלאַס, די קעפּ געהאַלטן פאַריסן צו די געסט.

אַלעקסאַנדער איז נאָכגעגאַנגען פּוסטריט מוראַוויאָוו, דער ברייטער, פעטלדיקער אַלטער מיט אַ בלישטשענדיקן אַקסלבאַנד. עטלעכע מעדאַלן האָבן זיך געאָמבלט אויף דער אויסגעקײַלעכיקטער ברוסט.

נאָך מוראוויאָוון זיינען נאָכגעגאנגען עטלעכע אדיוטאנטן, אמייכסטן יונגע, נידעריק־געשוירענע, מיט פלינקע אין דורכדרינגלעכע בליקן.

ברייט און באלעבאטיש איז אלעקסאנדער אומגעגאנגען אין די צימערן, געשטעלט א צוויי־דריי פראגעס דעם דירעקטער, דערביי לייכט געקלאפט מיט איין אויסגעטאָגענער הענטשקע אין דער צווייטער האנט.

דער דירעקטער איז איצט נאָכגעגאנגען א בארויקטער, זיך אופמערקזאם געבויגן צו מוראוויאָוון. דאָס טרערנ יקע אויג זיינס האָט אים אלץ ניט אופגעהערט צו דערקוטשען און מיט אן אָנשווימענדיקער טרער אים פארשטעלט די ליכטיקע שיין.

אלעקסאנדער איז אריינגעקומען אין דער שול־סינאגאָגע, ווו ס'האָט געשמעקט מיט פרישער אופגעראמטקייט, און האָט געפרעגט בא מוראוויאָוון, צי אין אלע סינאגאָגעס איז אזוי ריין.

מוראוויאָוו האָט שולדיק א שמייכל געטאָן צום קייסער און אים געזאָגט, אז ער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אין קיין יידישער סינאגאָגע.

אלעקסאנדער האָט עפעס א בורטשע געטאָן אין דער נאָז.

מוראוויאָוו האָט זיך אָנגעבויגן צום דירעקטער:

— גריגאָרי פילאטאָוויטש, איר קאָנט ענטפערן זיין מאיעסטעט אף דערדאָזיקער פראגע?

דער דירעקטער האָט עפעס געפרוווט דערקלערן אינקורצן, ס'האָט אָבער ניט באפרידיקט דעם קייסער.

דערנאָך איז אונטערגעקומען דער שילער האסמאן, געהאלטן דעם אויסגעמאָלטן אדרעס, אים איבערגעגעבן דעם קייסער, וואָס האָט צוערשט מעוויניש א קוק געטאָן אפן פאפיר און עס גלייך איבערגעגעבן איינעם פון די אדיוטאנטן. האסמאן האָט זיך אוועקגעשטעלט קעגן דער גאנצער וואך און מיט א קלאפנדיק הארץ אָנגעהויבן:

—„די שילער פון דער ווילנער ראבינער־שול און מיט אונדזערע מיילער דאָס גאנצע יידישע פאָלק, דאנקט דעם גנעדיקן הערשער פון רוסלאנד פאר דעם כעסעד, וואָס זיין מאיעסטעט האָט מיט אונדז געטאָן, געגעבן אונדז די מעגלעכקייט זיך בילדן און ארויסטרייבן די בלינדע און לעכצנדיקע נאָך שיין פון דער פינצטערניש און וויסטעניש, ווו מיר געפינען זיך".

בעשאס דער אויסערגעוויינלעכער שטילקייט, ווען האסמאן האָט נאָך גערעדט, האָט קעלטער א טאָרע געטאָן ליבערמאנען:

— די ארבעט פון דיינע הענט צו זיינע גנעדיקע פיס.

ליבערמאן האָט פארשטאנען, אויסגעדרייט דעם קאָפ צו קעלטערן און

בעטער א שמייכל געטאָן. ער האָט מיטאמאָל דערפילט א טיפן ביזאָיען פאר קעלטערן און איינצײַטיק אן עקל צו האסמאנען...

אין די טיפענישן פון זײַן באוווסטזײַן האָט אדורכגעבליצט א געדאנק וועגן זײַנע צוקונפטיקע פרײַנט און וועגן סאָנים.

האסמאן האָט דערווײַל מעליצעדיק אוועקגעלייגט דאָס גאנצע יידישע פאָלק צו זײַן מאיעסטעטס פיס און געבעטן קיינמאָל ניט פארגעסן, „אז דאָס יידישע פאָלק איז גרייט צו דינען זײַן אומבאגרענעצטער הער־שונג“.

אלע האָבן געזען, ווי אלעקסאנדער דער צווייטער איז צוגעגאנגען צו האסמאנען, אים א קלאפּ געטאָן איבער דער פלייצע, געפרעגט זײַן פאמיליע און געלויבט זײַן שיינעם רוסישן סטיל.

ס'איז געווען אזוי שטיל, אז מ'האָט געהערט דעם שאָכנס אָטעם.

דער קייסער האָט זיך נאָכגעפרעגט. ווער איז דער לערער פון רוסיש. מוראוויאָוו האָט צוגעפירט צו זײַן מאיעסטעט דעם הויכן, שלאנקן גרע־טשאנינאָוון, בא וועמען דאָס פּאָנעם איז געווען קרײַדיק אומבאוועגלעך. ס'האָט אינגאנצן געדויערט עטלעכע רעגעס, און גרעטשאנינאָוו איז צוריק אָפּגעטראָטן אין הינטערגרונט.

דער קייסער האָט אוועקגעשפּאַנט צום ארויסגאנג.

דער אָרקעסטער האָט געשאָטן לעצטע הייזעריקלעכע קלאנגען פון „באָזשע צאריא כראני“, וואָס האָבן זיך ווי נאָכגעשלעפּט דעם קייסערס טריט.

אין שול־הויף איז געשטאנען א וואָך אין געהיט יעדער ארויסגאנג און ארײַנגאנג. ווען ס'האָט זיך באוויזן דער קייסער, האָט די וואך א ציטער געטאָן.

א לאקיי האָט ברייט פאנאנדערגעעפנט די טירן פון דער גלאנצנדיקער קארעטע, דער קייכער האָט א לעצטן „כעסעדיקן“ קוק געטאָן אף דער ראבינער־שול, און די טיר פון דער קארעטע האָט זיך קלינגענדיק און פעסט פארשלאָסן. דער אָפּגעגילטער אָדלער האָט א בלישטשע געטאָן אף דער טיר פון דער קארעטע און פארשוווּנדן.

די פערד נאשפּיץ זײַנען געלאסן אוועק קעגן דעם טאָג און לײַכט און פרײַ געצויגן די קארעטע.

ארום און ארום אף די טראָטוארן, אינמיטן ברוק האָט מען ניט געזען קיין לעבעדיקע בריע, אויסער דער צעשטעלטער וואך, וואָס איז געווען אף פערד.

אין דער ראבינער־שול האָט אלץ געהילכט דער „באָזשע צאריא

כראני"—און זיך געטוקט אין דעם יאָנטעוודיק־אופגעראמטן אויסזעען פון דער גאס.

אפן קאטעדראל־פּלאץ קעגן דעם גענעראל־גובערנאטערס הויף האָט געשפּילט דער אָרקעסטער פון א צווייטן פּאָלק.

... אין ראבינער־שיל האָט בא דעם קאפּעלמייסטער אופגעהערט צו שוויצן די נאָז און דער שטערן. באם דירעקטער האָט זיך סאָפּקאָלסאָף בארויקט דאָס כּרערנדיקע אויג.

וולאדיכלאוו האָט אויסגעלאָשן די ליכט...

XV

די גאנצע צײַט נאָכן פאל באם דירעקטער אין קאבינעט האָט האסמאן געזוכט זיך צו טרעפן מיט ליבערמאנען. אָבער אלע מאָל, ווען זיי באַגעגענען זיך, דרייט זיך ליבערמאן אוועק. האסמאן איז געווען האָנאָריכטע, ער פלעגט נא דער באגעגעניש צוערשט זיך לאָזן צו ליבערמאנען אין דערנאָך פארײַסן זײַן צעלאָכעסדיק־פרייליך פּאָנעם און מיט ביטל זיך אויך אוועקדרייען אין א זײַט.

אינגיכן איז ווידער אויסגעקומען ליבערמאנען האָבן א באגעגעניש מיט האסמאנען. כאָטש האסמאן האָט זיך געגרייט צו ווערן א יוריסט, דאָך האָט ער געוואָלט זיך פארגרייטן די נייטיקע פאפירן, קעדיי צו קאָנען ווערן גאזיאָנע ראבינער אין א שטאָט. צוליב דעם האָט מען געמוזט האלטן אין דער סינאגאָגע פון דער ראבינער־שול א רוסישע רעדע.

איינמאָל באטאָג האָט מען האסמאנען ארײַנגערופן צו פינען.

פין איז געווען זייער צוגעלאָזט צו האסמאנען. ער האָט פיל מאָל אים געבעטן זיצן, אליין אונטערגערוקט א בענקל. האסמאן, דערפילנדיק די איבעריקע ציגעלאָזנקײַט מיצאד דעם אינספּעקטער, האָט געגעבן צונצוהערן, אז ער האָפּט האלטן זײַן דראָשע נישט ערגער, ווי בעשאס ס'איז געווען דער אימפּעראטער.

פין דערמאָנט אים, אז דער קייסער איז געבליבן צופרידן פון זײַן דראָשע,—ווײל איך האָפן—האָט פין געכאנפעט דעם ראוויניסט—אז דאָס מאָל וועט מען אײַך טראָגן אף די הענט...

— ווען וואָס־זשע דארף איך ריידן, סאַמויל איסאקאָוויטש?—האָט האסמאן געפרעגט.

— אָט גייט די סעדרע „בעהאלויסכאָ". קלײַבט אייך פון דאָרט אויס א געוויסן פּאָסעק, זוכט צו א טעמע, וואס זאָל זײַן צוגעפּאסט צום פּאָסעק, און רעדט. פארשטאנען?

דער ראָוויניסט האָט זיך גענומען גרייטן צום עקזאַמען און אַלץ גע־זוכט זיך טרעפן מיט ליבערמאַנען. ער האָט אים געוואָלט דערציילן, וואָס ער רעכנט צוגרייטן, און ער וויל וויסן ליבערמאַנס מיינונג. האָס־מאַן איז געווען גרייט איבערדערציילן גענוי, מיט אַלע פּונקטן, וואָס ער וועט ריידן, ווי ער וועט מאַכן דעם טראָפּ און ווי ער וועט שטי־לער לאָזן הערן זײַן שטים.

ער באַגעגנט ליבערמאַנען, קומט אָן פּאָנעם צו פּאָנעם:

— ליבערמאַן, פאַרוואָס קוקסטו ניט אין מײַן זײַט?

ליבערמאַן וויל אַוועקגיין.

האַכמאַן פאַרהאַלט אים באַם אַרבל:

— פאַרוואָס ביסטו מיר אַ סוינע?

— ביסט מיר דערווידער...—כאַפּט אָפּ ליבערמאַן אַפּגיך און וויל גיין.

— פאַרוואָס?

— ביסט אַן אונטערלעקער,—און ליבערמאַן האָט זיך אַ ריס געטאָן פאָרויס און איבערגעלאָזט האַסמאַנען שטיין.

די ערשטע עטלעכע מינוט איז בא האַסמאַנען געווען אַ געפיל פון אַ געליטענעם, און דערנאָך האָט ער באַשלאָסן: אָפּ ליבערמאַנען קוקן מיט פאַראַכטונג און פאַרגעסן, אַז ביידע צוזאַמען האָבן איבערגעלעבט אַפּן בוים מינוטן פון שרעק און פון שווידער.

פון דעמאָלט אָן האָט האַסמאַן באַהאַלטן אַ טיפן האַס צו ליבערמאַ־נען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זײַנע געדאַנקען און געפילן פאַלן זיך ניט צונויף מיט ליבערמאַנס געפילן, און דאָס האָט אים שטאַרק פאַר־דראָסן און געאַרט: זיי זײַנען דאָך אין שול פון די בעסטע רוסיש־קענער און ביידע פאַרבינדט יענער כאָר אַפּן בוים, פאַרוואָס־זשע איז ליבערמאַן גרויס בא זיך? זאָל זײַן—ער איז מעקאַנע?

— צו אַלדי שוואַרצע יאָרן—און האַסמאַן וויל מער ניט קלערן פון דעם.

יענעם שאַבעס באַם דאַווענען, נאָך קריעס־האַטוירע, איז די סינאַגאָגע פון דער ראַבינער־שול געווען פול געפּאַקט. עס זײַנען געקומען ניט בלויז אַלע שילער פון דער ראַבינער־שול, נאָר אַ ע לערער. קיין איינער האָט ניט געפעלט. אַפילע דער אַלטער דיכטער לעבענ־זאָן האָט זיך אויך אַרײַנגעשלעפּט. ער קומט זעלטן אין דער סינאַגאָגע. ער האָט מיטגענומען זײַן סוקוואַטן שטעקן און זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל.

פין איז צו אים צוגעגאנגען און זייער פאָרזיכטיק—קיינער זאָל ניט זען און ניט הערן—אים פאַרגעלייגט אוועקטראָגן דעם שטעקן אין לערער־צימער. דער אלטער לעבענזאָן האָט די היפּשע ברעמען ארופּגעצויגן אף דעם געקנייטשטן ברייטן שטערן און געזאָגט:

— הער פין, איר נעמט זיך שטארק אָן גאָטס קאָוועד.

פין האט אינספּעקטאָריש־שטרענג גענומען דעם שטעקן פון לעבענזאָנס הענט און אף וויפל מעגלעך איידל געענטפערט:

— נישט אין גאָט גייט דאָ, נאָר אין עטישע באַציִונג צו די טאלמידים. אין א סינאגאָגע—א שטעקן? וואָס רעדט איר?

לעבענזאָן האָט מיט רוגזע ארויסגעריסן דעם שטעקן פון פינס האנט און אליין אים אוועקגעטראָגן אין לערער־צימער, זיך צוריק אומגעקערט און צו פינען האלב אין א שפּאס און האלב ערנסט געזאָגט:

— ווערט ער פארפאלן, זייט איר אָרעוו...

פין האָט צופרידן געשמייכלט, ווי ער וואָלט צווויסן געגעבן: איך בין דער קרייז־אינספּעקטער. איך בין דאָ אין דער ווילנער ראבינער־שול פאר אלעס פאראנטוואָרטלעך.

מ'האָט געוואַרט אפן דירעקטער, וואס איז אינגיכן אָנגעקומען.

גריגאָרי פילאטאָוויטש האָט באטראכט די געמיינע, אָרעם־ארויסגעבויטע שול־סינאגאָגע, עטלעכע מאָל האָט זיך אים געצויגן די האנט צום הוט—ער איז ניט געוווינט אין קיין פיר ווענט צו טראָגן א הוט.

דער דירעקטער האָט גענומען אָנהייבן.

האסמאן איז שוין געשטאנען אף דער בימע.

די שילער האָבן זיך געשושקעט, מ'האָט געוואָלט טרעפן, וואָס פאר א פּאָסעק וועט אויסקלייבן דער רעדנער.

פיינשטיין מיטן קאָסאָקע אויג איז אלע מאָל צוגעגאנגען צו ליבערמאנען און בא אים זיך נאָכגעפרעגט, צי ווייסט ער, וועלכן פּאָסעק. ליברמאַן האט געענטפערט, אז ער ווייסט ניט.

בא פיינשטיינען איז א פאַרכידעשט פּאָנעם:

— דו ווייסט מיסטאָם, ביסט דאָך זיינער א גוטערברודער!

— פונוואַנען ווייסטו, אז א גוטערברודער?

בא פיינשטיינען האט זיך דאס קאָסאָקע אויג פארקנייטשט, ווי אייגער רעדט: מיר ווייסן אלע, די גאנצע שול.

— האסטו א טאָעס — און ליבערמאן איז אוועק צו קעלטערן, וואס איז געזעסן פארטראַכט און אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

פון צייט צו צייט האט קעלטער געהוסט. א מעשונעדיקע געלקייט

האָט זיך די לעצטע פּאָר כאַדאָשים אויסגעלייגט אויף זיין שטענדיק געזונטן און פרישן פּאָנעם. ער האָט געהוסט, און דער אראָפּגעלאָזטער קאָפּ האט זיך געטרייסלט שווער און אומעטיק.

ליבערמאַן האט מיט קענטיקער באַדויערונג געקוקט אויף קעלטערן. בעשאַסן הוסטן, האָט מען אין ליבערמאַנס טיפע ווייכע אויגן געקאָנט איבערציילן יעדער הוסט, וואס קעלטער האט געגעבן.

— וועלן מיר אָנהייבן. — האט מען דערהערט א קאָל פון דער בימע.

האַסמאַן איז שוין געשטאַנען אינמיטן און געקוקט אויף דער אוידיטאָריע: קיינמאָל, קיינמאָל איז נאָך ניט געווען אזוי פול די שול־סינאַגאָגע, ווי היינט.

א קלייניקייט, האַסמאַן, דערזעלביקער ראַוויניסט, וועמען דער קייסער אַלעקסאַנדער האט מיט זיין „גנעדיקער” האַנט א גלעט געטאָן איבער דער פּלייצע, וועט היינט ריידן!..

זאַלקינד, דער קלייניקער דאַרער לערער פון דיקדעק האט שוין ניט דאס ערשטע מאָל געקוקט אויפן זייגער און, ווייזט אויס, געוואַרט ביז דער ווייזער וועט צוקומען צו א באַשטימט אָרט. איצטער איז דער ווייזער צוגעגאַנגען צו יענעם אָרט, אויף וועלכן דער לערער האט געוואַרט, ווייל ער האט זייער רירעוודיק א שפּאַן געטאָן צו פינען און געוויזן טייטלענדיק אויפן זייגער:

— מע דאַרף דערציען דעם יונגן דאָר צו זיין פּינקטלעך און אַקוראַט.

פין האט ניט געוווסט, צוליב וואס זאָגט עס דער אלטער לערער פון דיקדעק. ער קוקט אים אָן און פרעגט:

— אקעגן וואס זאָגט איר עס?

זאַלקינד טייטלט ווידער אויפן זייגער:

— מע דאַרף אָנהייבן פּינקטלעך.

פין האט זיך דערמאָנט אין אַלטנס איבערגעטריבענער אַקוראַטקייט, א שמייכל געטאָן צו זיך און באַרויִקט:

— גליין, די מינוט הייבט מען אָן.

אפילע די שאַרפנאָזיקע גאַלקע, סאַוויצקיס ווייב, איז געקומען און זיך אוועקגעשטעלט אויף דער שוועל פון דער שול־סינאַגאָגע. זי וויל הערן רוסיש ריידן יענעם גליקלעכן, וועמען די אימפּעראַטאָרישע האַנט האט צופרידן א גלעט געטאָן.

שטייט זי און נעמט ניט אראָפּ די אויגן פון פינען, וואס האט געגעבן די לעצטע פאַראָרדענונג אָנצוהייבן.

האַסמאַן האט שוין גערעדט.

— עס גייט היינט — האט ער געזאָגט — די סעדרע בעהאלויסקאָ. בע-האַלויסקאָ עס האַניירויס — און אז דו וועסט טאָן אָנצינדן די ליכט, וועט אייך ווערן ליכטיק, וועט אייך ליכטיק זיין אין די אויגן, אין דעם מויעך. זנאַיעם, גאָספאָדא, ווי ס'איז פריער געווען מיט אונדזערע אָרעמע ברי-דער, איידער אלעקסאנדער דער צווייטער איז ארוף אפן קיסע-האמלוכע

— און איצטער איז דער אָרעמקייט נאָך ערגער ווי פריער, — האָט קעלטער אויסגעשריגן, — זיך צעהוסט און צוגערוקט זיך נעענטער צו ליבערמאנען.

האסמאן האָט זיך אומגעקוקט אין קעלטערס זייט, פארכידעשט א קנייטש געטאָן מיט די אקסל און גערעדט ווייטער:

— אלע ווייסן וועגן דער פינצטערניש, וואָס האָט פארדעקט דאָס לעבן פון אונדזערע ברידער אין אונדזער פאָטערלאנד. צי געדענקט איר דעם שמוץ, דאָס אָפּגעשטאנענקייט פון די רוסישע יידן ביז די רוסישע רעגירונג האָט זיך אף אינדז דערבארעמט און ביז דער רעכטפארטיקער קייסער אלעקסאנדער דער צווייטער האָט צעזייט די פינצטערניש. איצטער איז דער מאָנארך ווילגעגייגט צו אונדז, ס'איז מיטאמאָל ליכטיק געוואָרן אין אלע ווינקעלעך.

— דו רעדסט ניט, וואָס דו מיינסט! — האָט זיך קעלטער צעהוסט. ס'איז געוואָרן שטילער ווי פריער:

מ'האָט אופגעהערט צו קוקן אף האסמאנען און אף זיין אופגעהויבענער זשעסטיקולירנדיקער האנט. מע קוקט שוין איצטער אין קעלטערס זייט. קוילעס:

— ווער האָט עס געשריגן?

— ווער שטערט עס ריידן?

— ס'איז קעלטער.

— וואַרפט אים ארויס!

— סאוויצקי!

— קאַטיק!

די שארפנאָזיקע גאלקע, סאוויצקיס פרוי, דערהערט איר מאנס נאָמען, לויפט זי אים צורופן. זי איז אריין אין סינאגאָגע צווישן די מאנצבילען. מ'האָט זי דערזען — איז אוועק א געמורמל: גאלקע, גאלקע איז אויך דאָ, און דער געמורמל האָט זיך אויסגעמישט מיט די אויסגעשרייען, וואָס זיינען געגאנגען אין אדרעס פון יענעם ראוויניסט, וועלכן ליבער-מאן האָט איצטער אונטערגעהאלטן.

— ביסט דאָך קראַנק, צאַליק, — האָט ליבערמאַן זיך געבעטן בײַ קעלטערן, — דאַרפסטו עס האָבן צוטאָן.

דערווײַל איז סאַוויצקי צוגעגאַנגען צו קעלטערן, אים געהייסן אַרויסגיין. קעלטער האָט זיך ווי אָפּגעקלעפּט פון שטענדער, פאַרהויבן זײַן היפּשן קאָפּ צו דער בימע און ווידער אַרופגעשריגן צו האַסמאַנען, נאָך מיט מערער דרייסטקייט:

— דו מיינסט ניט, וואָס דו זאָגסט...

האַסמאַן האָט מיט שטאָלץ געקוקט אויף ליבערמאַנען, וואָס איז געבליבן שטיין אויפן אָרט פון גײַעם אַוועקגעפירטן, און אויף קעלטערן אפילו זיך ניט אומגעקוקט. יענער איז אים ניט געלעגן אין קאָפּ, דעריקערשט האָט האַסמאַן געוואָלט ווײַזן ליבערמאַנען, אַז מע איז אויף זײַן זײַט.

דער ראָש איז געווען אַ מדערוואַרט.

פון אַלע זײַטן האָט מען געלויבט האַסמאַנען.

פינק האָט אים געדריקט די האַנט:

— איר וועט זײַן דער צווייטער יעלינעק פון ווין.

— איר זײַט דער צווייטער...

— האַסמאַן, ביכט אונדזער שטערן... — האָט מען פון אַלע זײַטן אים גערימט.

ער איז געווען אויפן זיבעטן הימל. די גאַנצע צײַט האָט ער געזוכט מיט די אויגן ליבערמאַנען, געוואָלט, יענער זאָל הערן די שוואָכים, וואָס מע גיט אים אָפּ. עפּעס האָט ער געפילט, אַז ליבערמאַנס געפילן זײַנען מיט קעלטערן, וואָס האָט איצטער אינדערהייך געוואָרפן אַזוינע פּטער־ווערטער, אָן שטאַרק, זייער שטאַרק האָט זיך געוואָלט דעם צעלאָכעסדיק פּרייל֯עכן ראַוויניסט צוציִען אויך ליבערמאַנען צו קעלטערס אויסגעשרייען, אַז מע זאָל זיי ביידן באַשטראָפן.

גריגאָרי פּילאַטאָוויטש האָט געהייסן אַרײַנרופן האַסמאַנען, אים געזאָגט עטלעכע וואַרעמע קאָמפּלימענטן און אים באַפרײַט. נאָך זײַן אַרויסגיין האָט מען צו אים אַרײַנגעפירט קעלטערן. ער איז געווען בלאַס.

דער דירעקטער האָט זיך געערגערט און איז אויך געווען בלאַס. די באָרד האָט בײַ אים געציטערט.

דער דירעקטער האָט געזאָגט צו פינען:

— אײַערע זין לעסטערן אונדזער מאָנאַרך.

בײַ פינען האָבן זיך געזעצט די פיס, ער ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן. דער דירעקטער האָט גענומען אַ דאָקומענט, וואָס מ׳האָט אים

אפניך דערלאנגט צו דער האנט, און מיט אים געשמיסן איבער קעל־טערס נאָז:

— נאט, נעמט צו אײַער מעטריקע, איר האָט זיך אוי געלערנט בלויז צו באליידיקן אונדזער אויסלייזער, אונדזער באטיושקא דעם אימפּעראַ־טער. וואָן פונדאנען!

און דער דירעקטער האָט זיך פאר גרויס אופרעגונג אוועקגעזעצט אף דער שטול.—און אויג האָט אים געגומען טרערן:

— ניהיליסטן אין דער ראבינער־שול!

און נאָך א שוידערלעך־קורצער פּויזע האָט דער דירעקטער ווידער אויסגעשריגן קימאט היסטעריש:

— ניהיליסטן! סוואָלאָטשעס! אָט ווי סע דערגייט!

זײַן קאָל האָט אָפּגעהילכט איבער דער גאנצער שול.

קעלטער איז ארויסגעפלויגן פונעם דירעקטערס קאבינעט א צע־קאָכטער.

ליבערמאן האָט אים דערזען פינדערווײַטנס און איז צו אים צוגע־גאנגען. וולאדיסלאוו האָט עפּעס געהאלטן אין די הענט און אים גע־פירט.

אין קאבינעט האָט מען מוירע געהאט א וואָרט אויסצוריידן. סאוויצקי האָט זיך אײַנגעשטעלט און צוגעגאנגען צום דירעקטער:

— גריגאָרי פילאטאָוויטש, דערלויבט צו זאָגן, אז איך האָב שוין וועגן אים געזאָגט דעם אינספּעקטער.

— וואָס געזאָגט?—פרעגט דער דירעקטער.

— געזאָגט, אז ער לייענט צופיל—זעצט פאָר סאוויצקי און ציטערט.

— נו, איז וואָס?

— אז ער האָט געלייענט א קראמאָל־בוך.

— К чорту!

סאוויצקי נעמט פינטלען מיט די אויגן, פארלירט זיך, קו־ט זיך אום, ווייסט ניט, צו וועמען עס געהער דער לעצטער אויסגעשריי. ער זוכט בא עמעצן א רעטונג, געפינט ניט, עס באשלאָגט אים א שווייס, דאָס פּאָנעם ווערט האכנאָעדיק־גוט און דערשלאָגן־אויגליקלעך.

דער דירעקטער האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו די לע־רער, וואָס זײַנען געווען אין צימער. מ׳האָט פארשטאנען: מע דארף אוועקגיין, און שטילערהייט זײַנען אלע איינציקווײַז ארויסגעגאנגען.

בא דער טיר פון הינטן אין קאָרידאָר האָט ווערע דערזען סאוויצקין, דעם מאַן אירן, און ציטערנדיק געפרעגט:

— סעריאָזשע, דער דירעקטער האָט דיך געזידלט?..
סאַוויצקי האָט א קוק געטאָן אפן שאַרפנאָזיקן ווײַבל:
— Галка, оставь меня в покое!..

XVI

אין שניפּישאָק האָט שוין ליבערמאַן געהאַט זײַנע הײַזער, וווּהין ער פלעגט אַמאָל אַרײַנקומען.

ווינטער־צײַט האָבן די הײַזער אין די אויסגעקרימטע געסלעך א באַזונדער טרויעריקן אויסזען. זיי שרעקן אָפּ א פרעמד אויג. ליבערמאַן, אָבער, איז דאָ געווען היימיש. אין א פרײַען פרנאַכט כאַפּט ער זיך אַרײַן צו קעסיעל דעם שנײַדער און וויל אים אויפקלערן, אַז ניט שטענדיק וועט אים זײַן שלעכט.

קעסיעל, וואָס איז א מעטופּל מיט קינדער און זעט אַליין אויך אויס ווי א קינד — א קלייניקער, א דאַרינקער, מיט א גלאַט, קימאַט אָנערדיק פּענעמל, שמייכלט אָפּט און טײַנעט:

— פּאַני סטודענט, איר ווייסט, ווען עס וועט מיר זײַן ניט שלעכט?

ליבערמאַן קוקט אים אין די אויגן.

— דעמאָלט, ווען א נאָגיד וועט פאַר א קאָסטיום אויפנייען צאָלן צען מאָל א ויפיל.

ניט דאָס, האָט געמיינט ליבערמאַן, וועט דער שנײַדער אים ענטפערן.

— ניין קעסיעל, ניט דעמאָלט.

— ווען דען? — ווערט שוין אַביסל בייז דער שנײַדער.

ליבערמאַן דערפילט זיך איצט שטאַרקער. ער נעמט דאָס שטיקל קרײַד, וואָס קומט אים אין די הענט אַרײַן:

— דעמאָלט, ווען...

דער סטודענט ווייסט ניט גענוי, ווי וועט ער עס צוטרעפן, ער פלאָנטערט נאָך אַליין. אין זײַן אונטערבאַווסטזײַן יוירט דער געזונטער געדאַנק וועגן גלײַכהײַט, פרײַהײַט, אָבער ווי עס אַרויסברענגען פאַר אַזא פּאָשעטן מענטשן, ווי קעסיעל דער שנײַדער, איז אים שווער.

קעסיעל וואַרט אף אן ענטפער. דאָס קליינע דאַרע פּענעמל זײַנס איז ערטערווײַז באַשאָטן מיט קורצע הערעלעך, וואָס זעען אויס, ווי אָפּגעצופּטע קויטיקע פעדערלעך. ס'איז אַזוי נימעס און אומגליקלעך, דאָס דאָזיקע פאַרהאָרעוועטע פּאָנעם; עס וואַרט, אַז ליבערמאַן זאָל עפּעס זאָגן.

ליבערמאַן פּרוּווט זיך דערקלערן:

— דו האָסט אַמאָל געהערט וועגן גלײַכהײַט, נו, וועגן אַלעמען גלײַך, נו... וועגן דעם, דו זאָלסט פאַר דײַן אַרבעט קריגן אַזויפֿיל, זאָלסט קאָנען לעבן, ווי מוישע בראַצקי. דאַרפֿסט לעבן ווי מוישע בראַצקי?

קעסיעל איז אויפֿגערעגט געוואָרן:

— אַ מאָשל, רעב מוישע פֿאַרמאָגט זיך ניט אַזויפֿיל קינדער, ווי איך, טראָגט אים בעסער, אַ מאָשל.

— ניי, נישט דאָס...—וויל ליבערמאַן ענטפֿערן.

קעסיעל דרייט זיך גאָר אַוועק צום ווײַב, וואָס האָט אים שוין אַ פּאָר מאָל גערופֿן. באַם ווײַב יאַטערט זיך אַ וווּנד אונטער דער פּאַכווע. קעסיעל וויל זיך איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל דערוויסן, צי איז עס אַ פֿאַרקילונג, צי האָט זי זיך פֿאַרשטאָכן.

— אַ מאָשל,—טוט ער זיך אַלעמאָל אַ זאָג—ווי קאָן מען זיך דאָרטן פֿאַרשטעכן. אָבער באַלד געפֿינט ער די פֿאַרענטפֿערונג:

— אַף מײַן ווײַב איז קיין פֿראַגע ניט. ווי מיינט איר, ס'איז אַ פֿאַרקילונג?

ליבערמאַן קאָן וועגן דעם גאָרניט זאָגן.

אָט זאָגט ער צו,—אַז ער וועט ברענגען אַ באַקענטן רויפֿע, וועלן זיי זען. וואָס קאָן מע וויסן?

דאָס ווײַב וויל בלויז, מע זאָל איר קויפֿן עפּעס אַף צולייגן. איר גייט עס ווייניק וואָס אָן, צי איז עס אַ פֿאַרקילונג, צי זי האָט זיך פֿאַרשטאָכן, אַבי עס טוט וויי. זי פֿאַרגעסט ניט באַמערקן, אַז ווען ס'זאָל אים, קעסיעלן, אַזוי שטאַרק וויי טאָן, וואָלט ער ניט געלעגן אַזוי רויִק און שווײַגנדיק, ער וואָלט די שטוב צענומען, זיך געריסן אַף די ווענט. און זי שווײַגט, ווי אַ טויב, און מוז נאָך אויסהערן עפּעס אַ פּלוידערײַ.

— טו בעסער עפּעס, ניי איך נאָך אַ פּאָר פּלוידערן, נאָך אַ מאַלבעש, וועט זײַן פֿיל גלײַכער איידער זיך שפּאַרן מיטן סטודענט.

דער שנײַדער שווײַגט אָפּ ער פּאָרעט זיך לאַנג אין אַ ווינקל און סאָפּקאָלסאָף מאַכט ער צום סטודענט:

— אוי, איר הערט, ווען איר לויפֿט מיר אַרײַן אין אַפּטייק און קריגט מיר עפּעס צו דער מאַקע.

ליבערמאַנען ווערט שווער אַפּן האַרצן. ס'איז איצט אַפּדערנאַכט. דאָס לי טל, וואָס איז אַזוי קליין און טונקל, ליגט דאָ מיט זײַנע פֿאַרביסענע שאָטנס אַף די צעפּליקטע ווענט און טרײַבט אָן אַ וויסטע מאָרעשכוירע.

— נאט, — שטופּט אים קעסיעל א מאטבייע אין דער האנט אַרײַן — אײַך וועט מען עפּשער פאַרקויפן א גוטע רעפּ״ע.

איידער ליבערמאן רירט זיך, ליגט שוין די מאטב״יע אין דער האנט, און ער שטייט שוין אינדרויסן פון יענער זײַט טיר. איצט מוז ער גיין אין אפּטייק — די מאטבייע איז אין דער האנט, — ער לאָזט זיך אין דעם רײַכן טייל שטאָט, ווו עס געפינט זיך אן אפּטייק. דאָרט האָט מען אים געגעבן עפּעס פאַרוויקלט אין א פּעט פּאַפּירל. ער לאָזט עס אראָפּ טיף אין קעשענע און גייט צוריק קיין שניפּישאָק. ס׳איז שוין שפּעט. אין די אויסגעדרייטע געסלעך ליגט א פינצטערניש. טוסט א טראָט, גליטשסטו זיך אויס און פאַלסט אין א גראָבן. זעלטן־ווען עס ווינקט א פּרעטשמעליעט פײַערל פון אן אויסגעקרימטן פענצטער ארויס.

אָט גייט אן אלטער מאן, נאָגלייטנדיק זײַנע וואַקלענדיקע טריט מיט א שטעקן, וואָס קריצט איבערן אָנגעפרוירענעם שניי.

די פאַרפרוירענע האלב־לעוואָנע איז מיד און גלײַכגילטיק געווען אונטער די וואָלקנס. זי האָט פון צײַט צו צײַט געפּרוּווט זיך ארויסרײַסן מיט א פאַרלאָשענעם בליק אויף דער געגנט אָבער אומזיסט, א ווינט האָט זי פאַרדעקט מיט א טרויעריקן פײַפן און מיט קריכנדיקע וואָלקנס.

לעם קעסיעלס שטוב האָט ליבערמאן ארויסגענומען דאָס פּעטע פּאַפּירל.

ווען ליבערמאן איז אַרײַן אין שטוב, זײַנען שוין אלע געשלאָפן, חוץ דעם שנײַדער.

דערזען דאָס מאָדנע פּאַפּירל אין דעם כטודענטס הענט, האט ער א קוק געגעבן אין דער ווײַבס זײַט און צו זיך אליין געזאָגט:

— זי שלאָפט שוין סײַוויסײַ, עפּשער וועט זי זיך באַגיין אָן דער שמירגעליצי.

— ווי איר ווילט, — און ליבערמאַן איז אוועק אהיים.

ער האט איין מאָל פאַר אלע מאָל געוואָלט מיטנעמען קעלטערן אַף שניפּישאָק צו דעם שנײַדער.

אָט, קעלטער טײַנעט דאָך מיט אים, אז עס איז ניט וויכטיק צו קלערן ספּעציעל וועגן ייִדן. ער זאָגט דאָך אלעמען: יעדער דענקענדיקער מענטש דאַרף גוט קענען דאס פאָלק. ווער איז דאָס פאָלק? בלויז רוסישע פּויערים? ייִדישע אָרעמקײַט, שנײַדערס, שוסטערס, טרעגערס, וואסער־פירער — אָט די דאַרפן פאַרנעמען די מוחות פון דער ייִדישער אויפגעקלערטער יוגנט. און צוליב דעם טאַקע לערנט ער זיך, ליבערמאַן, ער

זאָל פארשטיין די נויטן פון די שניידערס. ייִדן האָבן ניט קיין פויערים, דערפאר האָבן זיי די גרויסע גווירים, די וואלד־הענדלער, די אָרעמקייט.

— קעלטער, ווייסט, פון קינדווייז אָן קוק איך זיך צו צום פאָלק. דעם עמעס געזאָגט, ווייס איך ניט, מיט וואָס מע קומט איבער א טאָג: מיט א ציבעלע, מיט א קנאָבל, מיט א געזייערטער אוגערקע. איך בין אויפגעוואקסן בא א טאטן אין אויפגעקלערטן מענטשן, וואָס האט דאָך געהאַט מער ווי א געזייערטע אוגערקע. עס פארדריסט מיך, קעלטער, מרשע בראָצקי האָרעוועט ווייניקער פון קעסיעל שניידער און זעסטו דאָך: קעסיעל האָט א ווייב מיט מאקעס אונטער די פאכווע, און בראָצקי פארמאָגט מענטשן, וואָס האָרעווען אף אים. ווען מע קאָן צו־נויפנעמען אלע אָרעמעלייט, אלע באלמעלאָכעס פון שניפּישאָק, פון אנדערע געסלעך און צו זיי אזוי זאָגן: „ראבויסיי, איר פארשטייט כאָטש אייער אומגליק, איר ווייסט כאָטש, אז איר ליידט״... ווען מע קאָן זיי צונויפנעמען אין דער גרויסער שול און אנשטאָט טפילעס זאָגן, האלטן צו זיי אזא רעדע. קעלטער, ווי האלטסטו?

קעלטער לאָזט ניט אראָפּ די אויגן פון דעם צעפלאמטן ליבערמאנען, ער טוט אים א פאטש איבער אן אקסל:

— פליסט צופיל אין הימל ארײַן, טרוימסט מערער, איידער דו קאנסט עפּעס אויפטאָן. ס׳איז דאָך אוממעגלעך צונויפנעמען דײַן מאסע אָרעמקייט. ווייסט דאָך אליין, מע דארף איינציקווייז איפּקלערן, צוריידן, דערווייזן, אײַנריידן. דײַנע צעקראָכענע שניידערס און וואסערפירערס האָבן קיינ־מאָל ניט געהאלטן קיין געווער. שוין טייזנטער יאָרן, אז זיי ווייסן ניט פון דעם, און רוסישע פויערים, דאָס עמעס־זאפטיקע פאָ ק, באהערשט גוט די ביקס, די ווילע, און אז מע וועט דארפן, קאָן עס איפּהייבן א גוואלד. שניפּישאָק קאָן דאָך אפילע קיין גוואלד ניט אויפהייבן.

— קעלטער, מיר דוכט, האָסט אונדז פאַנט, וואָס־זשע לערנסטו זיך אין א ייִדישער שול?

— היט זיך ניט, טײַערער, — באריקט קעלטער ליבערמאנען — היט זיך ניט. אָבער ליבערמאן וויל מער ניט הערן זײַן כאווערס רייד, ער נעמט אים אָן אונטער דער האנט:

— קום מיט מיר...

— וווהין?

— צום פאָלק! — שרײַט אויס פאטעטיש ארן.

קעלטער ווארפט אף זיך ארויף א ווארעם טיזליקל, און ביידע לאָזן זיך גיין. אפן וועג פרעגט קעלטער זייער פאָרזיכטיק:

— אייגנטלעך, וואָס ווילסטו מיר ווײַזן? איך בין אויסגעוואקסן בײַ זיך אין שטעטל אין דיזעלביקע באדינגונגען, וואָס זיי אלע. איך זאָג, אז ס'איז ניט קיין קראפט.

— דארף מען שאפן פון דעם א קראפט,—דערווידערט ארן.

— מירן בעסער פריִער שאפן א קראפט פונעם פויערטום. ס'איז ווינציקער צו ווארטן און ס'איז זיכערער.

לעם קעסיִעל דעם שנײַדערס שטוב האָבן זיך ביידע סטודענטן אָפּגעשטעלט. ס'איז געווען א ווינטערדיקער פארנאכט. די פראַקטיקע רופט האָט ניט געקאָנט פארשלאָגן די באזונדערע שווערע רייכעס, וואָס זײַנען געקראָכן פון די הײַזלעך.

— עס שטינקט דאָ,—האָט קעלטער זיך פארקרימט.

ליבערמאן האָט אין דער רעגע בייז א קוק געטאָן אף זײַן כאווער.

— הער אויס, קעלטער,—האט ארן אים גענומען בײַ דעם לאץ, גלײַך ער גרייט זיך א שמיץ טאָן עפעס אין פּאָנעם,—איך מיין, אז ווען טשערנישעווסקי קומט אהער צו גיין, וואָלט ער קיינמאָל זיך ניט דערלויבט אזוינס צו זאָגן, און דו...

ער האט ניט פארענדיקט. ארן האָט זיך א ריס געטאָן אין דער האלבאָפּגעשפּארטער טיר. קעלטער איז אים נאָך. זיי זײַנען געשטאנען בײַ קעסיִעלן אין שטוב. דער שנײַדער איז ניט געווען. פונעם בעט האָבן אף זיי געקוקט צוויי גלאנציק-קרענקלעכע אויגן פון א פרוי:

— איר האָט עפעס געוואָלט, יונגעלײַט?

זי האָט ליבערמאנען ניט דערקענט.

דער שנײַדער איז ניט געווען. קעלטער האט זיך גענומען צוריק פארשפּיליען דאס טוזליקל, גרייט צו גיין. ליבערמאן האט אף אים א קוק געטאָן. קעלטער פארשטייט דעם כאווערס בליק. ער בייגט זיך אָן:

— וואָס ווילסטו מיר דאָ ווײַזן?

די קראַנקע פרוי האט געהייסן א קינד אירן דערלאַנגען עפעס אף זיך צוזעצן. א פארשמאָלצעוועט יינגעלע האט געשלעפט א צעבראָכענע פארשטויבטע באנק. עס איז אָנגעקומען קעסיִעל, און דאָס ערשטע, וואָס ער האט געזאָגט, ווען ער האָט דערזען די געסט:

— אָט, דאָ גייט מיר א פאטשאטאָק!.. ער האט עס געזאָגט מיט זיכערקײַט, אפילו קיין רעגע ניט געצווייפלט.

די געסט האָבן געקוקט איינער אפן צווייטן דערשטוינט.

— נאט, נעמט א ראָפּ א מאָס פון ים, געבראכט אייך א קוינע,—זאָגט ליבערמאן פלוצלינג פריילעך און ווײַזט אף קעלטערן.

דער כאווער איז געשטאַנען גרייט, דער שנײַדער זאָל פון אים אראָפּ־נעמען א מאָס.

בא דער קראנקער פרוי זײַנען די אויגן געווען פול מיט פריידיקע טרערן...

XVII

דער שענק איז געווען ווײַט פון שטאָט, הינטער „זארעטשיע", קימאט לעם בייסוילעם. פון זינט ליבערכאן איז געווען אן איידעס, ווי מ'האט געהאנגען די פוילישע מיאטעזשניקעס, פלעגט ער ליב האבן קומען אהער אין דעם טייל שטאָט און אזוי אמאָל פארבלאָנדזשען אין נאַכמענס שענק.

נאכמען איז געווען א ייִד א שטיקל לאמדן. אייגנטלעך, ניט ער אליין איז געווען דער גאַנצער שענקער, נאָר זײַן ברייטביינִיק ווײַב, כײַע־סאָרע, א ייִדענע מיט טונקעלע וואָנצעלעך און מיט עטלעכע היפּשע בראָדעווקעלעך אף דער באָרד. די בראָדעווקעלעך זײַנען געדיכט באַ־זעצט מיט האָר און סע מאכט אן אײַנדרוק, אז סע וואקסט בא איר א בערדל.

די ארומיקע אײַנוווינער, די באַזוכער, די ארײַנגייער אין שענק זאָגן אָפט אנשטאָט:

„קום צו נאכמענען אין שענק,—קום צו כײַע־סאָרען מיט דער באָרד".

כײַע־סאָרע האָט ניט געזשאלעוועט אויסצופּוצן דעם גרויסן ליכטיקן צימער אזוי, אז דאס אויג פון באַזוכער זאָל פארגעדענקען דעם שיינעם געשליפענעם שפּיגל, וואָס איז געשטאנען הינטער די הילצערנע גראטעס, ווו זי פלעגט שטיין און זיך פּאָרען מיט די היפּשע פּאלומעסיקעס גע־פילטע פיש.

ווען כײַע־סאָרע דערזעט אין שיינעם שפּיגל איר האלב־באוואקסן פּאָנעם, דרייט זי זיך אויס צו אים. מיטן רוקן א בארויגעזע און אבּיסל אן אופגערעגטע. זי טוט א קוק אין צווייטן ווינקל צו נאכמענען, וואָס זיצט און קוקט ארײַן אין א צײַטונג:

— נאכמען, נאכמענציע, לייג אוועק דײַן בלאט און דערלאנג בעסער צו דער האנט.

בא נאכמענען טוט א ציטער די צײַטונג אין דער האנט. ער וואַרפט זיך העלפן דערלאנגען אדער אונטערהאַלטן דעם פּאלומעסיק מיט פיש.

נאכמען איז געווען א גרויסער נאשער אף פּעטשאַ. און דאָסדאָזיקע מײַכל פלעגט כײַע־סאָרע צוגרייטן געשמאַק.

נאכמען האט שוין גוט געקאָנט די באַזוכער און פלעגט דערלאַנגען דאס אדער יענץ מײַכל אײדער מע האט אלײן געבעטן. ער לײגט אוועק די צײַטונג אין א זײַט און לויפט דערלאנגען.

— הײַנט, רעב נאַכמען, וויל איך א פּופּיקל און דערנאָכדעם א לעקעכל מיט א זיסער גלאָז טײ, — שטעלט מען אים אָפּ.

דעם לט טוט נאַכמען א שמײכל מ ט זײַנע היפּשע פלײשיקע ליפּן און גײט װײַטער צו דער הילצערנער גראַטע.

פון דעם, וואָס נאכמען האט געטראָגן און דערלאנגט מײַכאָלים, זײַנען בא אים געווען פעט די הענט, און די צײַטונג איז שטענדיק געווען פעט און פארפלעקט.

ער איז געווען א פאַרברענטער לײענער פון צעדערבוימס צײַטונג „קול־מעוואַסער". ער האט ניט געקאָנט לײַדן דאָס צעבראָכענע יידישע לאָשן פון דער צײַטונג, וואָס איז ניט געראָטן אין זײער ליטווישן ווילנער יידיש. ער פלעגט זוכן צווישן זײַנע באזוכער עמעצן, וואָס זאָל לײענען א בלאַט, אָבער עס פלעגט זעלטן טרעפן. דער גרעסטער טײל קונדן, וואָס זײַנען אהער געקומען, זײַנען געווען טרעגער, פּאָשעטע פּאַרשוינען אין גראָבע גראָווע סערמיענגעס מיט אונטערגעבונדענע שטריק אף די לענדן.

די טרעגער זײַנען פון אינדערפרי געשטאַנען לעם שענק און געווארט ביז עמעצער וועט זײ דינגען. אין א מארק־טאָג פלעגן אהער צום שענק קומען גרויסע מענגעס טרעגער און מאכן א גרויסן טרונק.

פון יענער זײַט הילצערנער גראַטע, ווו כײַע־סאָרע איז געזעסן, איז געשטאַנען א לאַנגע שאַפע מיט פיל פּאָליטשקעלעך. אף יעדן פּאָליטשקעלע איז געשטאַנען אן אנדער מין סאָרט געטראַנק, דעריקערשט האָבן זיך געראָפן אין אויג ברײטבײַכיקע פלעשלעך מיט בראָנפן. אין דעם בראָנפן איז געווען ארײַנגעבראָקט לימענע־אָדער מאראנצן־שאָלעכץ.

ווען כײַע־סאָרע האָט איבערגעגעבן נאכמענען אף צו דערלאנגען א פלעשל געטראַנק, פלעגט ער צוסמאָקען מיט די פלײשיקע היפּשע ליפּן:

— א מעכײַע, א געטלעכע מאשקע.

צו די איבעריקע פלעשלעך אף אנדערע פּאָליטשקעלעך איז מען גע־קומען זעלטענער; אז ס׳האט זיך אמאָל ארײַנגעכאַפּט א פּוילישער פּאָרעץ, אָדער א טשינאָווניק פון די קאַזיאָנע אנשטאַלטן, פלעגט כײַע־סאָרע זיך אויפשטעלן אפן קלײנעם בענקעלע, וואָס איז געשטאַנען שטענדיק אין א ווינקעלע, אראָפּנעמען א פלעשעלע פון דער פּאָליצע און עס איבערגעבן נאכמענען:

— פּאַמעלעכן, צעברעך ניט!

און נאַכמען האָט עס ציטערדיק גענומען און געטראָגן צום טיש.
אמאָל כאַפּן זיך אהער אַריין פּאָלישוקעס, וואָס אַרבעטן אין די נאָענטע וועלדער. דאָס זיינען געווען רוסישע ארבעטער, אַ־יינסטן סטאַראָווערצעס, מענטשן גרויסע, וווקסיקע, מיט ברייטע געדיכטע בערד. ווען זיי קומען אַריין, באַהאַלט נאכמען זיין בלאַט, ס׳אָרטשעט אויס אף זיי די אויגן און הערט נישט אוף זיי קוקן אין מויל אַריין. ער האָט שלעכט פאַרשטאַנען און שוואַך גערעדט רוסיש.
פאר זיי איז געווען דער שטאַרקער בראָנפן, וואס איז געשטאַנען פאַרוקט אין א ווינקל אף א פּאָליטשקעלע, אין קליינע ווייסע פלעשעלעך. דער שענק פלעגט ווערן דורכגעזאפּט מיטן שווערן רייעך פון פויערישע סערמיעגעס. זיי זיינען געווען געזונטע, פעסטע און געהאַט אן אויסזען פון אקשאָנים.
די פּאָלישוקעס איז נאָכגעגאַנגען יענער הילך, וואס האט באַגלייט דעם אומקום פון יעדן אומפאַרנדיקן בוים.
אז זיי האבן גערעדט, האט זיך אויסגעוויזן—סע הילכט.
אין שענק איז מיט זיי צוזאַמען אַריינגעקומען דער רייעך פון וואלד, וואס האט זיך געפּלאָנטערט אין די פויערישע פעלצלעך און דאָך נישט געקאָנט פארשלאָגן דעם שווערן פעל־גערוך פון די פעלצלעך.
ליבערמאַן האט ליב געהאַט נאכמענס שענק.
נאכמען האט דערקענט אין ליבערמאַנען א מענטשן, וואָס ווייסט אין די קליינע אויסיעלעך, און פלעגט אים דערקוטשען מיט די מאַמאָרים אין די צייטונגען:
— יונגערמאַן, איר לייענט דעם האַמיילייק?
— כ׳לייען.
— און דעם „קויל־מעוואַסער"?
— כ׳ווייס.
— אָט ליגט בא מיר אן אַלטער גאַזעט, וויל איך אייך ווייזן עפּעס...
אָבער ליבערמאַן דערזעט דערווייל א פּאָלישוק, פארגעסט אינעם שענקערס פראַגעס און זעצט זיך צו צום פּאָלישוק.
איינמאָל האט אהער אַריינגעשמעקט כאַזיצקי דער אופזעער פון דער ראַבינער־שול און מיט די שמאַלציקע אויגעלעך געוואָלט אויסנאַרן, צי קומען נישט אהער קיין ראַוויניסטן. נאַכמען האט לאַנג געקוקט אף כייטעסאָרען, וואס האט זיך צופרידן געפּאָרעט הינטער ער סטויקן, און סאָפּ־קאָלסאָף גענומען דרייען מיטן קאָפּ אף ניין. סאַוויצקי האט געקויפט א גרויסע שטיק קאַרפּן־קאָפּ און אַלץ געוואָלט אויסנאַרן:

— מ'האט אונדז צוווּיסן געגעבן, אַז עס קומען צו אייך אונדזערע ראַבינטשוקעס.

נאַכמען האט זיך ניט אָנגעשטויסן, אַז די שילער טאָרן ניט באַזוכן קיין שענק, און גענומען דרייען מיטן צונג, אַז עפּעס איינער קומט יאָ אַמאָל אַריין.

— ווער?—טוען אַ לויכט סאַוויצקיס אויגן.

— ווער?—ציט דער ייִד און גלעט האַכנאָעדיק די באָרד. די פֿליישיקע ליפּן זיינע הייבן אָן זיך צו באַוועגן, גליַיך ער דאַוונט.

— ווער? איכל זיך באַלד דערמאָנען...

און נאָך אַ לאַנגער פּויזע פֿרעגט ער אינדערהייך איבערן גאַנצן שענק זיין ווייַב:

— כייע־סאָרע?

— אַ?—איז די ייִדענע פֿאַרטאָן אין עפּעס.

— כייע־סאָרע, ווי אַזוי הייסט ער, אָט דער מיטן געדיכטן קאָפּ האָר, מיטן שטילן פּאָנעם?

— וועמען מיינסטו?

— אָט דער, וועמען איך ווייז מיין גאַזעט.

באַ כייע־סאָרען טוען זיך אַ הייב ביידע שווערע אַקסל, זי באַטראַכט דעם געקומענעם גאַסט, וואָס וואַרט פֿאַרטייַעט אויף אַן ענטפֿער. נאַכמען זעט אויס איצטער דינעריש־האַכנאָעדיק. זי פֿאַרשטייט, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט:

— וואָס דאַרפֿסטו עס האָבן?

— דאָס פֿאָרעצל ציקאַוועט זיך,—ווינקט נאַכמען אויף סאַוויצקין.

די ייִדענע מאַכט אַן ערנסט פּאָנעם און שניַידט אָפּ:

— איך ווייס ניט, איך האָב ניט באַמערקט אַזאַ פֿאַרשוין.

נאַכמען דערקענט לויטן ווייַבס ענטפֿער, אַז ער דאַרף האַלטן דעם צונג צווישן די ציין, פֿאַרבייגט ער זיך פֿאַר סאַוויצקין און פֿרעגט:

— געפּילטע פֿיש וועט דער פֿאָרעץ עסן?

— איך פֿרעג זיך אייך,—איז סאַוויצקי ניט באַפֿרידיקט מיטן ייִדנס ענטפֿער,—צי ווייסט איר ניט וועגן אונדזערע ראַבינטשוקעס. זיי פֿרעגן אָפּט ניט און גייען זיך וווּהין זיי ווילן...

— פֿון וואַנען, זאָלן מיר וויסן?—איין מענטש גייט דורך אַ טאָג? איר זעט דאָך, וואָס עס טוט זיך דאָ,—און נאַכמען דרייט אָן אופֿהער מיטן קאָפּ אויף ניין: ער ווייסט ניט, פֿונוואַנען קאָן ער וויסן.

סאַוויצקי גייט אַוועק, באַטראַכטנדיק דעם שענק און די עטלעכע

באזוכער, וואָס האבן ניט אופגעהערט צו רויכערן ציגארן און צו טרינקען פון גרויסע לאַנגע גלעזער.

ווען סאוויצקי איז ארויס, האָט כײַע־סאָרע זיך צעשריגן אפן מאַן:

— נאַכמען, ביסט א גוילעם...

זי האט ניט געענדיקט, ווײַל נאַכמען האט אונטערגעכאפּט:

— האסט רעכט, כײַע־סאָרע, מע דארף שווײַגן! מע זוכט יענעם שיינעם יונגנמאן פון דער ראבינער־שול. איכל אים זאָגן, ער זאָל זיך היטן.

כײַע־סאָרע שמייכלט. ס'טוט איר האַנאָע, וואָס נאכמען גיט איר אָפּ גערעכט. זי בייגט זיך אָן צו דער גראטע און בורטשעט עפּעס.

נאכמען האט דעם טאָג די גאַנצע צײַט ארויסגעקוקט, עס זאָל קומען יענער פארשוין, וועלכן דער פּאָרעץ האט געזוכט. ער האט גוט געדענקט די צײַט, ווען ליבערמאַן פלעגט ארײַנקומען. אָבער ווער ווייסט, צי וועט ער הײַנט זײַן. דער שענקער איז געגאנגען אין דרויסן, ארויס־געקוקט, און ווען ס'איז צוגעפאלן דער אפדערנאַכט, די שטערן זײַנען העלער און לויטערער געוואָרן—א סימען שפּעטער אָוונט—האט נאכמען פאַרשטאַנען, אז הײַנט וועט שוין יענער פּארשוין ניט קומען. ס'האט זיך אים שטאַרק געוואָלט זען און איבערגעבן אים וואָס גיכער, ער זאָל זײַן געהיט.

כײַע־סאָרע האט באמערקט, אז דער מאַן זיצט ניט אײַן:

— וואָס שמײַעסטו ארום, שלימאזאָליק. ווען זוכסטו, זיץ און קוק דיר ארײַן אין דײַן גאזעט.

נאכמען האט פארביסן די ליפּן, ארויסגעלאָזט דעם לעצטן פּאָלי־שוק פינעם שענק. ער האט זיך געפילט שולדיק פאַרן אומבאקאַנטן יונגנמאן פון דער ראַבינער־שול, וועמען ער האט שיר ניט געכאסערט.

נישקאָשע, ער וועט זיך שוין מיט אים נעענטער באקענען און אים דערציילן.

XVIII

אין שענק איז אַן אָפּטער גאַסט געווען א געלער נידעריקער ייִד—זאלמען. אײן אויג איז בא אים געווען אזוי פאַרוואַקסן מיט ליכטיקע אָפּגעבליאקעוועטע האָר פון דער בריעם און דער וויִע, אז מ'האט עס קוים־קוים ארויסגעזען.

זאלמען פלעגט פירן די פּאָטשט צווישן ווילנע און קאָוונע און אנדערע

שטעט. מ׳האט וועגן אים געזאָגט, אז ער שוואַרצט די גרענעץ קיין פּרייסן. אָפּט פלעגט ער מיט זיך אייינברענגען יענזייטיקע סכוירעס. ארום אים שטעלן זיך אַמאָל אַוועק די באַזוכער פון שענק, באַקוקן די פאַרשיידענע סכוירעס, אָבער זאלמען לאָזט לאַנג ניט קוקן אַף די צעל־ניק־סכוירעס, שטופּט זיי אַוועק אריין אין די ברייטע טיפע קעשענעס פון זיין לייכטן לייוונטענעם מאנטל, און ווינקט צו מיט זיין פאַר־וואַקסן אויג:

— סט׳וועלן קויפן, איז ניט דאָ...

די קוינים האבן אָפּט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זאַלמען איז אזא שטרענגער פאַרקויפער, און זיינען צוגעשטאַנען:

— געלער, רויטער, פעטער זאַלמען, רעב זאלמען, לאָז זיך א דינג טאָן.

— אף יענער וועלט וועסטו זיך דינגען פאר אן אליע, פאַרשטאַנען, רעב ייד? — האט זאלמענס האַלב־פאַרוואַקסן אויג סוידעסדיק געפינטלט.

זאלמען דער פּאַ.שמאר פלעגט אריינקומען אמיינסטן פאַרנאַכט, אָדער זייער שפּעט, איידער מ׳האָט פאַרמאַכט דעם שענק. ער האָט ליב געהאָט צו נעמען דעם גוטן טרונק. אָפּט פלעגט ער צושטיין צו די פּאָ־לישוקעס און צוזאַמען מיט זיי טרינקען.

פאר אים האָט כייע־סאָרע געגרייט א באזונדער מין סאָרט פּעטשא. זאלמען פלעגט באשטעלן געגנדזענע פּיסלעך און פּופּיקלעך אין די יליעס. כייע־סאָרע האָט פאר אים אין קעלער געהאַלטן מעמעלעסנווייז די כפּע־ציעל־צוגעגרייטע פּעטשא. און ווען זיין נידעריק פיגורל האָט זיך באוויזן אין גרויסן צימער פונעם שענק, האָט די שענקערקע א טילן רוף געטאָן נאָכמ׳נען, וואָס איז געזעסן פאַרטיכט אין דער בלאט, און די פּעטשא איז גלייך דערלאַנגט געוואָרן צום טישל, ווו דער געלער ייד איז געזעסן.

זאלמען האט, קוויקנדיק זיך מיט דעם מייכל און דעם ביסל מאשקע, געווונקען מיטן פאַרוואַקסענעם אייגל צו דער באַלעבאָסטע. זי האָט שוין געוווסט: דער ייד האָט געוויס געבראַכט יענע בראַנזעלעטלעך, אף וועלכע זי קוקט אַרויס.

וויפל בראַנזעלעטלעך זאלמען האָט איבערגעטראָגן כייע־סאָרען, און זי האָט זיי אלץ פאַרבראַקעוועט: זיי זיינען איר נישט געפעלן געוואָרן.

— רעב זאלמען, ס׳איז נאָך אלץ ניט דאָס, וואָס איך האָב געמיינט.

דער ייד ווישט אָפּ די פעטע פינגער אין לייוונטענעם מאַנטל, לייגט אריין פּאַמעלעך דאָס געבראַכטע אין א שאַכטעלע און באַהאַלט עס אין א ווייטער קעשענע.

ער זאָגט:

— געפעלט אײַך ניט דאָס דראָשעגעשאנק, באַלעבאָסטעניו, וועט איר גאָך צוװאַרטן.

די באַלעבאָסטעניו האָט געדולדיק געװאַרט, װײַל זאַלמען איז געװען אַ בעטױעך.

איינמאָל שפּעט אינאָװנט, װען אין שענק איז געזעסן איין זאַלמען און געזופּט אַ הייסע גלאָז טײ, האָבן זיך אַרײַנגעשטעלט אין שענק ליבערמאַן און קעלטער.

כּיײַ־סאָרע איז דעמאָלט אַרױסגעגאַן אין שכײנעסדיקן צימער—אין אַלקער, און נאַכמען איז געזעסן פאַרטיפט אין בלאַט, װאָס ער האָט געלײענט בא אַ צאַנקענדיקן ליכטל.

ליבערמאַן האָט זיך אַרומגעקוקט, קײנעם ניט דערזען און זיך אָנגע־רופן צו קעלטערן:

— אָט דאָ קאָן מען פאַרטרינקען די צאָרעס.

קעלטער האָט זיך צעהוסט, אַרײַנגעאָטעמט דעם ספּעציפישן שענק־גערוך און זיך געבעטן בא ליבערמאַנען:

— שוין שפּעט, אָבער אַ גלעזל טײ װעט כאָטש זײַן?

דער באַלעבאָס האָט ניט דערהערט. דערפאַר האָט זאַלמען דערהערט, זיך אופגעשטעלט און צוגעגאַנגען צו די ראַבינטשוקעס:

— יונגעלײַט, קומט אהער, צו מײַן טישל.

די יונגעלײַט האָבן דערזען דעם נידעריקן פעסטן ייִדן, װאָס האָט זײ געװיזן אַף זײַן טישל און אַף דער הײסער גלאָז טײ.

— צו מיר, צו מיר, שעמט זיך ניט. רעב נאַכמען, װאָס דרימלט איר?

רעב נאַכמען האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ אוף. פון זײַן פּאָנעם אַנטרונט דער דרימל. ער נעמט אָן די באָרד אין די הענט און זאָגט מיט אַ ניגון:

— און אַז מע כאַפּט אַ זיסן דרימל איז װאָס?

— זעסט ניט, אַז עס זײַנען דאָ קינים?—שרײַט אױס זאַלמען.

ערשט איצט דערזעט נאַכמען די געסט. ער קוקט זיך גוט אײַן, דער־קענט ליבערמאַנען:

— אױ, פאַר אײַך, יונגערמאַן, האָב איך אַ מײַסע־נױרע.

— װאָס־זשע?—פאַראינטערעסירט זיך קעלטער.

— נישט פאַר אײַך, פאַר אים—און נאַכמען װײַזט אַף ליבערמאַנען.

נאַכמען דערציילט, אױ מאָלנדיק דער אופזעער סאװיצקין, װי ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אַף ליבערמאַנען.

ליבערמאן קרעוועט זיך אָפּ און מאַכט מיט דער האנט:

— חאָטש איך האָב שוין פאר אים מוירע!

זיי זעצן זיך צום טיש, נאָענט צו דער סטויקע. נאכמען לויפט דער־לאנגען מאשקע.

— טיי, טיי דערלאנגט!—באפוילט ליבערמאן.

כייע־סאָרע איז אריינגעקומען. דערהערט טיי, זאָגט זי:

— יונגעלייט, אזוי שפעט טיי־ גישטאָ קיין טיי.

נאכמען גייט צו צום ווייב און בעט זיך בא איר:

— מע דארף געבן טיי. עס זיינען ליטישע פארשוינען.

די ייִדענע גיט אים נאָך און הייסט אויסווארטן, ביז עס וועט אופ־זידן טיי.

נאכמען דערפרייט זיך זייער מיט אזיינע קוינים, ווייל אין שענק זעט מען דאָסראָוו מענטשן אין גראָווע גראָ ע מאלבושים.

ער טרעט שוין ניט אָפּ פון ליבערמאנען:

— איר לייענט בלעטער. יונגערמאן?

— איך האָב דאָך אייך שוין אמאָל געזאָגט, אז כ'לייען,—ענטפערט ליבערמאן אָף אָפּטשעפען זיך.

— זשארגאָנישע, צי העברייישע?—טרעט ניט אָפּ נאכמען.

— וויפל האָט איר זשארגאָנישע און וויפל העברייישע? פאראינטערע־סירט זיך קעלטער.

— ס'הייסט—העכערט זיין קאָל דער באלעבאָס אין פאקערט אוף—ס'הייסט, פאראן העברייישע, פאראן איין זשארגאָנישע, אשטייגער, דער „קויל־מעוואסער".

ליבערמאן און קעלטער קוקן זיך איבער, מע קוקט אריבער צו דער הילצערנער גראטע, ווו די באלעבאָסטע פאָרעט זיך בא די טעלער. זיי דערהערן:

— נאכמען, נודע ניט מיט דיינע בלעטער.

ליבערמאן האָט זיך אופגעשטעלט פון זיין אָרט, צוגעגאנגען צום באלעבאָס טישל, ווו עס זיינען געלעגן עטלעכע אלטע צייטונגען.

— עס זיינען פרישע?—פרעגט ער שוין מיט געוויסן אינטערעס.

דערזען, אז דער יונגערמאן פאראינטערעסירט זיך, ווערט נאכמען לעבעדיקער, ווארפט זיך פון ליבערמאנען צו קעלטערן און הערט ניט אוף צו פלאפלען:

— אָט ליגן דאָ אלטע בלעטער. צעדערבוימס. איר האָט געהערט פון אים. איך קאָן אים פון אונדזער שטעטל. א וואזשנער לאמדן. הערט א

מײַסע, ער ווייסט גוט וואָס מיר דארפֿן. ווען ניט ער, וואָלטן יידן קיין בלאט ניט געהאט. ס׳ארא שיינע מײַסעס קאָן מען דאָ לייענען.

ליבערמאן האָט ווייניק אכט געלייגט אפֿן יידן, געקוקט אף זײַן כאַווער קעלטערן, וואָס האָט שטארק געגארט צו טרינקען א גלאָז טיי.

— נאלר, באלד גיט מען טיי,—האָט נאכמען דערקענט, אז די יונגעלײַט ווילן שטארק טרינקען.—כײַע־סאָרע, די טיי זירט שוין?

כײַע־סאָרע ענטפערט ניט.

— וואָס איז אזוי לאנג הײַנט בא דיר, כײַ־סאָרע?—בעט זיך דער ייד באם ווײַב, וואָס איז ארײַן אין אלקער און וויל מער ניט חײַזן דאָס פּאָנעם. נאכמען א ז שמײַדיק געגאנגען א קוק טאָן צו דער טיי, זיך באלד אומגעקערט מיט א זידנדיק טשײַניקל און גענומען אָנגיסן אין די גלעזער.

ליבערמאן האָט דערווײַלע באטראכט דעם „קויל־מעוואסער” און געזאָגט צום כאווער:

— ווי מיינ־טו, ס׳איז גלײַך, וואָס מע גיט ארויס די זשארגאָנישע בלאט. פאר העברייישע, פארשטיי איך, איז פאראן שוין א קרײַז לייענער.

קעלטער האָט צוערשט געשוויגן, דערנאָך:

— מע דארף ביידע ניט האָבן!

— וואָס דען?

— רוסישע. ברענגט בילדונג, וויסן,—האָט קעלטער אָן כיישעק געענטפערט.

ליבערמאן דערווידערט:

— מאכסט א טאָעס. זעסט דאָך, מע לייענט.

— ווער?

— אָט דערזעלביקער ייד, וואָס לייענט דעם „האמיליץ”.

— ניט נאָר איך—מישט זיך ארײַן נאכמען־א־אך ארײַנגייער לייענען די בלעטער, און איך האָב האנאָע פּונעם „קויל־מעוואוער”. נאט זעט, יונגעלײַט, אָט האָב איך אן אלטע בלאט, לייענט אומיטן איבער. כײַע־סאָרע, ווו זײַנען די לעקעכלעך? כײַע־סאָרע? און נאכמען לויט הינטער דער גראטע, דערלאנגט לעקעכלעך צו דער טיי.—טרינקט, יונגעלײַט, טרינקט, האָט האנאָע פון גאָטס וועלט.

א שווײַגנס.

נאכמען רוקט אונטער די ליכט און לייענט.

— רעב נאכמען, וואָז לאָזט איר ניט טרינקען די יונגעלײַט די טיי?—האָט זיך פּלוצים דערהערט זאלמענס קאָל.

מ׳האָט זיך צו אים אומגעקוקט.

נאכמען האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ צו זאלמענס טישל, געקוקט פאר־לוירן און פרעגנדיק אף די יונגעלײַט, פאר וועמען ער האָט פאַרגעלייענט. ער האָט געוואָלט וויסן, צי סע אינטערעסירט זיי דאָס, וואָס ער האָט נאָרוואָס איבערגעלייענט.

געזען, אז די יונגעלײַט מאכן זיך ניטוויסנדיק פון זאלמענס באמער־קונג, האָט ער ווידער אריינגעטאָן די אויגן אין דער בלאט און שטי־לערהייט א מורמל געטאָן:

— איר וועט הערן וואָס ווײַטער. א שיינס גייט ווײַטער.

און ווידער אופגעהויבן דאָס פּאָנעם צו די יונגעלײַט, וואָס האָבן געשוויגן.

אין א מינוט ארום האָט ליבערמאן געזאָגט:

— איך ווייס וועגן דעם, נאָר איר ווילט לייענען—לייענט.

ליבערמאן האָט געהאט אויסגעטרונקען א גלאָז טיי און געוואָרט אף זײַן כאוועך. קעלטער טרינקט זייער פּאמעלעכן, קוקט בעשאס־מײַסע פון דער גלאָז אריבער צום באלעבאָס פון דעם שענק, קוקט זיך צו, ווי יענער היצט זיך, לייענענדיק פונעם בלאט ארויס.

ווען נאכמען האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ פון דער צײַטונג, האָט לי־בערמאן זייער קאַלט געזאָגט:

— פעטער הארציקער, לייענט בעסער מערער העבריייש.

— טאקע?—האָט נאכמען זיך געכידעשט,—איר מיינט עס מיט אן עמעס? פארוואָס־זשע גיט צעדערבוים ארויס א זשארגאָנישע בלאט?— וואָס רעדט איר, יונגעלײַט? און איך לייען און בין זיך מעכײַע און לייען מײַנע קוינים, וואָס קומען אהער ארײַן. ניין, דאכט זיך, אז איר זײַנט ניט גערעכט, מײַן ליבער יונגערמאן. ווי איך בין א ייִד, ניט גערעכט.

נאכמען האָט אומעטיק צונויפגעלייגט די צײַטונגען, זיי געגלעט און נישט אופגעהערט צו שאָקלען מיטן קאָפּ, ריידנדיק:

— מײַנע ליבע יונגעלייט, מײַנע ליבע...

און פלוצים זיך אליין איבערגעשלאָגן:

— כײַע־סאָרע, האָסט נאָך א גלעזל וואַרעמס? די יונגעלײַט ווילן נאָך טרינקען.

ליבערמאן האָט נאכמענען אָפּגעשטעלט מיט דער האנט: מע דאַרף ניט.

אקעגן א מינוט איז נאכמען געשטאנען לעם די יונגעלײַט און גע־וואַרט, טאָמער וועלן זיי אים זאטשעפּען מיט א שמועס. ער האָט געהאט אן אויסזען פון א מענטשן, וואָס מע האָט געשטראָפט און ער זוכט זיך

ווידער צו פארענטפערן. די יונגעלײַט האָבן זיך ניט אומגעקוקט. ער איז זיך אוועקגעגאנגען הינטער די גראטעס אפן ווײַבס שטענדיקן אָרט, אָנגעשפארט דעם קאָפּ אין די הענט און געגומען דרימלען.

באם טיש אין ווינקל איז אלץ געזעסן זאלמען, דער געלער, פעסטער ייִד, און נישט אופגעהערט צו עסן. פון צײַט צו צײַט האָט מען געהערט, ווי ער קוויקט זיך מיטן עסן און ווי ער פארטרינקט א ביסן מיט מאשקע. אינדערפינצטער האָט מען געהערט, ווי ער ווישט אָפּ די הארטע וואָנצעס מיט דער האנט און קוויקט זיך:

— אהא, מעכאיע, הא...

קעלטער האָט געזאָגט צו ליבערמאנען:

— איצט בלײַבט מיר איבער פֿאָרן קײַן פעטערבורג, און איכל פאָרן. וואָס וועל איך דאָ טאָן? בלײַבן זיצן אין פאָליש פון „טאהאראָס־האקוידעש". אָבער ווו נעמט מען אף דורכשלאָגן זיך די ערשטע צײַט? און דאָ בין איך קראנק געוואָרן. האָסט זיך געדיכט אף מיר? אזא גוואר, א שטיקל שימשען־האגיבער איז אין מיר געזעסן.

ליבערמאן האָט פאָרזיכטיק געפרעגט:

— עפשער וועסטו פריִער צופאָרן אהיים?

קעלטער האָט זיך אזש אונטערגעהויבן פונעם אָרט:

— ווי קומט צו דיר אזא נארישער געדאנק?

ליבערמאן האָט זיך פארכאפט:

— כ'ווייס, כ'האָב געמיינט דו הוסט, וועסטו זיך פאָרן פאריכטן, דאָרטן אינדערהיים—האָסטו אליין דערציילט—איז דאָ א וואלד, וועסט אביסל אָטעמען מיט פרישער לופט.

— ניין,—קעלטער האט זיך אופגעשטעלט. אַנטקעגן אין שפיגל הינטער דער הילצערנער גראַטע האט זיך קעלטער אָנגעזעען ווי א ריז. נאָר דער קאָפּ איז געוואָרן אביסל אָנגעבויגן, פון זינט דער הוסט איז צוגעטראָטן און אים געשטיקט.

— גייען מיר.

— וואַרט, און באצאָלן?

ליבערמאן האט זיך צערעכנט מיטן באלעבאָס.

אווינט האָט לײַכט געפּאַטשט איבער דער צעקרימטער זארעטשיע, פונדערווײַטנס האט זיך דערטראָגן א קוואקען פון פרעש אין דער נאָ־ענטער סאזשעלקע.

בעשאס ליבערמאן און קעלטער זײַנען שוין געווען ארויסגעגאנגען פון שענק, האָט זיי אָנגעיאָגט זאלמען, דער געלער ייִד:

— יונגעלײַט, אַ, יונגעלײַט?

די יונגעלײַט האָבן זיך אויסגעקערעוועט:

— וועמען דאַרפט איר?

— אײַך, יונגעלײַט,— האט אביסל שמייכלענדיק און סוידעסדיק גע־ענטפערט זאַלמען.— איר דארפט ניט צו דער גרענעץ?

מ׳האָט געשוויגן.

זאלמען האט זיך נעענטער צוגערוקט און ארײַנגעמורמלט:

— אזוינע יונגעלײַט דארפן ניט צו דער גרענעץ?

נאָך אַ ווײַלע שווײַגן האט זאלמען ווידער געזאָגט:

— איר דאַרפט ניט—איז ניט. איך האב געמיינט, אז עפשער דאַרפט איר איבערגעבן מיט דער פּאָטשט קיין קאָוונע אַ בריוו, אַ פּעקעלע, שעמט זיך ניט...—אָבער דאָס האט שוין דער געלער ייִד געזאָגט צוליב פארריידן די ציין.

— אַ גוטע נאכט, יונגעלײַט, האָט מיר אַ גוטן טאָמיד.

און זאלמען איז אוועק אין דער נאכט.

ליבערמאן האט צוגעפירט קעלטערן צו דער סינאגאָגע „טאהאראס־האקוידעש״.

ס׳איז שוין געווען שפּעט אין דער נאכט.

XIX

בא לעבענזאָנען אין שטוב האט ליבערמאן געווארט שוין אנטקעגן אַ האלבע שעה.

דער דיכטער איז ניט געווען אינדערהיים.

ליבערמאן האט דערווײַל באטראכט דעם אופגעראמטן ציכטיקן צימער. אַן עלטערע ייִדענע האט זיך עטלעכע מאָל דורכגעדרייט און געקוקט ליבערמאנען אין די הענט ארײַן, גלײַך זי האט מוירע געהאט, ער זאָל עפּעס ניט צונעמען. ווען ליבערמאן האט פארכידעשט אַ קוק געטאָן אף איר, האט זי געמאכט אַ פרום פּאָנעם, זקיינישכיטרע פארקנייטשט די אויסגעלעבטע אויגן און זיך פארענטפערט:

— עס קומט צו אונדז אזוי' זעלטן אַ מענטש. אנומלטן איז געווען איינער פון אײַערע טאלמידים, האט ער אָנגעטראָגן אַ פולע שטוב מיט בלאָטע, קוק איך אף אײַערע פיס.

געשוויגן אַ ווײַלע, אומיסטן געקוקט אף ליבערמאנס שיך און צוגעגעבן:

— טאָר מען דען ניט קוקן אף אײַערע שיך, טאָר מען דען ניט?

און זי איז אוועק אין אן אנדער צימער.

דער אלטער דיכטער איז איינגיכן אָנגעקומען.

דערזעען ליבערמאנען בא זיך אין צימער, איז ער געבליבן שטיין א פארגאפטער:

— זע נאָר, ליבערמאן גאָר בא מיר. זייער ווויל, זייער פיין.

ליבערמאן האט צונויפגעצויגן די ברעמען און האט געפרעגט:

— איר זיינט נישט געוווינט צו זען בא זיך קיין געסט?

— פארקערט, פארקערט, זיך, זיצט... אָבער קיין טאַלמידים, דעם עמעס געזאָגט, איז מיר נאָך ניט אויסגעקומען צו זען בא זיך אינ־דערהיים.

לעבענזאָן האט ניט אופגעהערט צו קוקן אפן געקומענעם טאַלמיד, ווי ער זאָל וועלן זיך וואָס גיכער דערוויסן די סיבע פון אזא פלוצימדיקן, אומדערווארטן באַזוך.

— יאָ, ניט געוווינט,—האט דער אַלטער געקעמט מיט די פינגער זיין שניי־ווייסע באָרד,—ניט געוווינט. ווער גייט עס צו אן אַלטן מעשוירער?

ער האט נאָך ניט געהאט אוועקגעשטעלט זיין בארימטן שטעקן. ער קערט אים איבער מיטן שפיץ אַרוף און מיט דער סוקעוואטער סקיפקע טאָרעט ער דעם געקומענעם ליבערמאנען:

— אז דו פארבלאָנקעסט שוין יאָ אמאָל צום אלטן מעשוירער, צו דיין רעבן, טאָ לאָמיר וויסן צוליב וואָס.

לעבענזאָן האט געמאכט א פאָר טריט צום שכיינעסדיקן צימער און אריינגעשריגן:

— יידענע, האסט דאָך נאָך נעכטן צוגעזאָגט א גלאָז טיי.

מ'האָט אים עפעס געענטפערט פון א וויַיטערן צימער. וואָס,—איז ניט געווען קלאָר, נאָר לעבענזאָן האט זיך בארויַקט און געווארט אף ליבער־מאנס א וואָרט.

באלד האט זיך ליבערמאַן אופגעשטעלט פון זיין אָרט און געזאָגט:

— קעלטערן קענט איר גוט?

— נו?—זיינען באם אַלטן די ברעמען ארופגעלאָפן צום שטערן.

— ער איז קראַנק.

— נו?

— מע דארף אים העלפן,—איז ליבערמאנס קאָל שטיל.

— ווער?

— מיר.

— ווער איז דער מיר?—פרעגט איילנדיק דער אַלטער.

ליבערמאַן מאַכט אַ פּויזע:

— סע האַנדלט זיך ניט אין קיין נעראָווע.

— אין וואָס דען, מײַן ברייטהאַרציקער שטאַדלען?

ליבערמאַן האָט זיך אָפּגעהאַלטן צו ענטפערן, דער אַלטער מונטערט:

— זאָג, זאָג, שעם זיך ניט.

ווען ער זעט, אַז ליבערמאַן האָט באַרויגעזולעך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, וואַרפט ער אונטער נאָך עטלעכע ווערטער:

— ביסט דאָך אַן אַקשן, קענסט דאָך קיין שפּאַס ניט אויסהערן.

„אַ פײַנער שפּאַס", — טראַכט ליבערמאַן. — ער זעט, ווי לעבענזאָן האָט שוין צוריק איבערגעקערט זײַן סוקעוואַטן שטעקן און אים אַקוראַט אײַנגעמאָסטעט אין אַ ווינקעלע.

— איר זײַט דעמאָלט געווען בעשאַס האַסמאַנס דראָשע? — פרעגט ליבערמאַן.

דער אַלטער פאַרײַסט דעם קאָפּ, די שאַרפע אַקסלען האָבן זיך אונ־טערגעהויבן און ער ענטפערט אַפּגיך:

— יאָ, געווען, — נעמט אָן זײַן גאַנצע פיגור אַ שטרענגן אויסזען. דאָס איז שוין זײַן טעווע געווען, דעם אַלטן לעבענזאָנס. ער קאָן ניט זײַן מילד, ער קאָן ניט זײַן צאַרט, ווי אייניקע לערער פּרוּוון עס טאָן. און כאָטש ליבערמאַן איז געווינט צו לעבענזאָנס באַנעמען זיך מיט מענטשן און, באַזונדערס, מיט די טאַלמידים, איז אים דאָך שווער געווען אין דער רעגע זיך צו באַהערשן.

— זאָג איך דאָך דיר, אַז כ'בין געווען. כ'האָב שוין באַלד פאַרגעסן.

— האָט איר געהערט און געזען, וואָס איז דעמאָלט געשעען מיט קעלטערן?!

— אוואַדע, — רײַסט זיך ווידער אַרויס באַם אַלטן.

— ווי רעכנט איר, אַלס אַ לערער פון דער שול, אַלס אַ פאַרגעשרי־טענער מענטש, קעלטערן דאַרף מען פאַר דעם געבן אַ פּאַפּיר, מיט וועלכן ער זאָל אײַנערגעץ ניט קאָנען קומען?

לעבענזאָן האָט לעכאַטכילע גוט באַטראַכט ליבערמאַנען, באַ ווועמען די באַקן זײַנען געווען פאַרויטלט, דערנאָך האָט ער פּלוצים אַרויסגע־נומען אַ סייפער און גענומען מישן די בלעטלעך:

— אָט וועל איך דיר געבן לייענען.

ליבערמאַן האָט געקוקט, ווי לעבענזאָנס אַלטע הענט לויפן איבער די זײַטלעך פונעם בוך:

— אָ, געפונען! לייען!

— וואָס איז?—פאַרשטייט ניט ליבערמאַן.

— סע שטייט דאָ בעפּיירעש געשריבן, אַז דער, וואָס איז מוירעד בעמאַלכעס, דאַרף פאַרשטיינס ווערן.

— זעט איר,— איז געפאַלן פון ליבערמאַנס ליפּן,— איך האָב זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דאָס זאָל זײַן אײַער ענטפער. ס'איז מיר מאַמעש אַ כידעש... אַ כידעש!—האָט ער מיט אופרעגונג פאַרענדיקט.

קענטיק, אַז דער אַלטער האָט זיך אַביסל פאַרלוירן. ער האָט ניט אופגעהערט צו קוקן אויף ליבערמאַנען מיט שטוינענדיקע בליקן, די ער־שטע רגעס נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, געמישט אומבאַוווּסטזיניק דאָס סייפערל, וואָס ער האָט געהאַלטן.

אין דער צײַט איז אַרײַנגעקומען דאָס ווײַב מיט צוויי גלעזער טיי. דער מאַן האָט צעשטרײַט אויף איר אָנגעשריגן:

— אָט, מײַן ייִדענע. ווען איך רוף דיך, ווען איך בעט זיך בײַ איר, עס כאַלעשט מיר דאָס האַרץ, איז זי ניטאָ.

דאָס ווײַב האָט ניט פאַרשטאַנען דעם באָרעכהאַבע, מיט וועלכן דער מאַן באַגעגנט זי:

— צו מײַנע סאָנימס קעפּ! — האָט זי זיך ראַשיק אויסגעדרייט און געוואָלט צוריק אַוועקטראָגן די טיי.

דער אַלטער איז שוין דערווײַל צוריק צו זיך געקומען, פאַרלאָפן זײַן ווײַב דעם וועג, אָפּגענומען בײַ איר ביידע גלעזער טיי:

— טו נאָר אַ קוק, ווי אַלע זײַנען הײַנט בייז.

די ייִדענע האָט אַ לעצטן בארויגעזן קוק געטאָן אויפן מאַן און איז אַרויסגעגאַן פונעם צימער.

— נו, קאָנסט דאַרשענען ווײַטער,— האָט זיך לעבענזאָן געווענדט צו ליבערמאַנען,—לאָמיר הערן דײַנע פּיליפּיקעס, ביסט דאָך אַ גוטער רעדנער.

— איך האָב אײַך שוין אַלעס געזאָגט...

— טרינקט אַ גלאָז טיי...—לייגט פאָר לעבענזאָן.

— איך וויל ניט.

— פאַרוואָס?

— איך וויל ניט.

— דאַרפסט פאַרשטיין, יונגערמאַן, אַז אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט זיך גאָרניט אַזוי שלעכט אַרויסגעוויזן פאַרן פאָלק און פאַר אונדז ייִדן. איר זײַנט שפּרינגערס. אָבער וואָס ווילסטו פון מיר, צוליב וואָס ביסטו געקומען? — איז ער פּלוצים איבערגעגאַנגען צו אַ זאַכלעכן און נישט קיין שטראָפנדיקן טאָן.

— איך וועל זיך אײַך ניט אונטערנעמען דערווײַזן, צי ס'איז יִידן בעסער געוואָרן, צי ערגער. איר ווילט ניט זען די ביטערע לאַגע פֿונעם פֿאָלק... פֿון דער אָרעמקייט... אָבער איצט פֿאָדער איך פֿון אײַך איינס: איר דאַרפֿט מיטהעלפֿן בײַ פֿינען און בײַם דירעקטער, אַז קעלטער זאָל זיך קאָנען פֿאָרן לערנען קיין פּעטערבורג — האָט ליבערמאַן געזאָגט רויִק, וואַרטנדיק, ווי וועט לעבענזאָן רעאַגירן אויף דעם.

לעבענזאָן האָט זיך גאָרניט געקליבן צו ענטפֿערן, ווידער אַרײַנגעקוקט אין סייפֿערל, דערנאָך זיך צעשמייכלט מיט אַ פֿאַרטײַעט שמייכעלע. די נאָזלעכער האָבן זיך אים ברייט צעצומען פֿאַר פֿאַרגעניגן, וואָס ער וועט באַלד זאָגן עפּעס בייז און נעקאָמעדיקס:

— אַזוי, אַזוי, מײַנסט, אַז דו ביסט אַ שטאַדלען, בין איך אַזאַ נאַר, וואָס איכל לייגן מײַן סייכל־האַיאָשער פֿאַר אַזוינע קרומע זאַכן. זאָל ער, דײַן קעלטער, ווערן בעסער אַ הענדלער, איידער לערנען ווײַטער. עס וועט פֿון אים קיין לײַט ניט זײַן. ער וועט אַראָפּפֿירן יונגעלײַט פֿונעם גלײַכן וועג. ער איז אַ... — לעבענזאָן שלאָגט זיך פֿלוצים איבער — זאָג נאָר מיר, מער האָסטו גאָרניט וואָס צו בעטן?

ליבערמאַן האָט פֿאַרביטערט צונויפֿגעקלעמט די ליפּן:

— ניין, עס טוט מיר גאָר באַנק, וואָס איך בין צו אײַך געקומען — און זיך אויסגעקערעוועט און פֿרעמד אַרויס פֿונעם צימער.

לעבענזאָן האָט נאָכדעם נאָך לאַנג געמישט דאָס סייפֿערל.

שפּעטער אַביסל האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דער פֿאַרשעמט־איבערגעבליבענער גלאָז טיי...

XX

די הויכוווקסיקע ראָכל, וואָס איז געוואָרן ליבערמאַנס קאַלע, פֿלעגט אָפֿט אָפּזיצן גאַנצע אָפּדערנאַכטן און וואַרטן אויף איר כאָסן, און ער איז ניט געקומען.

זי זיצט שאָענווײַז, פֿאַרפֿלעכט און צעפֿלעכט די לאַנגע צעפּ, קוקט אַרויס אינדרויסן. די לעוואָנע, דוכט זיך, פֿאַרקײַקלט זיך שוין צום האָריזאָנט און עס וועט באַלד ווערן שוואַרץ, שוואַרץ אינדרויסן.

די מוטער כאַפּט זיך אַרײַן, דערזעט, אַז די טאָכטער שלאָפֿט ניט, פֿרעגט זי:

— ראָכציע, אַרן איז ניט געווען?

ראָכל שווײַגט.

די מוטער גייט ארויס. אין צווייטן צימער זאָגט זי צום מאַן:

— דײַן ראבינטשוק מאכט א טעל פון ראָכציען...

דער פאָטער הייבט זיך אוף, גייט צו דער טאָכטער, גלײַך ער וויל זיך איבערצײַגן, צי דאס ווײַב זײַנס איז גערעכט, דערזעט ראָכלען לעם פענצטער און פרעגט:

— וואס לייגסטו זיך ניט שלאָפן?

אין צווייטן צימער יאדעט אים דאָס ווײַב:

— אַז דו האסט זיך אָנגעטשעפעט, אז דו ווילסט א סטודענט...

— וואָסי, נארעלע, — רעדט אײַן דער סיכער זײַן ווײַב, — ער וועט ווערן א קאזיאָנע ראַבינער, וועט באקומען שיינע סכירעס בא קאָהעל. ס'א גרינגע פּאַרנאָסע, און די טאָכטערשע אונדזערע וועט בא אים האבן א לײַכט לעבן, אָן קאָפּווייטיק, נישט האבן צוטאָן מיט קיין פּאָלישוקעס, מיט קיין מענטשן. ביסט א נאַרעלע, ס'איז בעפּיירעשׂ א טאָכלעס...

די לעצטע צײַט פלעגט ליבערמאַן אוועקגיין נעכטיקן צו זײַנע כאַ־ווײרים. ער פלעגט אָפּט פארבײַטן דעם גווירישן צימער אף א ווינקל בא א כאַוועך. אמיינסטן בלײַבט ער בא קעלטערן. ס'האט זיך אים גע־נומען דאכטן, אז א כאָסן איז סר געוואָרן איבער דעם, וואס דער גוויר בראָצקי האט אים אָפּגעגעבן א צימער און אים אונטערגעהאלטן אין שווערע צײַטן. כאָטש צו ראָכלען האט ער זיך שוין צוגעוווינט, אָפּט געבענקט נאָך איר, דאָך האט זיך אים געדאכט, אז סע בינדט אים עפּעס.

ווער שמועסט, ווען ראָכלס עלטערן האבן אים איינמאָל געמאָלדן, אז זיי שטעלן שוין אָפּ די כאסענע, איז בא ליבערמאנען געבוירן געוואָרן א ווידערגעפיל:

— ער וויל גאָר פאָרן זיך לערנען אין פעטערבורג, אין אן אינסטיטוט. סע גייט אים ניט אין קאָפּ...

— מײַן קינד, וועסט כאסענע האבן און דערנאָך זיך פאָרן לערנען — האט מוישע אים אײַנגערעדט.

— דערנאָך? ווער ווייסט, וואס דערנאָך וועט זײַן.

מוישע האט אים צוגעזאָגט, אז וויפל ער וועט לעבן, וועט ער אים העלפן. אָבער מע קאָן דאָך ניט נעמען אינמיטן און אוועקפאָרן.

ליבערמאן האט געמוזט אײַנגיין...

איצט, ווען אַרן פלעג זיך פאַרגעסן בא כאווײרים און אמאָל גאָר אינגאַנצן ניט קומען נעכטיקן, האט ראָכל געגומען צושטיין צו אים.

ס'ווײַזט זיך איר אויס, אז ער וויל זי פארלאָזן. זי איז צו אים אזוי געווינט.

טרויעריקע צייכנס האבן זיך בא איר באוויזן אונטער די אויגן. ס'האט זי געכיינט, זי איז שטרענגער געוואָרן, פארטראַכטער.

— ארן, — זאָגט זי צו אים, — פארוואס דארף איך אף דיר ארויסקוקן גאנצע אפדערנאַכטן?

ליבערמאן נעמט אָן דאס מיידל פאר דער האַנט און טוט זי א גלעט:

— דײַן טאטע וויל ניט, איך זאָל איצט פאָרן זיך לערנען. און איך וויל באקומען די פאַפּירן אין ראַבינער־שול און זיך פאָרן לערנען.

— איכל אים בעטן, — איז דעם מיידלס שטים צארט און ווייך, — איך וועל אים בעטן, וועט ער דיר געבן געלט.

ליבערמאַן:

— מע דאַרף ניט בעטן. ער וויל, מיר זאָלן פריִער כאסענע האבן.

באַם מיידל ווערן פריידיקע אויגן. זי הערט ניט אוף צו קוקן אף ארענען:

— נו, איז גוט — זאָגט זי — און דערנאָך וועסטו פאָרן.

אַרן שווײַגט.

— וועסטו אײַנגיין? — פרייט זיך ראָכל — זאָל איך זאָגן דעם טאַטן?

און איידער ליבערמאן רירט זיך, שטייט שוין ראָכל לעבן די עלטערן און פלאַפּלט:

— טאַטע, מירן כאַסענע האבן, און ארן וועט זיך פאָרן לערנען.

— וואס הייסט? — איז די מוטער ניט צופרידן — כאסענע האבן און אוועקפאָרן.

— עס וועט זײַן רעכט — טרייסט דער פאָטער — וואס אַרט דיך? — באַדרוּקט ער דאָס ווײַב. — עס וועט זײַן רעכט... — ווינקט ער צום ווײַב...

בא ראָכלען איז דעם אפדערנאכט געווען א יאָנטעוו:

מע האָט אָפּגעשטעלט די כאַסענע.

XXI

עטלעכע טעג פאר דער כאַסענע האט אויסגעבראָכן אין ווילנע די כאָלערע...

אן אַווגוסט־טאָג.

ס'איז נאָך געווען בלאָוו אינדרויסן.

פון שניפּישאָק, פון פּאהוליאנקע, פון די גרויסע הויפן פון קאָזלאָווסקיס, כאָנימסקיס ביז דעם באָטאַנישן גאָרטן, ביז דעם קאטעדראל־פּלאץ האט זיך געטראָגן איין גרויסער ווייטיקדיקער אויסגעשריי:

— א מאגייפע!

— ייִדן, ראַטעוועט!

— ראטעוועט!

אפן מאַרק האָבן פון גאַנצפרי זיך אויסגעשטעלט פּויערים, וואָס זיינען געקומען פון די ארומיקע דערפער. מ׳האָט מיט זיך געבראכט ווייץ, קאָרן, האָבער אף צו פארהאַנדלען.

דער מארק איז געווען ארומגערינגלט מיט הויפן. אין יעדן הויף ווינען צענדליקער אָרעמע שכיינים, וואָס זיינען רייך מיט מיסט און מיט קינדער. דער הור־הא פונעם מארק פלעגט זיך צונויפגיסן מיטן ראש, וואָס איז געגאנגען פון די הויפן.

היינט האָט זיך אויך פון גאנצפרי אָן אוועקגעשטעלט, ווי שטענדיק, דער מארק־טאָג. די פּויערים האָבן נאָך פּוילבלען געדרימלט אף זייערע וועגענער, די פערד האָבן מיט זייערע ווײדלען אָפּגעטריבן די אינדער־פריִענדיקע קעלט, וואָס האָט זיך פּיַיכט געקלעפּט צו זייערע אויס־געדארטע קערפּערס.

אלע עטלעכע מינוט זיינען די איינוווינער אימפּעטדיק און שרײַענדיק ארויסגעלאָפן פון די ארומיקע הויפן.

אָט לויפט א ייִדענע מיט צעלאָזענע האָר, דאָס טיכל הענגט זיך אראָפ פון די אקסל, זי קוקט זיך אום מיט דערשראָקענע ווילדע אויגן אין דער אופגייענדיקער בלאָווקייט פונעם טאָג, יאָגט צו צו א פּאר־שלאָפענעם פּויער:

— יאנוש, יאנוש, מאַי טשעלאָוויק—און ווייזט אפן האלדז, אפן בויך, וואָס דארף באדיינען, אז דער קראמף ציט אים צונויף און דער־ווארגט אים.

איבער דעם מארק, וואָס האָט נאָך געפריִעט אין פּארטאָגיקן נעפּל, האָט זיך ווייטיקדיק געשפּרייט הער ייִדענעס וווּנדיקער געשריי:

— יאנוש, מענטשן, מיין מאן גייט אויס!

— גוואלד!..

— ראטעוועט, מענטשן!

דער פּויער, ווען די אומגליקלעכע ייִדענע האָט געשלעפּט בא די לאצן „העלף”, האָט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטן. דאָס פּאָנעם זיינס איז געווען אינדערפריִענדיק־פּיסנע. ער האט זיך א לאָז געטאָן נאָך

דער יידענע אין הויף אריין און אין צוויי מינוט ארום איז ער ארויס־געלאָפן מיט א צעפלאָנטערטער באָרד און צעפלאָנטערט־שטומען בליק.

— טויט! — האָט א זעץ געטאָן פונעם פויערס אויגן.

דער מארק איז שוין געווען אף די פיס.

די פויערים האָבן צוערשט ניט געוווסט, וואָס צו טאָן. זיי האָבן גע־זוכט אייצעס איינער באם צווייטן און לאנג ניט געקאָנט באשליסן, ביז דער פויער מיטן צעפלאָנטערט־שטומען בליק, וואָס האָט געזען דעם געשטאָרבענעם, האָט איינגעשפאנט דאָס פערד, זיך אופגעזעצט אפן וואָגן און א שמייס געטאָן:

— שטארבן דאָ אין דער פארפעסטעטער שטאָט וויל איך ניט.

דער וואָגן האָט זיך א טראָג געטאָן העצקענדיק־אופגערעגט און איז אוועק צום האָריזאָנט.

אנדערע פויערים אף אים קוקנדיק האבן איינגעשפאנט פערד־און וואָגן, שטילערהייט, ניט באמערקט אוועקגעקנאקט צו זיך אין דאָרף מיט א שווארצער שווערער יעדיע, אז אין ווילנע קומען אום די יידן.

דערווייל איז שוין גרויסער טאָג.

אפן מארק האָט מען ארויסגעטראָגן סאמאָווארן וואסער און אונ־טערן הוילן הימל זיי געשטעלט אופזידן און צעטראָגן אין די קראנקע הייזער הייסע, זודיקע וואסער.

אין א פאָר שאָ ארום איז אפן מארק־פלאץ געשטאנען א שטיקנדי־קער רויך. קוילעס האָבן זיך געהערט:

— ברענגט וואסער.

— מע דארף דערגיסן.

די באלעגאָלעס זיינען אָפ און אוף געלאָפן מיט זייערע פעסלעך און געבראכט צו פירן פרישע קאלטע וואסער אף דערגיסן די זידנדיקע סאמאָווארן.

פלוצים:

— ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן? ווי איז דער מאמען!

דאָס האָט געשריגן אלץ דיזעלביקע יידענע, וואָס האָט אינדערפרי באוויינט דעם מאן אירן, די יידענע פון קאָזלאָווסקיס הויף. זי האָט שוין, ווייזט אויס, ניט געהאט מיט וואָס צו וויינען, די אויגן זיינען געווען רויט־אופגעלאָפן, אָבער טרוקן, די באקן — איינגעפאלן־בלאס און גלאנצנדיק.

— ווי איז דער מאמען, פארגליווערט געוואָרן!

און קיינער האָט זי ניט געהערט. דאָ אפן מארק־פלאץ זיינען שוין

געלעגן קראנקע, וואָס מ'האָט ארויסגעטראָגן פון די הײַזער לויטן באַפעל פונעם דאָקטער, קעדיי צו איזאָלירן זיי פון די איבעריקע. לעם זיי זײַנען געשטאנען זייערע אייגענע און נאָענטע און זיך געפּאָרעט מיט זיי. מ'האָט זיך איינער אפן אנדערן ניט אומגעקוקט, יעדערער איז געווען פארנומען מיט זײַן אומגליק.

פיל מענטשן האָט עס געפּאקט אף דער גאס און זיי זײַנען שוין אהיים ניט דערגאנגען. מע איז געבליבן שטעקן אפן מארק־פלאַץ, וואָס איז געוואָרן א צײַטווײַליקער שפּיטאָל. אהער זײַנען אינגיכן געקומען צוויי דאָקטוירים, וואָס די שטאָט האָט אראָפּגעשיקט, און אפגיך זײַנען אויסגעוואָקסן בעטלעך, פאלאטקעס פול מיט קראנקע.

א ייִד אין א לאנגער צעטריפּעטער קאפּאָטע איז ארומגעגאנגען צווישן די בעטלעך, געמורמלט א קאפּיטל טילים און פון צײַט צו צײַט זיך אליין איבערגעשלאָגן:

— גאָטעניו געטרײַער, פארהאלט די טראכט פונעם הימל, קײַן רעגן זאָל ניט גיין.

דעם ייִדנס מורמל איז געשוואומען איבער די בעטלעך, איבער די קראנקע, וואָס ווארגן זיך מיט זייער געפערלעכער קרענק איבערן גאנץ מארק־פלאַץ.

הוידו לאדאָנאָי קי טויוו, קי לעוילעם כאסדוי!

דער ייִד האָט ניט אופגעהערט ארײַנצומישן א היסטערישן געשריי:

— ייִדן, דער מאבל, דער מאבל, ס'איז געקומען די צײַט פון אומקומען, ייִדן!

— הוידו לאדאָנאָי קי טויוו, דער מאבל!..

עמעצער האָט אָפּגעשטעלט דעם ייִדן:

— פּעטער, גייט אוועק פונדאנען, איר שטערט!

פון זײַן לאנגער צעטריפּעטער קאפּאָטע האָבן זיך צענומען ביידע פּאָלעס, ווי צוויי איבערגעבראָכענע פליגל, און דערמאָנט:

דער ייִד איז געריר.

— דער מאבל, ייִדן...

ראָכל איז געקומען צו לויפן אפן מארק־פלאַץ זוכן ליבערמאנען.

עפשער האָט אים געטראָפן דער אומגליק. ווו איז ער עס?

זי האָט געזען דעם אָנגעלויף מענטשן און דעם געטומל ארום די קראנקע, מוירע געהאט נאָענט צוגיין, געזוכט מיט די אויגן באקענטע

און אַף פּענעמער פֿון באַקענטע געוואָלט דערגיין, צי טראָגט מען איר נישט די פּלוצימדיקע שרעקלעכע בסורע, און עפּשער וויל מען איר עס ניט אָנזאָגן. גייען זיך די באַקענטע אַוועק זייער וועג, און זי בלייבט ניט וויסנדיק, איינזאַם.

אַז ס'איז עפּעס געשען מיט אַרענען,—איז ראָכל געווען זיכער, ווייל ער איז ניט געקומען נעכטיקן. זי איז אַוועק אין ראַבינער־שול. מ'האָט קיינעם ניט אַרייַנגעלאָזט אַהינצו. טיר־ און טויער צוגעשלאָסן. אַפילע זיך דערוויסן לאָזט מען ניט צו: מ'האָט מוירע, מע זאָל ניט אַרייַנברענגען די פּעסט אין שול אַרייַן. ראָכל האָט אומזיסט געקלאַפּט אין די פּענצמער. עטלעכע אומבאַקענטע פּענעמער האָבן צערודערט אַרויסגעקוקט. זי האָט צוערשט געוויזן אַף שטום־לאָשן און דערנאָך אויסגעשריגן עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד די פאַמיליע ליבערמאַן. די אומבאַקענטע האָבן געדרייט מיט די קעפּ אַף ניין, סע הייסט, זיי ווייסן ניט, ווו ער איז.

פונעם שול־גאָרטן איז געגאַנגען אַ פרישער זאַפּטיקער רייעך, וואָס האָט געשיקערט ראָכלען. זי איז געווען מיד. ס'האָט זי געצויגן שלאָפן, אָבער דער געדאַנק, אַז אַרן, מעגלעך, ליגט ערגעץ און מוטשעט זיך, האָט זי אומעטיק־דערשלאָגן געמאַכט. זי איז ווידער געלאָפן צום מאַרק־פּלאַץ, און שפּעטער—אין די שפּיטאָלן. מ'האָט זי אינערגעץ ניט אַרייַנגעלאָזט. ס'האָט זי געטריבן אַהיים פון דעם געפערלעכן געשפּענסט, וואָס איז אומגעגאַנגען אַף די אופגערודערטע ווילנער גאַסן.

ס'איז שוין געווען באַטאָג.

די אווגוסט־זון האָט צעגאָסן אַ היץ, וואָס האָט מוירעדיק געפּייַניקט יעדן לעבעדיקן וועזן.

ראָכל איז אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט שווייס. איר קליידל האָט זיך מאַמעש צוגעקלעפּט צום העמד און געפּריַעט דאָס לייַב. אָך, איז געווען אַ היץ אין דעם אווגוסט־טאָג!

פון אַ הינטער־גאַס איז אַרויסגעלאָפן אַ הונט מיט אַן אַרויסגעשטעקטן צונג, און אַ סטייַע גרויסע גריך־בייַכיקע פליגן האָבן ניט אָפּגעטראָטן פונעם הונט, וואָס האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעקוליעט אין זאַמד. בעקיוון, ווייַזט אויס, זיך געריבן אין זאַמד, אַז די פליגן זאָלן אים צו רו לאָזן. דעם הונטס אויגן זייַנען מאַט און האַלב־איבערגעקערט געווען. זיי האָבן זיך געיאַטערט פון צעפּאַרעטער היץ.

ראָכל האָט דערזען דעם הונט און ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז אירע אויגן זען אויך אַזוי אויס. אינסטינקטיוו טראָגט זי צו די האַנט צו די אויגן. זיי טוען וויי, עס שמאַרצן די דעקלעך פון די אויגן.

דאָס טיכל, וואָס זי האָט אינדערפרי פאַרן ארויסגיין פונעם שטוב געכאפּט אף זיך, האָט זיך אלץ מער אראָפּגערוקט פון די אקסלען און, סאָפּקאָלסאָף, האָט זי עס פארלוירן. זי האָט עס באמערקט ערשט דעמאָלט, ווען זי איז שוין געשטאנען לעם „טאהאראס־האקוידעש״, ווו זי האָט געהאט א האָפענונג צו געפינען ארענען.

זי שטייט לעם דער סינאגאָגע, קוקט ארום פון אלע זייַטן אירע גרויסע שווערע ווענט, זוכט א טיר אָן אָפענע און געפינט ניט. אלץ איז פארהאקט און אפן שלאָס. ערגעץ דאָ—האט זי געדענקט — וווינט אַרנס באליבטער פרייַנט—קעלטער.

ווי אזוי זשע קומט מען אריַין אהין? און ווו וווינט ער עס דאָ?

דער הייסער באטאָג האט זיך געריסן אין דער מאָרעשכוירעדיקער שווערער סינאגאָגע, פונוואנען ס'האט געבלאָזן מיט בייזער פרעמדקייט.

אין הויף פון דער סינאגאָגע איז געווען אומהיימלעך־שטיל, די פענצטער האָבן פארטייַעט געקוקט מיט א גלייַכגילטיקן גלעזערנעם גלאנץ און אָפּגעטריבן יעדע האָפענונג צו געפינען אין זיי א טראָפּן דערפרייונג.

ווי אזוי זשע קומט מען אהין אריַין?

ראָכל האט אָפּגעווישט דעם שווייס פונעם פּאָנעם און פּלוצים מיט אלע אירע מיידלשע קויכעס א געשריי געטאָן:

— א...ר...ן!

ס'האט אָפּגעקלונגען. א ווידערקאָל איז ארויסגעשווומען פונעם פאַר־מאכטן הויף און צוגעפאלן צו די שווערע סינאגאָגע־ווענט.

ווען זי האָט נאָכאמאָל אויסגעשריגן, האָט זיך דאָס ווידערקאָל צע־קייַקלט איבער די ווענט, אריַינגעפאלן אין גלייַכגילטיקן גלאנץ פון די טאפליעס און ערגעץ דאָרט דערשטיקט געוואָ־ן.

— ארן־שמועל! — האָט דאָס מיידל פארצווייפלט געשריגן, גלייַך זי האָט מיטן געשריי געוואָלט צו וויסן געבן: וואָס האב איך שוין וואָס אָנצווערן, סייַווי...

זי איז געבליבן מיד, אוועקגעזעצט זיך אף א שטיין אין הויף, ארופ־געקוקט צו דער העלער הייך.

פּלוצים דערהערט זי:

— ראָכל, וואָס טוסטו דאָ?

זי הייבט אוף די אויגן:—ארן!

— אוי, ס'איז דו, איך זוך דיך ארום, ס'איז דו? ביסט געזונט?..

זי איז צו צו דער שמאָלער טיר, ווו ער איז געשטאנען.

— שאַ,—ווײַזט ער איר אין טיף פֿון פּאָליש, פֿונוואַנען ס'האָט א ווײ געטאָן מיט קילקייט.

— געשטאָרבן?—פֿרעגט ראָכל.

— ווער?—פֿאַרשטייט ניט ליבערמאַן.

— ער?

— ווער?

— נו, דײַן כאַווער?

— וועלכער?

— נו, קעלטער!—נערווירט ראָכל.

— ניין, ניין—טרייסלט אָפּ ליבערמאַן מיט דער האַנט די אומגעלומ־פּערטע פֿראַגע.—כאָלילע, ער שלאָפֿט.

— קום־זשע אַהיים, צו מיר, מיט מיר,—אָטעמט שווער דאָס מיידל.

— ניין, איך וועל אויסוואַרטן ביז ער וועט אויפֿשטיין, דערנאָך פֿיר איך אים אַוועק צום וואָקזאַל, און ער וועט אַוועקפֿאָרן צו זיך· אַהיים.—

ליבערמאַן האָט זיך געלאָזט טיף אין פּאָליש. ראָכל איז אים נאָך און דערזען קעלטערן זיך אָנטאָן. זיי האָבן זיך געגריסט. ליבערמאַן האָט אים געיײַלט:

— צאַליק, גיכער, פֿאָרסט אַרויס פֿון דעם געגנעם. אָט הער, וואָס ראָכל דערציילט.

קעלטער האָט פֿאַריסן זײַן היפּש פּאָנעם צו ראָכלען, געוואָלט וויסן געניוי, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן: ער מיינט, אַז ליבערמאַן נאַרט אים אָפּ און וויל אים אַזויאַרום אַרויספֿאַטערן צו זיך אַהיים אין שטעטל זיך אָפּרוען.

— טאַקע אַזוי שרעקלעך?

— געפֿערלעך,—זאָגט ראָכל. זי הערט ניט אויף צו קוקן אַף קעלטערס אויסגעמאַטערט געל פּאָנעם. ווען ער שטעלט זיך אויף פֿונעם בעטל, דאַכט זיך איר, אַז ער איז געזונט און אומזיסט טראַכט צו אַרן עפּעס אַ קרענק, צוליב וועלכער ער מוז פֿאָרן זיך פֿאַריכטן דאָס געזונט.

ליבערמאַן האָט דערווײַל ניט אויפֿגעהערט צו פֿאַרפּאַקעווען קעלטערס זאַכן.

— אוי, איר זאָלט וויסן, וואָס עס טוט זיך אַף דער גאַס, אַ היץ,—האָט ראָכל געזאָגט פֿרייענדיק זיך, וואָס זי זעט אַרענען אַ לעבעדיקן,—אַזאַ היץ.

— און די מאַגיפּע?—פֿרעגט ליבערמאַן.

— אוי, פֿרעגט ניט. איך קאָן ניט דערציילן. פֿון די הײַזער טראָגט

מען אָן אופהער. פון די הויפן—אין די מענגעס, און אפן מארק, און אף די גאסן—שרעקלעך!

ליבערמאן האָט זאָרגעוודיק־פינקטלעך פארפאקט קעלטערס זאכן, זיי גענומען אף די אקסלען, און אלע דריַי זיַינען אוועק צום וואָקזאל. מ'איז געגאנגען דורך הינטערגעסלעך אפגיך, געפילט די שטעכיקע היץ אין די לײַבער, נאָר זיך ניט אָפּגעשטעלט אף קיין רעגע.

ס'איז זיי ניט אויסגעקומען לאנג צו ווארטן ביזן צוג.

אפן וואָקזאל זיַינען געווען געציילטע עטלעכע פאסאזשירן. דער צוג איז פויל צוגעקומען, ארויסגעאָטעמט די אָנגעשטאָפּטע היץ, וואָס ער האָט אָנגעקליבן הינטערוועגס אף די צעגליטע סטעפּעס, און איז שטיל אוועק.

אפן טרעפל שטייענדיק האָט קעלטער ארויסגעשריגן:

— ארן, זײַ געזונט. איך וועל דיר אָנשרײַבן.

— פאָר, צאליק, געזונטערהייט.

ליבערמאנס האנט מיטן וויַיסן טיכעלע איז נאָך ניט געווען אראָפּגעלאָזט—ס'האָט נאָך געפלאטערט אין געזעגן־כוואליעכלעך איבער זיַין קאָפּ—האָט אים שוין ראָכל געשלעפּט באם ארבל:

— נו, קום שוין.

ליבערמאן האָט שטרענג א קוק געטאָן אף זיַין קאלע:

— ווארט, און צוגעגעבן פריילעך־צופרידן:

— אָפּגעראַטעוועט א גוטן כאווער.

דאָס מיידל האָט זיך געבעטן מיט די מידע אויגן:

— קום שוין גיכער אהיים, זיך אויסבאהאלטן פונעם אומגליק...

XXII

שוין עטלעכע טעג, אז ווילנע איז פארקלעמט אין דער מאגייפע.

פון דער אומגעגנט האָט מען אופגעהערט צו קומען אין שטאָט, מוירע געהאט פארשלעפּן צו זיך די פעסט אין די כוטערס, אין די דערפער. מ'האט אפילע מוירע געהאט פארן ווינט, פאַרן לײַכטן אוו־גוסט־ווינט, וואָס איז העפקער אומגעלאָפן איבער די ווילנער אומגליק־לעכע גאסן: ער קאָן נאָך פארטראָגן די מאגייפע און דעמאָלט וועט א וועלט אומקומען.

דער גרויסער מארק־פלאץ איז געווען פארוואָרפן מיט בעטלעך, מיט קראנקע און מיט צעלעגערטע קאליעזשעס מייקעכץ, וואס מע האט ניט באוויזן פארשיטן מיט זאמד.

די דאָקטוירים האָבן צוערשט איינגעזען: אומברענגען אַלע פּרוכטן, ווײַל זיי זײַנען די וויכטיקסטע פאַרשפּרייטערס פון דער כאָליערע. מענטשן זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען שטעלעס, וואָס זײַנען פול געווען מיט פרישע שמעקנדיקע פּרוכטן, און זיך ניט צוגערירט צו זיי. מ׳איז פון זיי געלאָפן, ווי פון דעם געפערלעכסטן און העסלעכסטן סאַם.

א ייִד אַן אייגנטימער פון די גרעסטע סעדער און באַשטאַנעס אין שטאָט איז אומגעלאָפן צעטראָגן:

— מײַן לעבן, מײַן פאַרמעגן פוילט, וואָס טוט מען?

מ׳האָט אַף אים געשריגן:

— פּע, א ייִד א פּאַרך, דאָ פּאָכעט מען מיט די נעשאָמעס, און ער קלאָגט זיך אַף דעם ביסל פאַרשטונקענעם גאָרטנוואַרג. פּע, שעמט זיך אין אײַער ווײַטן האַלדז!..

דער ייִד האָט זיך ניט געשעמט אין זײַן ווײַטן האַלדז און איז אומגעגאַנגען צעטראָגן איבער די שטאָטישע גאַסן און געוויינט אַף זײַן גורל.

בײַ מורישע בראָצקין אין הויז האָט מען ניט געוווסט, וואָס צו טאָן מיט דער כאָסענע. מורישעס גרויסע הענט זײַנען אומרויִק אומגעגאַנגען איבער זײַן באָרד. ער האָט ניט געקאָנט באַשטימען: צי זאָל ער אין אַזוינע שוואַרצע קראַנקע טעג פּראַווען די כאָסענע. די ייִדענע זײַנע האָט אין זיך דערשטיקט א שטילן געדאַנק: אָפּלייגן איז א סימען פון שלימאַזל. זי האָט עס אָבער מורידע געהאַט צו ברענגען פאַרן מויל, זיך שווײַגנדיק געדרייט אַרום מורישען, דעם מאַן איר, בײַ וועמען די ברעמען זײַנען געווען אָנגעבראָגעט. אין דידאָזיקע טעג האָט מען ניט גערעדט צווישן זיך, ווײַל מ׳וואָלט זיכער אַרופגעקומען אַף א שמועס וועגן אָפּלייגן די כאָסענע, איז גלײַכער — שווײַגן.

יעדע שאָ איז עמעצער פון דער שטוב אַרויסגעגאַנגען זיך דערוויסן, צי שטילט זיך שוין „דער צאָרן פון דער מאַגײפע“ — ווי די אַלטע פלעגט זאָגן.

פון זינט ראָכל האָט געפונען ליבערמאַנען און צוריק אהיים געקומען, איז זי ווײַטער פון דער שוועל ניט אַרויס. אין דער טונקל פון איר האַלב־מיידלשן און שוין האַלב־צוגעגרייטן ווײַבערשן אַלקער האָט זי זיך אויסגעבאַהאַלטן פון דער כאָליערע און פון די געפערלעך־הייסע אין שטויביקע טעג.

צו דער כופּע־וועטשערע האָט מען זיך דאָך געגרייט:

סאַרוועגנס האָבן ניט אופגעהערט צו באַקן און צוצוטראַכטן גווירישע געבעקסן, שמעקנדיקע און אַריסטאָקראַטישע.

פון דער גרויסער גערוימער קיך האט זיך געטראָגן און געשפּרייט איבער דער גאנצער דירע דער פרישער גערוך און אלץ ניט געלאָזט רוען די עלטערן: צי עס וועט בלייבן ליגן, צי וועט מען עס פארנוצן.

צו דער באלעבאָסטע זיינען די סאַרווערנס אלע מאָל צוגעלאָפן און דערציילט און געוויזן די געראָטן־אופגעגאנגענע טייגן, געפּאָדערט פּראָ־דוקטן, וואָס האָבן אויסגעפעלט, און אוועקגעגאנגען מיט א געפיל, אז עפּעס איז די באלעבאָסטע ניט מיט אלעמען... זיי האבן געיאָגט, די סאַרווערנס: טאָמער הייסט מען זיי נאָך אָפּשטעלן די ארבעט, ווערט מען אָן פּאַרנאָסע...

די דינסטן האָבן געראָמט מיט א פארטייעטן געפיל, פארשטאנען די אַלגעמיינע אופגערעגטקייט און געוואַרט, אז אָט וועט מען זיי זאָגן, זיי זאָלן אופהערן צו ראמען און צו פוצן. זיי האבן אומרויִק געקוקט אף דער שווייגנדיקער באלעבאָסטע, וואס האט זיך געקוטעט אין דער טער־קישער שאל און שווער געדרימלט אפן קאנאפּעלע.

שוין עטלעכע מאָל זיינען די סארווערנס אריינגעלאָפן צו דער באלע־באָסטע און דערציילט:

— דער וואַסערפירער טוט אין טויט אריין...

— ער זאָגט, ער וועט צעטראָגן די שטוב.

די באלעבאָסטע האט זיך מערער איינגעוויקלט אין דער טערקישער שאל און ניט געוואָלט הערן קיין שום מייסעס.

אָבער דאָך, ווען ס׳האָט זיך צו איר דערטראָגן א מעסוקענער גוואלד, איז זי ארויס אין קיך.

זי האָט דערזען:

שלוימע דער וואסערפירער ליגט אף דער שוועל א מאטער, מיט אן אויסגעמוטשעט פּאָנעם:

— גוואלד, יידן זאָלן זיך פארשליסן אין די גרויסע כאדאָרים, און די קאפּצאָנים זאָלן אומקומען? מיר שטארבן אויס ווי פליגן, און איר בא־האלט זיך אין די פּאָקאָיעס!..

די באלעבאָסטע איז אָנגעצונדן געוואָרן:

— וואָס ווילט איר פון מיר, גייט צו דער שטאָט, זי וועט אייך געבן הילף.

דער וואסערפירער האָט געהאלטן זיין קליין יינגעלע בא דער האנט און זיך געבעטן:

— סע ברענט די מאגייפע ארום אונדז. איך האָב אים ניט ווו צו באהאלטן. נעמט אים אריין צו זיך. בא אייך איז, קיינענאָרע, דאָ ווו.

מוישע בראָצקיס ווײַב האָט זיך דערשראָקן אײַנגעקוקט אין ייִנגלס בלאסן פּאָנעם. זי האָט דעם ייִנגעלע דערלאנגט א שטיקל לעקעך, אים לײַכט א גלעט געטאָן איבער די בלייכע בעקלעך.

— וואָס ווילט איר פון מיר? איר ווילט מיך און מײַן מישפּאָכע אומ־גליקלעך מאכן? וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אף מיר?

דעם וואסערפירערס קאָל איז בעטנדיקער און ווייכער געוואָרן. ער האָט צונויפגענומען זײַן גאנצע פּאָטער־ליבע צום קינד און, שטויסנדיק עס צו מוישעס ווײַב, געבעטן:

— נעמט אים ארײַן צו זיך איבער דער מאגייפע. בא אײַך וועט ער בלײַבן לעבן.

די באלעבאָסטע האָט זיך געמיִעסט און זיך אָפּגערוקט פונעם וואסער־פירער.

— וואָס ווילט איר,—איז די ייִדענע געוועזן אינקאעס,—ער ברענגט מיר דעם מאלעכאמאָוועס אין שטוב ארײַן. גייט אײַך אוועק.

דער וואסערפירער איז געשטאנען פריטשמעליעט און געקוקט אף זײַן איינציק קינד:

— איך בעט אײַך, איך וועל אײַך וויפל איכל לעבן טראָגן וואסער אין שטוב. איכל אײַך קיינמאָל ניט פארגעסן, ראטעוועט מיר אָפּ מײַן איינונאיינציק אויג אין קאָפּ. איך וועל אייביק טראָגן וואסער אין שטוב ארײַן אָן א גראָשן געלט.

וואָס מערער די באלעבאָסטע האָט זיך אײַנגעקוקט אין ייִנגעלעס פּאָנעם, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אז ער איז שוין קראנק. זי האָט זיך מיט כשאד אָפּגערוקט און געוואָלט, דער וואסערפירער זאָל וואָס גיכער ארויסגיין מיטן ייִנגעלע.

— איך גיי ניט אוועק, איכל מיט גוואלד אים ארײַנשטעלן!

די באלעבאָסטע האָט גענומען מיט די פיס אָפּשארן דאָס קינד:

— גיי, גיי פונדאנען, ועסט מיר פארפּאסקודען מײַן שטוב. גיי, גייט.

דער וואסערפירער איז געוואָרן אלע קאָלירן, א כאפּ געטאָן אן עמער וואסער, וואָס ער האָט ערשט ניט לאנג ארײַנגעבראכט, און אויסגע־פליוסקעט איבער דער קיך:

— א כאליערע אף זיי. איכל בויגן מײַן אקסל טאָג ווי נאכט. אזוינע כאזיירים נעגידים. און אז מע דאַרף מיר אָפּראטעווען מײַן קינד פון א מאגייפע... איז מען ניטאָ אינדערהיים. זיי טרעפט עס גאָרניט. און וויינענדיק, האָט ער גענומען דאָס קינד בא דער האנט, א שפּײַ געטאָן און איז אוועק.

די סארוועדנס זײַנען געשטאנען פארגליוועט און זיך לאנג ניט גע־קאָנט נעמען צו דער ארבעט.

די באלעבאָסטע איז צוריק אריַין צו זיך.

דער אלטער מוישע איז הײַנט ניט געגאנגען צו די געשעפטן, געזעסן איבער די כעזשבוינעס און אופגערעגט געקוקט צו זײַן ווײַב, ווארטנדיק אף עפעס. ער האָט געזען אירע אופגעפלאמטע באקן, וואָס צינדן זיך אָן אלעמאָל, ווען א סארווערן קומט אריַין פון דער קיך עפעס פרעגן אָדער בעטן.

צו דער טאָכטער אין אלקער האָבן זיי ניט אריַינגעקוקט. מ׳האָט אפילע ניט געוווסט, ווו ס׳איז דער כאָסן. מ׳האָט אים הײַנט ניט געזען. מוישע האָט זיך אײַנגעהערט צו די ידיעס. עמעצער פון די געדונגענע מענטשן האָט פון צײַט צו צײַט געבראכט פון דער גאס: „דער באקאנ־טער איז געשטאָרבן, יענער באקאנטער איז קראנק געוואָרן מיט דער מיִעסער קרענק. פון קאָזלאָווסקיס הויף הערט מען ניט אוף צו טראָג סאמאָווארן זודיקע וואסער״.

דידאָזיקע שווערע שטימונג האָט געדויערט, ביז אין שטוב איז אריַינ־געקומען א כאָשעווער קאָרעוו, א פריילעכער ייִד, א לאמדן. דערזען די דערשלאָגנקײַט, האָט ער א מאך געטאָן:

— הערט איר, מײַנע ליבע קרויוים, די כאסענע אײַערע וועט זײַן א סגולע, די מאגייפע זאָל אופהערן. וועט איר זען.

מ׳האָט באטראכט דעם געקומענעם פריילעכן קאָרעוו, זײַנע פרומע אויגן און זיך אָנגעכאפּט פאר זײַן געדאנק:

— הערט איר, רעב שײַע, אײַערע ווערטער זײַנען שטענדיק פאר מיר געווען טײַער און הייליק,— האָט די מוטער געקלעפּט ארום קאָרעוו.— מיר זײַנען אזוי דערהארגעט.— הערט א געשיכטע!

דער קאָרעוו מיט די פרומע אויגן האָט נאָך מער געטרייסט:

— וועט זיך פון דער כאסענע אָן אָנהייבן די יעשוע, פאָלגט מיך...

מיט די סארווערנס האָט שוין די מוטער פריילעכער און צוגעלאָזטער זיך געשאפן, די צוויי דינסטן זײַנען דירעוודיקער געוואָרן.

דער קאָרעוו האָט שפּעטער אביסל ווידער געזאָגט:

— און קלעזמער זאָלט איר לאָזן שיקן רופן.

— הערט אוף, רעב שײַע,— האָט זיך די מוטער דערשראָקן פאר דער

אײַצע.—ס'איז אזא יעלאָלע בא מענטשן, װעלן מיר נעמען קלעזמער.—הערט שױן אױף.

אָבער דער קאָרעװ איז בא זיך ניט אראָפּגעפּאַלן:

— הערט זשע מיך אױס, די שטוב ברענט, און דער זײגער גײט.

איר האָט פאַרשטאַנען: דאָ שטאַרבט מען און דאָ גײט מען צום לעבן...

ליבערמאַן איז אָנגעקומען אױף דעם שמועס.

דערהערט, אז מע רעדט װעגן קלעזמער, איז ער אָנגעצונדן געװאָרן:

— װער רופט עס קלעזמער?

די עלטערן האָבן געשװיגן. דער קאָרעװ האָט זיך אײַנגעשטעלט און כיטרע א זאָג געטאָן:

— מיר װילן דיר פרײלעך מאַכן אױף דער נעשאָמע. זיך דערלעבט כאַסענע מאַכן א טאָכטער, דאַרף מען זיך פרײען.

ליבערמאַן האָט א קוק געטאָן אױף ראָכלס עלטערן און געפרעגט:

— עפּשער װאָלט א סװאָרע געװען אָפּלײגן די סימכע?

— כאַסװעכאָלילע,—האָט זיך די מוטער דערשראָקן.

— ס'אזא אומגליק אין שטאָט, ס'א בײזאָיען פאַר מענטשן, פאַר די כאַװײרים פון דער שול, פאַר...

— פאַרקערט, ס'א סגולע,—כאַפּט אונטער דער קאָרעװ.

— װאָס פאַר א סגולע. מע שטאַרבט אױס אין די גאַסן. איך װיל ניט.

— װײ איז מיר—האָט די מוטער פאַרבראָכן מיט די הענט,—װאָס זאָגט ער עס, מױשע, װאָס זאָגט ער עס, רעב שײַע?

מױשע האָט זיך אופגעהױבן פונעם אָרט און זיך געבעטן באַם צו־קונפטיקן אײדעם, ער זאָל זיך ניט קעגנשטעלן.

— אָרן,—האָט ער זיך בא אים געבעטן,—אָרן, פאַרקערט, מיט דײַן כאַסענע װעלן אַלע געהאָלפן װערן.

— איר שפּילט אױף מענטשלעכן אומגליק!—האָט ליבערמאַן אױס־געשריגן—איר װעט מיר ניט אײַנרעדן!

— טאָכטער, קום אהער, זאָלן דײַנע אױערן הערן,—האָט די מאַמע אפגיך אַרײַנגערופן ראָכלען.

דערזען די קאַלע, איז ליבערמאַן אװעק אין צװײטן צימער.

ראָכל האָט זיך שטאַרק צעװײנט.

— טאָכטער, גײ בעט אים,—האָט די מוטער זי געטריבן,—זאָל ער אונדז ניט פאַרשעמען. זעסט, מױשע, איך האָב דיר געזאָגט, אז ער איז אן אקשן.

מוישע האָט געשוויגן.

ראָכל איז אַרײַן אין אַלקער און געוויינט פאַר אַרענען. דער קאָרעוו האָט זיך אײַנגעהערט און מיט זײַנע אויגן געוווּנקען צו די עלטערן:

— זי פּויעלט בּאַ אים.

בּאַ די עלטערן זײַנען פריילעכער געוואָרן די פּנעמער.

— וואָס אַרט אײַך, איך האָב געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט. זי פּויעלט בּאַ אים.

... אין טאָג פון דער כאַסענע איז ליבּערמאַן געזעסן דערשלאָגן.

בּאַטאָג איז אַראָפּ אַ שטאַרקער רעגן, קילער געמאַכט דעם דרויסן. ווען מ'איז געגאַנגען צו דער כופּע, האָבּן גײַציקע און נײַגעריקע מענטשן נאָכגעקוקט פרעגנדיק:

— זע נאָר, ווער האָט עס כאַסענע?

ליבּערמאַנען האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם גרויסן מאַרק־פּלאַץ מיט די קראַנקע, דעם שוידערלעכן געוויין, וואָס טראָגט זיך פון די אָרעמע הײַזער; ער וועט ניט פאַרגעסן, ווי ער האָט אָפּגעפירט דעם קראַנקן כאַווער צום וואָקזאַל, ניט פאַרגעסן אָט דעם שמײַסנדיקן רעגן.

אין דעם טאָג האָט געזאָלט געבוירן ווערן זײַן פּערזענלעך גליק.

און צי הייסט עס גליק?

ער קוקט אָף ראָכלען, אָף איר מילד פּאָנעם, וואָס איז איצט איבּער־גליקלעך און שוין וויבּלעך־פאַרטײַעט. זי קוקט אָף אים און וויל בּאַ אים אַרויסקריגן אַ שמייכל.

— אַרן, וואָס ביסטו אַזוי פאַרטראַכט? — האָט אים אַ טאָרע געטאָן דער פריילעכער קאָרעוו מיט די פרומע אויגן. — יונגערמאַן, האָסט כאַסענע, הייבּסט אָן אַ נײַ לעבּן, זײַ ניט פאַרטראַכט אין הימל־זאַכן, יונגערמאַן.

ליבּערמאַן האָט זיך אומגעקוקט און דערזען ראָכלען אין אַ קרינאָ־לינע. ס'איז אים לעכערלעך געוואָרן.

די ראַווינער זײַנען געקומען אָף דער סימכע, אָבּער אַלע זײַנען געזעסן פונדערווײַטנס — גלײַך מע האָט אָפּגערעדט צווישן זיך שווײַגן.

נאָך דער כופּע איז ווידער אַראָפּ אַ רעגן.

שפּעט אָפּדערנאַכט איז פאַרבײַגעלאָפן די פענצטער פון מוישע בראָצ־קיס הויז דער ייִד, וואָס האָט ניט אופגעהערט צו זאָגן טילים אין־דערהיים.

די מאַגייפע האָט ניט אופגעהערט...

אין פעטערבורג

XXIII

אין סאַנקט־פּעטערבורג זײַנען געשטאַנען ווײַסע מילכיקע נעכט.

מ'האָט געבענקט נאָך אַביסל טונקלקייט. אַרום 1־12 באַנאַכט פֿאַלט צו אַ טונקעלע בלאָווקייט און ווישט אָפּ די קאַנטן פֿון די גרויסאַרטיקע פּעטערבורגער געבײַדעס. עס געדויערט אָבער ניט מער ווי אַ שעה.

די פּאָר מעסלעס, וואָס ליבערמאַן געפֿינט זיך דאָ, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז ניט געשלאָפֿן, ווײַל ווו איז די נאַכט? סײַדן פֿון יענער זײַט פֿינישן אויסגוס, וואָס ברענגט אַהער אַמאָל אַראָפּ אַן עסעריקן ווינט און פֿאַטשט און פֿאַטשט אין די דיקע ווענט פֿון די שטאָלצע פֿאַרשלאָסענע מויערן.

גוט, וואָס ליבערמאַן האָט מיט זיך געבראַכט אַ פּאַלטאָ. ער האָט זי ניט געוואָלט נעמען, ס'האָט אים ראָכל פֿאַרן אָפּפֿאָרן אָוועקגעלייגט די פּאַלטאָ אויף דער האַנט. נאָך ווילנע איז פּלוצים געוואָרן קיל אין וואַגאָן. איז די פּאַלטאָ אים גוט צונוץ געקומען.

צו ווענען פֿאַרפֿאָרן אויף קוואַרטיר אין פּעטערבורג האָט ליבערמאַן ניט געהאַט. ער איז פֿאַרפֿאָרן אין אַ וואָלווילן האָטעל און געוואַרט, אַז עפּשער וועט ער ערגעץ קריגן אַ באַזונדער צימער אין אַ פּריוואַטן הויז, וווּ עס זאָל זײַן היימלעכער און רויִקער צו אַרבעטן.

אין האָטעל צוזאַמען מיט אים איז אײַנגעשטאַנען פֿײַנשטיין מיטן קאָסאָקע אויג, דער אַמאָליקער ראַוויניסט, וואָס האָט שוין אַ יאָר צײַט באַזוכט דעם טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט.

פֿײַנשטיין איז געווען זייער אָרעם. ער האָט זיך אָוועקגעלאָזט קײַן

פעטערבורג אָן א קאָפּיקע געלט און געלעבט דערפון, וואָס די היגע מעצענאַטן פלעגן אים מענאַדעוו זיין, געגעסן א וואַרמעס פאַר 20־15 קאָפּיקעס אין דער סטודענטישער גאָרקיך, און אינדערפרי און אָפּדערנאַכט פאַרבראַכט בא באַקענטע און דאָרטן איבערגעכאַפּט.

פון זינט ליבערמאַן איז געקומען אהער, האָט זיך פיינשטיין דערפילט שטאַרקער בא זיך, ווייל ליבערמאַן האָט מיט זיך געבראַכט אביסל געלט, איז קאָן מען דערווייל זיך דורכדרייען א שטיקל צייט. ווער שמועסט, אז ליבערמאַן ווערט אויך א טעכנאָלאָג.

דער ערשטער געשפּרעך צווישן פיינשטיינען און ליבערמאַנען:

— מעגסטו שוין, גוטער־ברודער, אָנטאָן א היטל מיט א גרינעם דענעק, מאַך זיך א פּאָשעט העמדל מיט א קורטקע און וואַרף אראָפּ דיינע געטאָ־קליידער.

ליבערמאַן שלאָגט אים איבער:

— וועלכע געטאָ־קליידער?

— נו, דיין ווילנער גאַרניטער, און ווער א סטודענט. מיט אלע פאָסטעמקעס א סטודענט, און שטעל ווייַן.

ליבערמאַן צעשמייכלט זיך:

— איך געדענק דאָך, פיינשטיין, אז דו ביסט געווען א שיקער נאָך אין ראַבינער־שול.

— א שיקער?—שפּאַסט פיינשטיין,—ווען אביסל גוטן וויין הייסט זיין א שיקער? א זופּ טאָן אביסל שאַמפּאַניער הייסט זיין א שיקער? פאַרזוכן אביסל גוטן ליקיאָר הייסט...

— נו, גענוג!..—לאָזט ליבערמאַן ווייטער ניט ריידן—זאָג בעסער, דאָ דאַרף ערגעץ זיין קעלטער. האָסט ניט געהערט וועגן אים?

— ווער איז ער?

— נו, קעלטער, אונדזערער, פון ראַבינער־שול... פון זינט איך בין אוועקגעפאָרן פון ווילנע קיין סוואַלקע, האָב איך אים פאַרלאָרן פונעם אויג, אָבער לויט מיין כעזשבן דאַרף ער דאָ הי זיין.

בא פיינשטיינען טוט א ציטער דאָס קאָסאָקע אייגל—עס פאַרקוקט זיך ערגעץ אפן בוידעם.—ער טראַכט, פיינשטיין:

— איך וויים ניט, ער אינטערעסירט מיך ניט.

— אזוי, ווער זשע אינטערעסירט דיך יאָ?

— ווער? אָט קום מיט מיר היינט אָפּדערנאַכט, וועל איך דיך באַקאַנען מיט א מיידל.

ליבערמאַן פאַרינטערעסירט:

— דו, מיט א מיידל?..

— ניט אזוי מיטן מ״דל, ווי... קום מיט מיר. דעריקער, איך וועל דיר וויַיזן, אין וועלכע היַיזער איך בין דאָ א בעגבאָס... וועסט זען! ליבערמאַן שוויַיגט.

— ווילסט ניט? האָסט דאָך אלציינס ניט ווהין צו גיין!

— עמעס, כ׳האב ניט, אָבער מע דארף דאָך אין עפעס ארייַנקוקן אויך.

פייַנשטיין נעמט אים אָן בא ביידע אקסל, טוט אים גוטברודעריש א טרייסל און ווינקט צו מיטן געזונטן אויג:

— ס׳ארט דיך, וועסט זען, ווי איך פארברענג מייַן צייַט אין פעטערבורג.

פייַנשטיין איז א הויכער, א שיינער. ווען ניט דאָס קאָסאָקע אויג, וואָלט ער געווען כיינעוודיק. ער לאָזט אומיסטן אראָפּ א לאַנגן טשוב האָר, וואס באַמבלט זיך און פאַרשטעלט פון צייַט צו צייַט דאָס קאָסאָקע אויג. ער טוט קונציק אלע ווייַלע א וואָרף מיט די האָר, זיי זאָלן גראַדע אראָפּפאלן אפן אויג. ליבערמאן האָט עטלעכע מאָל געוואָלט אָפּשארן די האָר, אָבער פייַנשטיין האָט אָפּגעווענדט דעם כאווערס האַנט:

— זאָל זייַן אזוי. וואָס ארט דיך?

ווען ס׳איז נאָך געווען גאַנץ ליכטיק אין דרויסן, האבן זיך פייַנשטיין מיט ליבערמאַנען אָפּגעשטעלט לעם זייער א רייַכער און שטרענגער געבייַדע אינעם אריסטאָקראַטישן טייל פון פעטערבורג. פייַנשטיין האט א וויַיז געגעבן ליבערמאַנען:

— דו זעסט, פארגעדענק.

צוויי אויסגעשניצטע פיגורעלעך אפן מויער־פראָנטאָן האָבן פרעמד געקוקט אפן ווילנער יונגנמאן ארן ליבערמאַן און אָנגעזאָגט: אין דעם הויז גייט א רייַך און זאט לעבן.

— איך זע.

— קוק זיך גוט צו, גוט פארגעדענק! און פייַנשטיין האט זיך אופגע־הויבן אף עטלעכע מארמאָרנע טרעפ און א צי געטאָן דעם גלאָק.

אָפּגעשטאַנען א פאָר מינוט, קיינער האָט ניט געעפנט, האט ליבערמאַן איראָניש איבערגעכאַזערט:

— זען זע איך, אָבער הערן הער איך גאָרניט.

פײַנשטײן האָט זיך אָפּגעקערעוועט באַרויִגעזלעך פֿון זײַן כּאוער און מיטן אקסל געגעבן צו וויסן: אויב דו ביסט אזא כאָכעם, קאָנסטו בלײַבן דאָ,—און אליין אַריבערגעגאנגען אף דער צווייטער זײַט פונעם גאנעק און א צי געטאָן בא אן אנדער דראָט. ליבערמאן האט זיך אײַנ־געהערט, געקוקט אף פײַנשטיינען. ס'האָט זיך אינגיכן אופגעעפנט די שווערע טיר און אן אלט קאָל האט געפרעגט:

— ווער איז?

— זאָגט... ע... זאָגט דער יונגער פּאנאָטשקע, אז אף איר פרעגט דער סטודענט... דער... מיכאיל סעמיאָנאָוויטש, אָ!..

די טיר האט זיך צוריק געוואָלט פאַרמאכן, האָט פײַנשטיין אפגיך אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ און אָפּגעכאַפּט:

— זאָגט...

— וואס נאָך? וואס נאָך?—פרעגט דאס אלטע קאָל.

— מיכאיל סעמיאָנאָוויטש... מער גאָרניט... זיי וויסן שוין.

די טיר האט זיך צוריק פאַרהאַקט.

פײַנשטיין האָט שטאָלץ, אָנבלאָזנדיק זיך און פאַרהויבנדיק מיט ווירדע דעם קאָפּ, אויסגעצײלט א פּאָר ווערטער:

— ליבערמאן, האָסט געהערט א מין האכנאָע־טאָן.

ליבערמאן האָט געשוויגן.

אינגיכן האָט זיך געעפנט די טיר, ביידע כאווירים זײַנען אַרײַן. אין קאָרידאָר איז אַרויסגעגאנגען א יונג אויסגעפוצט מיידל און דערקענט פײַנשטיינען:

—... מישעל, ס'איז איר?

— יאָ...—כאַפּט אונטער פײַנשטיין—און דאס איז מײַן זעמליאַק. באַקענט זיך.

דאָס מיידל ציט אויס א דינע האנט. ליבערמאן האט באַוויזן צו דערזען דינע בלוילעכע אָדערלעך, וואס פלעכטן זיך איבער און בלײַבן ניט אונטער דעם ארבל.

— באלד,—און דאס מיידל איז צוריק אוועקגעלאָפן אין א ווײַטערן צימער.

לעבן זיי איז געבליבן שטיין דער דינער, וואס איז געווען אָנגעטאָן אין א שיינער ליווריי.

ליבערמאן באַטראַכט דעם דינער און דערמאָנט זיך אין די באַשרײַ־בונגען פון אזוינע פאַרשוינען, וועגן וועלכע ער האט געלייענט אָדער געזען צופעליק אין טעאטער. פון דעם ווײַטערן צימער איז אהער צוריק

ארויסגעגאנגען דאס מיידל. דער רויש פון אירע טריט האט זיך שטיל באהאלטן אין די דיקע פילפארביקע טעפּיכער, וואס זיינען דאָ צע־שפּרייט אין יעדן ווינקעלע.

זי האט א שמייכל געטאָן צו די סטודענטן:

— מיכאיל סעמיאָנאָוויטש, דער פאפא האָט געזאָגט, אז ער האט קיין צייט ניט.

פיינשטיין האָט זיך פארלוירן, באזונדערס פאר ליבערמאנען:

— מיר זיינען געקומען ניט צום פאפא, איך בין געקומען... און ער האָט ניט פארענדיקט די פראזע.

— אך, אזוי—האָט זיך דאס מיידל א קיינדל געטאָן. זי האט צוריק געמאכט צוויי טראָט און העפלעך פארבויגן דעם קאָפּ—אזוי, עפּעס אנדערש. אָבער באלד איז איר עפּעס איינגעפאַלן און זי האָט אביסל אופגערעגט געזאָגט:

— וועל איך גיין בעטן באם פאפא, ער זאָל היינט האבן צייט, ניש־קאָשע, ער וועט געפינען פאר אייך צייט...

פיינשטיין וויל זי אָפּשטעלן, פארהאלטן זי:

— איר הערט, סארא, מע דארף ניט...

— מע דארף יאָ... דער פאפא דארף געפינען צייט פאר אייך—און זי דרייט זיך אויס און גייט אוועק אין א ווייטערן צימער.

פיינשטיין האט נאָך עטלעכע רעגעס שווייגן זיך געוווּנדעט צו ליבערמאנען, וואס האָט נאָך אלץ ניט פארשטאַנען צוליב וואס איז אהער געקומען זיין כאַווער.

— ס'א שיין א מיידל, זי געפעלט דיר?

ליבערמאַן איז פאַרנומען מיט א בילד אף דער וואנט, ווו ס'איז אויסגעמאָלט שימשען־האגיבער, וואס צעטרייסלט די ווענט פונעם פאַלאַץ, ווו די פעלישטים הוליען; אף צוויי מעכטיקע קאָלאָנעס זיינען אוועקגעלייגט שימשען־האגיבערס גרויסע הענט און פון אויבן שיטן זיך קלייניקע פעלישטימלעך אף זיי, איבער זייערע קעפּ פאלן שטיינער, באַלקנס און איבערגעקערטע טישן מיט געטראנקען און קיילים.

ליבערמאַן האט א טראַכט געטאָן:

— א יידישער אוישער, יידישע בילדער.

— איך פרעג דאָך באַ דיר?—טאָרעט אים פיינשטיין—עס געפעלט דיר די יידישע טאָכטער? און פיינשטיינס קאָסאָקע אויג זעט איצט אויס אויס־געלאַסן אונטער דעם צעפּאַטלטן טשוב האָר.—וואָס־זשע ענטפערסטו ניט.

דו ווייסט ווער זי איז?—דעם באנקירערס טאָכטער—זאק. האסט מיסטאמע געהערט וועגן דעם באנקירער זאַק?

אין דער צײַט האט זיך באוויזן סארא און נאָך איר—א נידעריקער ייִד מיט אן אריסטאָקראטיש־אונטערגעשוירן בערדל, וואס האט אראָפּגעוווּנקען צו א דיקער זייגער־קײט אף דער זשילעט. אינגאנצן האט ער געהאט דעם אָנבליק פון א קליינשטעטלדיקן בוכהאלטער, וואס יאכסנט זיך און קאָן פון זיך ניט אראָפּוואַרפן דעם שטענדיק־היימישן און באלעבאטישן אויסזען.

— וואס ווילט איר?—האט ער זיך געווענדט גלײַך צו פײַנשטיינען. ווײַזט אויס, ער האט שוין מיט אים איינמאָל געהאט צו טאָן.

פײַנשטיין האט געשוויגן.

געזען, מע שווײַגט, האט דער באנקירער זיך געווענדט צו זײַן טעכטערל:

— ער האט מיך מאטריִען געוועז, יאָ?—געוויזן דערבײַ אף פײַנשטיינען, וואס איז ווי קלענער געוואָרן.

סארא ענטפערט:

— יאָ, פאפא, מיכאַיל סעמיאָנאָוויטש האָט...

— איך...—האָט מען קוים־קוים דערהערט פײַנשטיינס קאָל—איך...

— שוין עטלעכע מאָל האב איך געבעטן, אז די סטודענטן, וואָס באקומען שטיצע, זאָלן זיך ווענדן ניט צו מיר דירעקט, נאָר צו מײַנע מענטשן. ס'איז פאראַן א קאָנטאָר, ס'איז פאראן א ספעציעלער מענטש, וואָס פארנעמט זיך מיט די איניאָנים, און מיך, הערן סטודענטן, דארף מען ניט אָפּרײַסן פון מײַן ארבעט; ס'איז, ערשטנס, ניט איידל פון אײַער זײַט און, צווייטנס, איז דאָס איבעריקע טירכע פאר אײַך זעלבסט. צוליב יעדער דרײַערל, וואס מע גיט אײַך ארויס אלע כוידעש, קאָן איך קײַן עטלעכע מאָל אינאָוונט ניט ארויסגיין. איר, הערן סטודענטן, זײַנט ניט די ערשטע הײַנט אינאָוונט. פארשטאנען?

פײַנשטיין איז געווען געפלעפט. ער האָט ניט אראָפּגענומען די אויגן פון דער אויסגעפוצטער און רויטגעוואָרענער סארא. ער זוכט בא איר שטיצע און זי קומט ניט, די שטיצע.

פלוצים:

— פאפא, וואָס ביסטו הײַנט אזוי אופגערעגט, וואָס זײַנען עס שולדיק די אָרעמע סטודענטן!—און זי איז אוועק.

דער באנקירער זאק האט פאָטעריש־שטראָפנדיק נאָכגעקוקט דער טאָכטער, דערנאָך געזאָגט צו די סטודענטן:

— אָ, מיידל נאריש, טײַבעלע מײַנס, און איר, ייִדישע יונגעלײַט, קריכט צופּיל פון אײַערע יעשיוועס אין אונדזער פּייטערבארג.

ליבערמאַן האָט שאַרף א קוק געטאָן אפן באנקיר, א קלאפּ געטאָן מיט דער שווערער טיר און איז ארויס.

פײַנשטיין איז געבליבן שטיין דערשלאָגן, ער האט נאָך באוויזן צו הערן דעם באנקירערס ווערטער:

— מאָרגן אין קאנטאָר וועט איר באקומען די פּאָר רובל.

ווען פײַנשטיין איז ארויס אין דרויסן, איז שוין ליבערמאן געווען ווײַט. ער איז אים נאָך. ליבערמאַן האט באמערקט, צוגעוואַרט און געזאָגט:

— דעם שפּײַ אין פּאָנעם, וואָס ער האט זיך פארדינט, וואָלט איך דיר געדאַרפט אָפּגעבן.

זיי זײַנען אוועק צו דער ניעווא. א גלאנציק־שטאָלענע, א גלאטע איז זי געלעגן און ס'האט זיך אויסגעוויזן, זי ווארט.

געווארט, אז א שיף זאָל צעבויטען איר רויִקייט. דער שפּיץ פון פּעטראָפּאוולאָווער קלויסטער האָט גרויזאם און אומעטיק געשטאָכן די הייך.

— פײַנשטיין, שוין גלײַכער צו באקומען שטיצע אין דער סטודענטישער קאסע, איידער בא דעם ייִדישן נאָגיד! — האָט ליבערמאן געזאָגט מיט ביטל.

פײַנשטיין איז פארשעמט נאָכגעגאנגען ליבערמאנען... די קעלט פון דער ניעווא האָט זיי דורכגענומען.

XXIV

א נעפּלדיקער פּעטערבורגער טאָג. אין נעפּל ווערן דערטרונקען די טונקעלע ריזן מויערן. איבער דעם ניעווסקער פּראָספּעקט, איבערן טײַך ניעווא גייט אום דער פײַכטער טאָג און טוט זיך אלע מאָל א ריס ערגעץ צו א ווײַטן דורכלויכט אינדערהייך.

ליבערמאַן האט ליב געקריגן אָט דעם טרויעריקן קלאַנג פונעם ווינט, וואָס יאָגט פלוצים אָן פונעם פינישן אויסגוס איבער דער ברייט פונעם טײַך ניעווא און איבער דער רוישיקער ראַכוועס פון די גאַסן. די פּעטערבורגער גאסן זײַנען שוין פול געווען מיט טוידעסדיקער אומרויִקײַט פון די זיבעציקער יאָרן, מיט שטורמישע אָנזאָגן אף גרויסע געשעענישן. ליבערמאַנען האט געצויגן צו דערדאָזיקער אומרויִקײַט.

אָפט פלעגט זיך ליבערמאנען דאכטן, אז די פינף פארמישפּעטע צום טויט דעקאבריסטן זײַנען אנטלאָפן פון דער טליִע און גייען דאָ אום

איבער די גאַסן און נעמען ווידער צונויף די רעוואָליוציאָנערע פּאָלקן און גרייפן אָן אפן סענאַט־פּלאַץ קעגן ניקאָלייען.

קאָכאָווסקי קאַמאַנדעוועט מיט די אָפּעצערן. דער סענאַט־פּלאַץ ווערט פּוסט, דעם אימפּעראַטאָרס אָנהענגער זיינען זיך צעלאָפן אין מוירע און אין שרעק. דער ווינטער־פּאַלאַץ וואַרט אף א נייעם באַלעבאָס.

דער הויכוויקסיקער קאַכאָווסקי טוט א שאָס, און דער גענעראַל־גובער־נאַטער מילאָראַדאָוויטש פאַלט א טויטער.

אף פּאַלקאָנעטס פערד האט זיך פיאָטר דערשראָקן פאַר די נייע הערשער אין גרויסן לאַנד און איז אַנטלאָפן. דאָס פערד האט זיך א ריס געטאָן פונעם פּיעדעסטאַל און מיט א קלינגענדיקן צאַק אוועקגעשמיסן איבער דער נאַבערעזשניע און אוועק און אוועק צו דער צענטראַלער אַרטעריע פון דער שטאָט.

עס יאָגט, דאָס פערד, און מע קאָן עס ניט אָפּשטעלן, ס'האט זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַפרייט פונעם שווערלייביקן רייטער.

ליבערמאַנען האט זיך נאָך געדאַכט אין די פּעטערבורגער קאַלעמוטנע פאַרטאָגן:

פּושקין איז ניט דערהאַרגעט אף דעם דועל מיטן פאַרשאָלטענעם דאַנטעסן. א דין שטרעמעלע רויך קרייזלט זיך פון דער פּיסטאָלעט־לאָך. דעם פּאָעטס קלייד איז פונויבן באַם האַלדז נאַכלעסיק צעשפּיליעט. פּושקין דראָט דעם פאַרעטערישן גלאַנץ פון אָט דער שיינער צאָפּנ־דיקער שטאָט.

איינמאָל איז ליבערמאַן לאַנג געשטאַנען אין זומער־גאָרטן לעם דעם אָרט, ווו קאַראַקאָזאָוו האט געשאָסן אין אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. ער האט זיך אַזוי נאָענט צוגעקוקט, אַז די וואַך האט אף אים געווענדט די אויפמערקזאַמקייט, מ'האט אים שיר ניט פאַרנומען, גוט, וואָס ער האָט זיך אָפּגעטראָגן.

היינט גייט ער אף א פאַרזאַמלונג. בא זיי אין טעכנאָלאָגישן אינסטי־טוט נעמען זיך צונויף סטודענטן פ'נעם לעסנאָי־אינסטיטוט, פון דער מעדיציניש־כירורגישער אקאַדעמיע און פון דעם אוניווערסיטעט.

ליבערמאַן האט עס גערעכנט פאַר א גרויס גליק, וואס מע האָט אים צו וויסן געגעבן וועגן דערדאָזיקער „סכאָדקע”. וואס וועט מען עס דאָרטן טאָן? מ'האט צווישן די סטודענטן געלאָזט א קלאַנג, אַז נעקראַ־סאָוו דער פּאָעט וועט אויך זיין.—דערזעלבי־קער נעקראַסאָוו, וועמעס לידער ליבערמאַן קאָן אף אויסנווייניק.

אפן ראָג פון זאַגאָראָדנע און אין צאַרסקאָסעלסקי פּראָספּעקטן שטייט

פאַרטונקען אינעם אפדערנאַכט די דרײַשטאָקיקע געבײַדע פון דעם פעטער־בורגער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. ס'איז איצטער פאַרמאַכט דער פאָרנט־דיקער ארײַנגאנג, ווו סע גילדט זיך באַטאָג אן אופשריפט:

С-Петербургскій
Технологическій институт

מע דארף ארײַנגיין אין הויף דורכן זאגאָראָדני־פראָספעקט. דאָרטן ווארטן שוין סטודענטן און קורסיסטקעס.

ליבערמאן איז ארײַן אין אינסטיטוט פאַרבײַ דעם לאַנגן קאָרידאָר און געקומען אין יענער קאַזיאָנער קוואַרטיר, ווּהין מ'האָט אים אָנגעזאָגט.

אין איינעם פון די צוויי היפשע צימערן זײַנען געשטאַנען עטלעכע טישלעך, א פּאָר ווייכע גרין־אויסגעבעטע שטולן, און נעענטער צו די ווענט—בענק, ווי אין אודיטאָריע. אין צווייטן צימער—א ראָיאַל, און באַ־דערזײַט—א בופעט.

ס'איז שוין געווען נײַן אזייגער.

אלעקסאַנדראָוו, זייער אן ענערגישער באָכער, האט זיך ארומגעדרייט, באטראכטנדיק די געקומענע און עפּעס אָפּגעגעבן פאראָרדענונגען איינער אַן אלטער פרוי, וואָס איז אלע ווײַלע פון ערגעץ ארויסגעקומען. ליבערמאַן האט געזען אלעקסאַנדראָווס צעפלאַמט פּאָנעם און די צוויי קוילעכלעד־אויגן, וואָס האבן געפינקלט אף דעם. ס'איז געווען צו דערקענען, אַז אלעקסאַנדראָוו האט דעם גרעסטן אָנטיילגענומען אינעם הײַנטיקן צונויפ־קומען זיך.

אָט קומט צו א קורסיסטקע אין א קליין פוטערן היטעלע און טײַנעט צו אַלעקסאַנדראָוון. ער איז ניט מאַסקים און גייט אוועק, דרייענדיק מיטן קאָפּ.

— עס וועט ניט זײַן ענג!—שרײַט ער צו איר, ווען ער איז שוין אין צווייטן צימער.

ס'איז בעפּיירעש יאָ געווען ענג. די קורסיסטקע איז געווען גערעכט. אינגיכן האבן זיך די צימערן אָנגעפילט מיט די סטודענטן אין די געקעסטלטדיקע פלעדן.

אייניקע האבן זיך צעזעצט אף די בענק.

די קורסיסטקע אין קליינעם פוטערן היטעלע האָט זיך אוועקגעזעצט לעם ראָיאַל און באשאָנקען דעם אוילעם מיט א שטילן און ווייכן מאָטיוו.

ווען זי האט געענדיקט, האבן אלעקסאַנדראָווס קוילעכלעך אפן פּאָנעם א ווונק געטאָן צו די פּאַרזאַמלטע:

— איר ווייסט, הערן סטודענטן און קורסיסטקעס...

— ווייניק קורסיסטקעס,—האט מען דערהערט א קאָל.

— ווייניק, ווייניק,—האט אלעקסאַנדראָוו א שמייכל געטאָן,—עס וועלן נאך צוקומען... מיר האָבן היינט געזאָלט דורכלייענען לאסאלס ארטיקל וועגן קאָנסטיטוציע, אָבער ס'איז געשעען אזא פאַל, וואָס מיר טאָרן ניט פארשווייגן. איך מיין, אז פיל פון אייך ווייסן וועגן דעם.

דער אוילעם סטודענטן האָבן זיך ניט איילנדיק אופגעהויבן פון די ערטער און מ'האָט זיך נעענטער צוגערוקט צו אלעקסאנדראָוון.

— ניין, מע ווייסט ניט,—האָבן זיך דערהערט קוילעס פון עטלעכע ווינקלען.

אלעקסאנדראָוו האָט געכאַפּט א קוק צו די פענצטער, גלייך פונ־דאָרטן וואָלט געדראָט א געפאר. ס'האָט אריינגעקוקט א קאלעמוטנער אָוונט מיט שווארצע שטיקלעך הימל.

— באַלד, שטילער...

אלעקסאנדראָוו האָט ארויסגעפירט פון צווישן א גרופּע אייגעם א ני־דעריקןברילנדיקן און געוויזן אף אים מיטן פינגער:

— דאָס איז סטיאָפּע ראָזשקאָוו. דער פּראָפעסער פון כעמיע האָט זיך דערלויבט זייער מיִעס אויסצודריקן אפן אדרעס פון די רוסי־שע סטודענטן, און כטיאָפּע ראָזשקאָוו האָט אים אָפּגעענטפערט מיט ווירדע.

„איר—האָט געשריגן דער פּראָפעסער,—וועט ברענגען אף דער גאָל־גאָפּע דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, וואָס דאָס רוסישע פאָלק פאר־מאָגט. איר פירט איבער אונדזערע שענסטע זין און טעכטער. איך וועל קיין איינעם פון אייך ניט לאָזן אין אוניווערסיטעט. ארויסראָטן אזוינע סטודענטן!״ און דער קאָלעגא ראָזשקאָוו האָט אים אָפּגעענטפערט מיט ווירדע. מ'האָט אים ארייַנגערופן צום רעקטאָר און אים געהייסן זיך פארנעמען פונעם אוניווערסיטעט.

— מאכן אן אבסטרוקציע דעם פּראָפעסער!

— בויקאָטירן!

— שטעלט צונויף אן אופרוף צו אלע פעטערבורגער סטודענטן—האָבן זיך פון אלע זייטן געטראָגן קוילעס.—בא אלעקסאנדראָוון האָבן די אויגן געגלאנצט פון גרויס אופרעגונג; ער האָט ניט דערווארט, אז דער אוילעם זאָל אזוי הייס רעאגירן.

ער האָט אופגעהויבן די האַנט, אַז עס זאָל שטיל ווערן. מ'האָט באַלד פאַרלאַנגט, אַז סטיאָפּע זאָל אַליין דערציילן. סטיאָפּע איז געווען בלאַס, גלײַך ער וואָלט ווידער איבערגעלעבט דעם דערשרעק באַם רעקטאָר אין קאַבינעט.

וואָס זאָל ער דאָ ווידער דערציילן. מ'האָט אים אַרויסגעזיפּן און אים געמאָלדן, אַז ער זאָל זיך בעסער אַליין פאַרנעמען פון דער הויפּט־שטאָט, אַניט...

ער האָט בעשאָס־מײַסע אַ טראַכט געטאָן וועגן זײַן אײַנזאַמער מוטער אין דער ווײַטער שטאָט וויאַטקע, וואָס וואַרט, אַז איר זון זאָל ענדיקן דעם אוניווערסיטעט און ווערן אַ הויכגעשטעלטער טשינאָווניק, זי זאָל קאָנען ערגעץ לעם אים אָפּלעבן אירע יאָרן און זיך דערמאַנען, אַז דער טאַטע סטיאָפּעס איז געווען אַ טרײַער, איבערגעגעבענער אונטערטאַן. די כאַוויירימס אופגערעגט אופירן זיך האָט אים געצווונגען צו פאַרגעסן אין זײַן אײַנזאַמער מוטער. איצטער וועט אויסקומען פאַרלאָזן דאָס לערנען, און ער וועט אוועקפאָרן אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען... אין פאָלק...

— און מיט ראָזשקאָוון וואָס וועט זײַן? — האָט אײנער געפרעגט.

— דער פּראָפעסער דאַרף ציִען צוריק זײַנע ווערטער.

מ'האָט זיך צעלאַכט: דער פּראָפעסער וועט עס ניט טאָן...

— מע דאַרף אים צווינגען... — האָבן די מערער הייסערע געשריגן.

פאַר ליבערמאַנען איז די־דאָזיקע צונויפקומעניש פון די סטודענטן געווען אַזאַ נײַעס, אַז דאָס האַרץ האָט ניט אופגעהערט האַסטיק צו קלאַפּן. ער איז געווען אײנער פון די, וואָס האָבן די גאַנצע צײַט געשריגן, אַז דער פּראָפעסער זאָל צוריק ציִען זײַנע ווערטער, אַניט, זאָל מען מאַכן אַן אָבסטרוקציע. פּאָשעט: ווען דער פּראָפעסער וועט אַרײַנקימען אין דער אוידיטאָריע, זאָלן זיך אַלע ווי אײנער אופהייבן פון די ערטער און אַוועקגיין. דער פּראָפעסער זאָל בלײַבן פאַרשעמט און לייענען פאַר די ווענט...

ער איז אַפילע צוגעגאַנגען צו אַלעקסאַנדראָוון און געבעטן, מע זאָל אים דערלויבן עפּעס זאָגן. אַלעקסאַנדראָוו האָט אַ קוק געטאָן אף דעם שוואַרצן יונגנמאַן און דערזען זײַנע ברענענדיקע אויגן.

— איר ווילט עפּעס זאָגן, קאָלעגאַ?

— יאָ — און ליבערמאַן האָט זיך אַזוי געווענדט צו די פאַרזאַמלטע:

— צו ראָזשקאָוון האָט דער פּראָפעסער געשריגן, אַז איר פירט איבער די בעסטע זין און טעכטער פון רוסלאַנד. לאָמיר זיי דערווײַזן,

דידאָזיקע נידערטרעכטיקע, אז דאָס בעסטע, וואָס איז געווען אין רוסישן לעבן, האָבן זיי אומגעבראכט. לאָמיר מאָרגן גיין אף דאָבראָליובאָוס קייווער. עס וועט זײַן א דעמאָנסטראציע קעגן דידאָזיקע „פראָפעסאָרן”, וואָס האָבן דערשטיקט פּיסאריעוון, זיי וואַרגן טשערנישעווסקין, זיי האָבן פאַרטריבן לאַווראָוון... דאָס בעסטע, וואָס איז פאַראַן אין רוסישן לעבן, ווילן זיי אומברענגען... קנעכט זײַנען זיי!..

— ווער איז דער טעכנאָלאָג? — האָט מען זיך נאָכדעם נאָכגעפרעגט בא אלעקסאנדראָוון.

די קורסיסטקע אין קליינעם פוטערנעם היטעלע איז צוגעגאנגען צו ליבערמאנען:

— אײַער האַנט, קאָלעגא.

בא ליבערמאנען איז דער קנייטש צווישן די ברעמען געוואָרן לענגער און טיפער. און כאָטש ער האָט שוין ניט גערעדט, איז ער נאָך געווען אזוי פארקלערט. עפּעס האָט ער נאָך אינזינען געהאט צו זאָגן און ס'האט אים, אפּאָנעם, פארדראָסן, וואָס ער האָט עס ניט געזאָגט.

די קורסיסטקע האָט איבערגעכאַזערט:

— אײַער האנט.

ליבערמאן האָט געגעבן די האנט.

זי האָט געזאָגט:

— וווּ ווױנט איר, איך וועל צו אײַך קומען. איר דערלויבט מיר?

מ'האט אינגיכן דורכגעוואָרפן אַ וואָרט, וואָס האט אלעמען הייס א טשמעל געטאָן איבערן קאָפּ און אופגעוועקט א שפּאָגל־נײַעם און פרישן געפיל:

— רעוואָליוציע.

איינער האט געזאָגט

— א רעוואָליוציע דארפן מיר אויך אין רוסלאַנד, אזוי ווי אין פראַנקרײַך.

ס'האט שפּעטער אביסל זיך אופגעשטעלט אַן עלטערער סטודענט, איינער פון די, וועגן וועלכע עס דאַכט זיך, אז זיי וועלן אייביקע סטודענטן זײַן, און זייער איבערצײַגנדיק געמאָלדן:

— אָט ווילט איר דאָ רעוואָליוציע, איך וויל אויך. אָבער רוסלאַנד איז נאָך ניט גרייט. ס'איז איצט אומעגלעך צו ריידן וועגן דעם.

— פאַרוואָס? — איז מען געווען אף אים באַרויגעז.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס? — האט דער אייביקער סטודענט זיך נאָכגעקרימט, — דערפאַר, ווײַל מע דאַרף פריִער צוגרייטן. אין דאָרף איז

פינצטער, קויטיק און וויסט. נעמט דאָרטן פריִער צעאַקערן די רוי־ערד, וועלן דערנאָך וואַקסן קערנער. פאַרוואָס? איר געדענקט ניט, וואָס פּיאָטר לאווראָוויטש לאווראָוו האט אונדז געלערנט?..

— א רעוואָלוציע!—האט מען ווידער דערהערט א צעפּאַליעטן אויס־געשריי. מ׳האָט שוין קיינער ניט געלייגט קיין אכט, ווייל פונעם ראָיאַל איז ווידער געקומען א שטראָם טענער.

שפּעטער צו איז ארויס א דארער יונגערמאַן מיט א בלאַס אופּ־געריבן פּאָנעם, וואס אָט־אָט צערייסט זיך אף דעם די הויט, אזוי זעט עס אויס דורכזיכטיק־דין. ער האט געוואָלט עפּעס זאָגן. נאָך פריִער, בעשאַס אלע האבן גערעדט, האט ער געוואָלט ריידן, איצט האט ער זיך אָנגענומען מיט קויעך:

— סטודענטן, איר ווייסט וועגן די פּוילישע מיאטעזשניקעס, וועגן די פּוילישע רעוואָליוציאָנערן, א פאָלק קרעכצט אונטערן שטיוול, מע הענגט, מע ראבעוועט, מע שלאָגט, מע הארגעט, צי ווייסט איר עס?

זיין קאָל איז געווען צעשפּאָלטן־אופּגעריבן, און זיינע גרויסע אומעטיקע אויגן האבן קוים־קוים באַלויכטן די דורכזיכטיק־דינע הויט אף זיין פּאָנעם. די פאַרזאַמלטע האבן ניט געוווּסט, ווי צו רעאַגירן אף דעם פּלוצימדיק־ווייטיקדיקן מאָנאָלאָג. מ׳האט ניט אזוי מיטגעפילט דער צעבלוטיקטער פּוילן, ווי דעם רעדנער מיטן ביבלישן נאָמען יאָסעף.

— איך הייס יאָסעף שענסקי. מיין היים ברענט אין פייער!—האט ער ווייטער גערעדט. ער האט זיך באַלד איינגעטוליעט א מידער אין א ווייכן שטול.

ליבערמאַן איז צוגעגאנגען צו אים:

— קאָלעגא שענסקי, איר זיינט שוין לאַנג פון פּוילן?

— ניין, ניט לאַנג געקומען פון וואַרשע.

— וואס זיינט איר אזוי אופּגערעגט?

— מיין טאַטן האט מען אופּגעהאנגען,—שענסקי קוקט זיך פאַרדעכטיק אום—ס׳האט זיך אים איצטער עפּעס דערמאָנט—און איז אנטשוויגן געוואָרן.

ליבערמאַן האט ניט אראָפּגענומען די אויגן פון אים. ער האט אזוי דאַנקבאַר געקוקט אף אָט דעם סטודענט מיטן דורכזיכטיק־דינעם פּאָנעם, וואָס האָט אים דערמאָנט אין פּוילן, אין ווילנע.

— ס׳איז מיר שווער איבערטראָגן דעם פּעטערבורגער קלימאַט. איך בין ניט געוווינט... עס שטיקט מיך דאָ...—האָט שענסקי גערעדט.

ליבערמאַן האָט, שטייענדיק לעם יאָסעף שענסקין, געטראַכט וועגן א

גרויס העלדיש לעבן, וואס מע קאָן טראָגן דורך אלע יאָרן, ווי אַט יענע פוילישע מיאַטעזשניקעס, וואָס זײַנען אומגעקומען אף דער טליִע קעגן אופגייענדיקן טאָג.

יאָסעף שענסקי איז דער, וואָס טראָגט די ליידנשאפט פון יענע אומגעקומענע העלדן.

ווען ליבערמאן האָט זיך אוועקגעדרייט פון שענסקין, האָט ער דערזען לעם פענצטער א באקאנט פּאָנעם. ס׳האָט אים א בּרי געטאָן אין מויען, דאָס פּאָנעם איז ווי פארענדערט געוואָרן, אָבער ס׳איז דאָך דערזעלביקער צעלאָכעסדיק־פרעכער אויסזען, וואָס האָט זיך ליבערמאנען איינגעגעסן אף אייביק.

דער באקאנטער בויגט זיך אָן און שפּטשעט עפּעס א שאָכן אפן אויער.

ער מאכט מיט די הענט. אָט די הענט דערמאָנען ליבערמאנען זייער א טרויעריקן עפּיזאָד. די פינגער, וואָס צענעמען זיך אזוי קלעמענדיק־זשעדנע, דערמאָנען אין עפּעס:

האסמאן!

ווי קומט ער אהער?

אָבער ליבערמאן שטויסט זיך אינגיכן אָן:

ער איז א סטודענט פון יורידישן פאקולטעט אין פעטערבורגער אוניווערסיטעט, און געקומען צוזאמען מיט די איבעריקע אוניווערסיטאנטן אף דער „סכאָדקע“. מע זעט עס לויט דער אוניפאָרם.

נישט לאנג געטראכט, האָט ליבערמאן אָפּגעזוכט אלעקסאנדראָוון און אים דערציילט וועגן האסמאנס אופירן זיך אין ווילנער ראבינער־שול און וועגן זײַן רעדע באם דירעקטער אין קאבינעט.

— אָט, שענסקי—ווײַזט ליבערמאן—מעג צוגיין און אים געבן א פּאטש פאר זײַן דעמאָלטדיקן ריידן.

— שענסקי, הערסט...

אלעקסאנדראָוו האָט אָפּגעשטעלט ליבערמאנען:

— ווען איז דאָס געווען?

— ווען? פריִער מיט עטלעכע יאָר.

אלעקסאנדראָוו:

— האָט ער זיך איצטער מיסטאמע אויסגעניכטערט פון זײַן רעדע. א, סטודענט, עמעס זאָג איך, צי ניט?—אלעקסאנדראָוו האָט א רוף געטאָן דעם סטודענט באם פענצטער.

האסמאן האָט דערזען ליבערמאנען און זיך אביסל פארלוירן.

אלעקסאנדראָוו פרעגט:

— איר זײַנט באקאנט?

האסמאַן פרוווט זיך צווינגען צו שמייכלען און ענטפערט:

— יאָ, שוין פונלאנג.

און האסמאַן שטרעקט אויס זײַן האנט. ליבערמאַן באטראכט די אויסגעשטרעקטע האנט און דרייט מײַן קאָפּ:

— איך וויל דיך ניט קענען. דו פּאסט פאר יענעם פּראָפעסאָר פון כעמיע, וואָס האָט ארויסגעטריבן ראָזשקאָוון.

— וואָס ווילסטו פון מיר?

— ביסט א קאריערניסט! — האָט ליבערמאַן זיך געאײַלט פון אים אוועקגיין — ווי קומסטו אף דער סכאָדקע? עס וווּנדערט מיך.

האסמאַן האָט זיך שלעכט געפילט פאר אלעקסאנדראָוון. דערנאָך האָט ער גוטמוטיק געוואָלט פארזיכערן:

— ליבערמאַן איז שטענדיק געווען אן עקזאַלטירטע בריה, — א מאך געטאָן מיט דער האנט און צוריק אוועק צום פענצטער.

ליבערמאַן איז ארויס אין דרויסן אן אופגערעגטער פון דער באגעגעניש.

די צימערן האָבן אָנגעהויבן ליידיק צו ווערן. די אלטע פרוי, וואָס איז אלע מאָל ארײַנגעקומען פון איין צימער אין אנדערן, האָט פּאכדאָניש באגלייט יעדן אוועקגייענדיקן און אָפּגעאָטעמט, ווען די צימערן זײַנען פוסט געוואָרן. איינציקווײַז זײַנען די סטודענטן זיך צעגאנגען אף די אפדערגאכטיקע גאסן.

XXV

פון ווילנע האָט ליבערמאַן שוין עטלעכע מאָל באקומען ניט קיין פריילעכע בריוו: דער שווער ווערט א יורעד און ס'איז ניט פאר זײַנע פּלייצעס אף דער עלטער צו טראָגן אן אויסגעגעבענע טאָכטער מיט פיצלעך קינדער.

„וואָס־זשע וויל מען עס פון אים״? — האָט זיך ליבערמאַן ניט געקאָנט באפרײַען פון עם געדאנק, אז ער וועט דארפן ווארפן דאָס לערנען אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט און פארלאָזן פּעטערבורג.

ער איז הײַנט געווען אין ערמיטאזש, געזען די בילדער פון די האָלענדישע און פלאמאנדישע מײַסטערס.

שאָענלאנג איז ער געשטאנען לעם די בילדער. ס'האָט אים איבעראשט

די גרויסע מײַסטערשאַפט פון די מאָלער. בא זיך אין ווילנע, אין דער געגנט איז אים אמאָל אויסגעקומען צו זען בא א פּאָרעץ א בילד, א סקולפּטור, אָבער ער האָט דעמאָלט ניט געלייגט אף דעם קײַן אכט. כאָטש ס'האָט אים געוואָרעמט א געדאַנק, אז עפּשער, עפּשער וועט ער נאָך ערנסט זיך נעמען צו מאָלערײַ...

דאָ אין ערמיטאַזש האָט די מאָלערײַ־קונסט ווידער אופגעוועקט אין ליבערמאַנען דעם גרויסן פאַרלאַנג צו פאַרנעמען זיך מיט קונסט.

שטייענדיק לעם די בילדער, האָט ער געוואָלט פאַרגעסן אין די בריוו, וואָס ער באַקומט פון ווילנע.

„אז וואָס הענגט אים אף זײַן האַלדז א ווײַב מיט קינדער. עס שלעפּט אים אף צוריק צו די אויסגעקרימטע הײַזלעך אין דער אָרעמער ווילנע. עס טוט אף אים א ווייע מיט צופיל רויִקן לעבן, וואָס מע דאַרף צע־טרייסלען, אז עס זאָל אראָפּפאַלן דער אָנגעוואַקסענער שימל...

דאָ אין פּעטערבורג טוט זיך עפּעס...

ער וועט ניט פאָרן צוריק קײַן ווילנע, ביז ער וועט דאָ הי ניט דערזען די גרויסע וועלט.

געקומען אהיים, האָט ער געטראָפן פײַנשטיינען זיצן בא זײַן טיש, ארײַנקוקן אין די פּאַפּירן:

— ווייסט וועמען איך האָב דיר געבראַכט?—האָט פײַנשטיין אָנגע־שטרענגט אַלע קויכעס צו פאַראינטערעסירן ליבערמאַנען.

— איך ווייס ניט.

— א נו, טרעף אומיסטן...

ליבערמאַן איז, קענטיק, בייז געווען:

— מיניסטאַם א באַנקירער, וואָס וועט געבן קיצווע־געלט די אָרעמע יידישע סטודענטן.

פײַנשטיין האָט, ניט וואַרטנדיק אף אזא ענטפער, זיך אויסגעדרייט צו ליבערמאַנען מיט דער פּלייצע:

— א באַנקירער וועט צו דיר ניט קומען.

— דערפאַר ביסטו צו אים געקומען.

זעענדיק, אז ליבערמאַן איז ניט געשטימט צו שפּאַסן, האָט פײַנשטיין באַשלאָסן אים איבעראַשן מיט דעם פּלוצימדיקן גאַסט, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפע און געזאָגט מיט א טוידעסדיקן טאָן:

— גײַסטער פון יענער וועלט, אָרעמער פאָטער, באַווײַז דײַן גע־שטאַלט, וואָס די סאָנים האָבן אזוי אכזאָריעסדיק דערהאַרגעט,—און זיך

געטרייסלט אין א טראגישער פּאָזע. דערביי האט דאָס קאָסאָקע אויג אונטערגעוווּנקען, אז מע האט ניט געקאָנט וויסן, צי איז עס ערנסט, צי ער שפּאַסט.

ליבערמאן האט זיך געכידעשט, נישט פארשטאנען די געהויבענע שטימונג פיינשטיינס.

פון דער שאַפע איז ארויס קעלטער.

— צאליק, — האט זיך שטארק דערפרייט ליבערמאן, — אף מיין וואָרט, צאליק.

קעלטער האט געוויזן אף פיינשטיינען:

— איך בין ניט שולדיק אין דער קאָמעדיע. דאָס האט ער געוואָלט...

— ס'איז ניט קיין קאָמעדיע, ס'א טראגעדיע, — האָט פיינשטיין זיך ניט באַרויִקט.

ליבערמאן האט ארומגענומען קעלטערן:

— לאָמיך אף דיר א קוק טאָן.

און נאָך א פּויזע:

— געזונט, מעכיַיע, ביסט ווידער ברייט. אנו, דריי זיך אויס.

ליבערמאן זעט אויס קליין קעגן דעם ברייטפּלייציקן און פרישן קעלטערן.

— דערציייל, צאליק.

— וואָס דערציילן. איך פיל זיך געזונט. איך האָב דאָ באקאנטע. געטראָפן פיינשטיינען, און ער ווייסט, ווו די זוּינסט.

— יאָ, קאָלעגעס, — האָט פלוצים איבערגעשלאָגן ליבערמאן און געקוקט צו דער טיר, — איר זאָלט זיך ניט וווּנדערן, אויב סע וועט באלד אָנקומען א קורטיסטקע. ס'איז מיין גוטע באקענטע...

פיינשטיינס קאָסאָקע אויג האָט א שמייכל געטאָן:

— ווער ווונדערט זיך אף אזוינע זאכן, א מאָנאך סיידן.

די פריינט האָבן זיך אוועקגעזעצט צום טיש. פון א צווייטער העלפט שאפע, פונוואנען ס'האָט זיך ארויסגעשטעלט פריער מיט עטלעכע מינוט קעלטער, האָט ליבערמאן ארויסגעשלעפּט וווּרשט, ברויט און א נאָך ניט־געעפנט פלעשל וויין.

פיינשטיין האָט גענומען באקוקן דאָס פלעשל, מיט לאנגע פינגער געשארט איבער דער מארקע און מיט זיכערקייט געזאָגט:

— אָט דאָס פלעשעלע איז ניט אָנגעגרייט פאר אונדזעריקע וועגן.

ליבערמאן האָט אָפּגעשוויגן.

מ'האָט זיך גענומען צו דער וועטשערע, אָפּגעגעסן, געטרונקען. פיינשטיין האָט זיך געיילט און איז באלד אוועקגעגאנגען.

קעלטער האָט דערזען אפן טיש פאפירן מיט ליבערמאנס באקענטן פערלדיקן גלײַך־אויסיעסדיקן קסאוו.

— וואָס שרײַבסטו עס?

— א בריוו.

— צו וועמען?

ליבערמאן האָט ניט געוואָרט אף אזא פראגע.

— וואָס הייסט צו וועמען? — צו דער יוגנט.

— צו וועלכער יוגנט? — האָט זייער בײַסיק איבערגעשלאָגן קעלטער.

— צו דער יידישער.

— גלויבסט אין א יידישער יוגנט?

— אוודע, אָט די אלע בלאסע, אויסגעהונגערטע יעשיוועבאָכערים, וואָס וואלגערן זיך אין די יעשיוועס און „עסן טעג". זיי האָבן ניט וואָס צו לייענען. זיי פארשווענדן זייערע טעג אין קאבאָלע... מע דארף זיי אופקלערן.

קעלטער פרעגט:

— וואָס פאר א יעשיוועבאָכערים? וועמען גייען זיי אָן, אז ס'איז דאָ א גרויס רוסיש פאָלק איבער איירָאָפּע און אזיע. און עס ווערט מיר שרעקלעך, ווען איך דערמאָן זיך, אז אזוינע יונגעלײַט ווי דו טראַכטן בלויז וועגן די פּאָר טויזנט באנק־קוועטשערס, און די, וואָס ארבעטן בא דער ערד — ציילט מען אין מיליאָנען, טראכטסטו ניט וועגן זיי, נאָר וועגן די פּאָר הונדערט יעשיוועניקעס...

(ליבערמאן האָט א קלער געטאָן: אָט אָקאָרשט געזאָגט א פּאָר טויזנט, און שוין געוואָרן א פּאָר הונדערט).

— עך, דו, פעטערבורגער סטודענט, האָסט זיך נאָך דאָ גאָרניט אויס־געלערנט. נעם נאָך אביסל ווײַן און לאָז צורו דײַנע אויסגעדייוועטע יעשיוועבאָכערים...

ליבערמאן האָט זיך געקליבן עפּעס ענטפארן; ס'האָט זיך בא אים נאָך ניט אויסגעפורעמט אין קאָפּ, ווי אזוי אָפּשטעלן קעלטערס שטראָף־רייד.

— דו ווייסט, מײַן ליבער צאליק...

ער האָט ניט באוויזן צו ענדיקן, האָט זיך אף דער טיר באוויזן די קורסיסטקע, וואָס האָט זיך באקענט מיט ליבערמאנען אף דער „סכאָדקע". זי איז געבליבן שטיין, אפּאָנעם, ניט געוואָרט קיינעם כוץ ליבערמאנען צו באגעגענען.

— קומט ארײַן, — האָט זיך ליבערמאן דערפרייט און אינגאנצן זיך גע־ביטן — ס'איז מײַן פרײַנט. באקענט זיך. ער קומט ערשט ניט לאנג פון

א ווײַט אָרט.—א קוק געטאָן אַף לײדיקן פלעשל און זײער שולדיק פאַרגעזעצט:

— דעם ווײַן האָבן די זויפערס אויסגעטרונקען, אויסגעטרונקען ביזן דנאָ. אָט פּרעסערס, נאַשערס, שיקורים אַזױנע!

די קורסיסטקע אין קלײנעם פוטערנעם היטעלע האָט אַרויסגענומען אירע הענט פון א באַראַשקענער מופטע און, באַטראַכטנדיק דעם צימער, א זיפץ געטאָן:

— אַך, סטודענטיקלעך מײַנע טײַערע, איך וויל אַלצײנס ניט טרינקען.

קעלטער האָט זיך דערפילט שלעכט און געוואָלט אַוועקגײן.

ליבערמאַן לאָזט אים ניט:

— וואַרט אויס, גײ ניט אַוועק. ווען קומסטו ווידעראַמאָל?

— מאָרגן, איצט אײַל איך זיך אַלצײנס—און איז אַרויס...

ליבערמאַן איז געבליבן שטײן לעם דער טיר. די קורסיסטקע האָט זיך אַוועקגעזעצט צום טיש און גענומען בלעטערן א ביכל...

XXVI

שטאַרקע בײַסיקע פרעסט האָבן פאַרקלעמט די ריזיקע שטאָט.

אַמײנסטן זײַנען דאָ די קעלטן ראַשיקע מיט אַן עסעריקן ווינט, וואָס שמײַסט אין די מויערן.

ליבערמאַן האָט זיך צוגעוווינט צו די ביטערע קעלטן און זײ ניט געפילט. מעגלעך דערפאַר, ווײַל פון ווילנע איז אים אָנגעקומען דעם שוואַרס טולעפּ. די ערשטע צײַט האָט ער דעם טולעפּ ניט געוואָלט טראָגן. ער האָט זיך געקויפט א פלעד—א שאַל, וואָס איז געווען זײער פאַרשפרײט צווישן דער דעמאָלדיקער פעטערבורגער סטודענטשאַפט.

ווען ער איז געקומען אין טולעפּ אין דער סטודענטישער גאָרקיך, האָבן אים די סטודענטן צוערשט געהײסן שטעלן מאַשקע.

נאָר אין דער סטודענטישער גאָרקיך איז קײן מאַשקע ניט געווען. דער אָרעמער פיסנער וואָרמעס, וואָס קאָסט דאָ אײַנגאַנצן פון 17 ביז 25 קאָפּ., וואָלט אויפגעלעבט געוואָרן פון אַביסל מאַשקע.

אַרום ליבערמאַנען זײַנען געשטאַנען א גרופּע טעכנאָלאָגן און גע־פאָדערט: מאַשקע. דער ווילנער ראַוויניסט האָט ניט פײַנט געהאַט דעם טרונק, אָבער ווי נעמט מען אים, סײַדן פאַרבעטן צו זיך אַף דער קוואַרטיר—ווען די באַלעבאַטים ניט וועלן לײַדן, האָט ער זיך אויס־

געדרייט פון זיי מיט א טערעץ, אז ער האָט ניט קיין געלט. און די סטודענטן פון יענער גאָרקיך האָבן גוט געוווסט, וואָס עס הייסט אומ־גיין מיט ליידיקע קעשענעס—האָט מען צורו געלאָזט דעם אייגנטימער פון דעם גרויסארטיקן טולעפ אף פּיזעם.

שוין א פּאָר טעג, אז ער האָט זיך אָפּגערעדט טרעפן מיט קעלטערן בא דער גאָרקיך, און יענער קומט ניט. ווהין ווערט ער עס פארפאלן?

אז ליבערמאַן האָט אים היינט אויך ניט באגעגנט, איז אים שטארק קאָשע געוואָרן, און ער האָט זיך גענומען צום הארצן.

ווו קעלטער ווינט,—האָט ליבערמאַן ניט געוווסט. קעלטער האָט נאָך אין ווילנע ניט ליב געהאט מע זאָל אים איבעריקס פרעגן. באזונדערס, וואָס איז שייעך זיין פּערזענלעך־מאטעריעלן לעבן. דאָ אין פּעטערבורג האָט קעלטער פּאָשעט ניט געלאָזט עפּעס וויסן וועגן זיך.

— איך לעב, און טשעפּע זיך אָפּ,—פּלעגט ער ענטפערן.

— ווי לעבסטו און ווו ווינסטו?

— נישט אין „טאהאראס־האקוידעש“—שמייכלט ער.

— נאָר אויך נישט אין קיין קלויסטער—שטעלט ארײַן ליבערמאַן פּאָרז כטיק. און ליבערמאַן גייט ארויס ניטוויסנדיק.

פון זינט ס׳האָבן א זעץ געטאָן די גליווערדיקע פרעסט, האט קעל־טער גענומען ליידן פון קעלט. ער האָט זיך געקוטעט אין אן אלטן, אָפּגע־ריבענעם פּאלטאָ.

אין איינעם פון די אפּדערנאכטן, ווען ליבערמאַן איז געקומען אהיים, האָט ער געטראָפן קעלטערן לעם דער טיר. דאָס ערשטע, וואָס דער פארפאלן־געוואָרענער כאוור האָט געזאָגט, איז געווען:

— איך האָב פאר דיר א מאטאָנע.

ליבערמאַן האָט אפגיך געעפנט די טיר, אָנגעצונדן ליכט און גענו־מען באטראכטן דעם צונויפגעקאָרטשעטן גאסט.

קעלטער האָט ארויסגעשלעפט פון הינטער דער פּאָלע אן אייַנגעבונ־דענעם בוך:

— אָט דאָ איז פאראן הערצענס „קאָלאָקאָל“. האָסט עס נאָך קיין־מאָל ניט געלייענט?

ליבערמאַן האט שוין ניט איינמאָל געהערט וועגן אָט דעם פרייען רוסישן רעוואָליוציאָנערן טריבון, וואס האט דעמאסקירט די מיִעסקייט פון דעם מאָנארכיסטיש־ליַיבייגנטימערישן רוסלאנד, אָבער ער האָט עס ניט געזען און ניט געלייענט, האט ער זיך א וואָרף געטאָן צום איינ־געבונדענעם בוך.

— דו לאָזט עס מיר איבער?—האָט ער אין איין אָטעם געפרעגט.
— אף איין נאכט, ביז אינדערפרי,—דערקלערט גלייך קעלטער.
— איך גיי אָבער גאנצפרי אוועק אין אינסטיטוט.
— וועסטו איבערלאָזן דעם שליסל, און איכל דאָ אָפנעמען.
— מ'עט דיך ניט ארייַנלאָזן צו מיר אין צימער, די באַלעבאָטים מייַנע.
קעלטער האט געטראַכט א ווײַלע און באשטימט:
— וועסטו מאָרגן פארשפעטיקן אין אינסטיטוט, אָדער דורכלאָזן א טאָג. איך מוז עס צוריק אומקערן.
ליבערמאַן:
— איך דאַנק דיר, וואס דו האָסט מיך אינזינען, אָבער איך וויל איין זאך: בלײַב דאָ בא מיר נעכטיקן. וועסט זיך אָנוואַרעמען.
— ניין, ניין, איך מוז גיין.
— איז עפשער וועסטו נעמען מײַן טולעפ ביז אינדערפרי?
— מע דאַרף ניט.
— איך קאָן ניט געפינען די פאָרם פון א דאַנק,—קנייטשט זיך ליבערמאַן, און ער ווערט באלד זאכלעך:—הערצענס „קאָלאָקאָל” איז בא מיר אָנגעלייגט. אָבער זאָג, נעטשאַיעוו שטייט העכער פאר אים?
— יערונדא,— ווערט קעלטער ערנסט,— אף איין פוס איז שווער צו דערקלערן. איר מעגט שוין וויסן, הער סטודענט, אז נעטשאַיעוו איז א פוסטע קײַלע אין פארגלײַך מיט אזא דערהויבענעם רעוואָלוציאָנער, ווי אלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש הערצען. דו ווייסט, אז ער איז ערשט ניט לאַנג געשטאָרבן?
— ניין, איך ווייס ניט,—איז געבליבן ליבערמאַן געפלעפט.
— אָבער, וואס פאר א מעליצע ס'איז געווען אָפגעדרוקט אין „האַמייליץ” פאראַיאָרן אין הײַנטיקס יאָר, ווייסטו?— האט זיך קעלטער א צי געטאָן פון זײַן קורצן מאַלבעש און אויסגעזען ווי גרעסער און ערנסטער.
ליבערמאַנען האט זייער פארדראָסן דעם כאַוועריס לעצטע פראַזע, ער האט אָבער מוירע געהאט עפעס צו דערווידערן, ווײַל קעלטער קאָן נאָך בארויגעז ווערן. ער וועט צונעמען דעם געבראַכטן בוך און אוועקגיין אף א שטיק צײַט אָן א זײַ־געזונט. ער האט אים אָנגענומען ווייך פאר א לאַץ, אוועקגעזעצט קעגן דעם שוואך־ברענענדיקן ליכט:
— זיץ, זיץ, קעלטער, און היץ זיך ניט. זאָג, דו ווייסט, אז דער

„האמיליך" איז וויכטיק פאר אונדז. שוין עטלעכע מאָל ווילסטו מיר דערוויַיזן, אז מיר דארפן ניט אַקערן אונדזערע פעלדער. עס פאר־דריסט מיך אף דיר. איך האָב פארטראכט אָנשרייַבן א ראָמאן וועגן אזאַ יידישן אינטעליגענט ווי דו, וואס קאָן דינען בלויז פרעמדע אָפגע־טער און פארגעסן אין אייגענעם גאָט!— ליבערמאַן האָט זייער הייס און מיט טעמפעראַמענט אויסגעשריגן די לעצטע פראזע.

קעלטער ענטפערט גאָרניט, ער הייבט זיך אוף און זאָגט גלייַכגילטיק:

— גיב אהער דעם בוך.

— פארוואָס איז?—פארשטייט ניט ליבערמאַן.

— אז א מענטש קאָן ריידן מיט אזאַ שפראַך, מעג ער לייענען בלויז די ביבל.

נישט ווארטנדיק אף אזאַ פלוצימדיקן שאַרפן ארויסטריט קעלטערס, האט זיך ליבערמאַן גענומען פארענטפערן. זייַנע שטענדיק־שארפע באַ־וועגונגען זייַנען טעמפער און צוריקגעהאלטענער געוואָרן.

— ס'איז בעדערעך־מאָשל געזאָגט וועגן פרעמדע אָפגעטער און וועגן אן אייגענעם גאָט — און נאָך א פויזע אפגיך צוגעגעבן, גלייַך ער וואָלט געפונען דאס טייַערע נייטיקע וואָרט.—מיר דארפן א שטיקל איי־גענעם „קאָלאָקאָל"—פארשטייסט מיך?

— אן אייגענעם קייסער דאַרפסטו נאָך ניט?—איז ארויסלאכעריש בייַ קעלטער.

— כויזעק מאַכן קאָן איך אויך,— איז ליבערמאַן געוואָרן רויִקער,— כויזעק מאכן...

די כאווירים האבן זיך צעשיידט הייסע פון זייער אַלטער קריג, וואָס דויערט נאָך פון ווילנער ראבינער־שול, ווען ס'איז פאר ביידן ניט קלאָר געווען פיל פראגעס, וואס פלאָנטערן נאָך איצטער אָפט די יונגע און ניט אינגאנצן אויסגעפורעמטע געדאנקען.

קעלטער איז אוועק אינדערנאַכט, אין פעטערבורגער שטארקן פראָסט, און ליבערמאַן איז געבליבן מיט הערצענס „קאָלאָקאָל", וואס ער האָט אלעמאָל ארונטערגערוקט אונטער דער קישן, ווען ער האט דערהערט א נישט־היימלעכן וויַיטן רויש בא זייַנע באלעבאטים פון יענער זייַט וואַנט.

דאָס ליבט האט זיך געלאָשן פון דער געדיכטער וואָרעמקייט אין צי־מער. ס'איז דאָ נישט געווען צו דערקענען, אז אינדרויסן איז א מע־סוקן־ברענענדיקע קעלט.

XXVII

ליבערמאן איז געווען איבעראשט, ווען איינמאָל, קומענדיק מיט אלעקסאנדראָוון אין א קרייַז, האָט ער דאָרטן באגעגנט קעלטערן.

דער געוועזענער ווילנער ראוויניסט האָט זיך שווייַגנדיק אוועקגעזעצט אין א ווינקל און זיך צוגעהערט צו די שמועסן. ס'איז אים נאָך קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו זען קעלטערן אזא הייסן. ס'איז דאָרטן געגאנגען א קריג וועגן דעם, אז מ'איז אייַנזאם, אז מיט דעם, וואָס מע וועט אופקלערן איינצלנע מענטשן, וועט ווייניק וואָס ארויסקומען.

קעלטער האָט זיך געוואָלט דערשלאָגן בא די מיטגלידער פון קרייַז, אז יעדערער פון זיי זאָל זיך פארבינדן מיט די ארבעטער פון די פעטערבורגער פאבריקן. ער האָט דערציילט וועגן זייַן באקאנטשאפט מיט איינעם א סטודענט זשדאנאָוו, וועמעס ברודער עס פארמאָגט א כעמישן זאוואָד, ווו מע קאָן עפעס אופטאָן צווישן די ארבעטער. מע דארף עס אויסנוצן צוליב פראָפאָגאנדע.

אלעקסאנדראָוו האָט געהאלטן, אז די אופגאבע פון זייער קרייַז באשטייט בלויז אין דעם, וואָס מע דארף זיך זעלבסטבילדן; דעריבער איז נייטיק קריגן און אליין ארויסגעבן ביליקע ביכער, באשטאטן מיט זיי די סטודענטישע ביבליאָטעקן אין פעטערבורג און אין דער פראָווינץ. אָבער פארדרייען זיך איצט דעם קאָפ מיט בילדן אָפגעשטאנענע ארבעטער—איז אן אומעגלעכע זאך, ס'איז דערווייַל א טרוים. בא קעלטערן איז דאָס פאָנעם געווען צעפלאמט. ליבערמאנען האָט זיך געדאכט, אז קעלטער האָט זיך אינגאנצן אויסגעהיילט פון זייַן ווילנער קרענק. דאָס צעפלאמטקייט אף זייַן פאָנעם איז געווען פון שטארקייט און פון פרישקייט.

— כאָטש איך בין ערשט ניט לאנג אין אייַער קרייַז,—האָט קעלטער געטייַנעט—דאָך פיל איך, אז פארנעמען זיך בלויז מיט זעלבסטבילדונג צווישן דער אינטעליגענץ, הייסט פארציִען אונדזער ארבעט אף לאנגע צענדליקער און עפשער הונדערטער יאָרן! מע דארף האָבן די, וואָס ארבעטן, וואס שאפן דאָס גוטס אין לעבן, דאָס פאָלק, די פויערים אין דאָרף און די פויערים דאָ הי, וואָס ארבעטן אף די זאוואָדן. לאָמיר זיך אלע אוועקלאָזן אין די דערפער, און דאָרטן פארבלייַבן ביז אונדזערע פויערים וועלן אופגעקלערט ווערן. און דאָ אין שטאָט זייַנען דאָך אויך דיזעלביקע פויערים, אָבער זיי ארבעטן אף די פאבריקן, דארפן מיר צו זיי גיין. בלויז פון לייענען און ארויסגעבן ביכלעך וועלן מיר אונדזער זאך ניט רוקן פאָרויס.

אפּאָנעם, דידאָזיקע ווערטער זײַנען געווען א דרייסטע נײַס אין אלעקסאנדראָווס קרײַז, ווײַל קיינער האָט ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן אפּ דעם. א צוויי־דרײַ סטודענטן האָבן געפּרווּוט אונטערהאלטן קעל־טערן, אָבער די איבעריקע זײַנען געווען קאלט און גלײַכגילטיק צו דעם נײַס.

— עס וועט זיך ניט אײַנגעבן. בעסער א גוטן בוך פאר אופקלערן.

קעלטער האָט פארן אוועקגיין געזאָגט צו אלעקסאנדראָוון:

— זעסט אָט דעם ראבינטשוק—געוויזן אף ליבערמאנען—מיט אים טײַנע איך אויך. ער מיינט, אז זײַנע יעשיבאָטניקעס וועלן מאכן ליכ־טיקער דאָס לעבן. ער האָט א טאָעס,—און קעלטער האָט גענומען דער־קלערן אלעקסאנדראָוון וועגן די יעשיבאָטניקעס.

אלעקסאנדראָוו האָט מיט גרויס כידעש געקוקט אף ליבערמאנען און געפרעגט:

— Не те, которые хасидами будут?

ליבערמאן האָט זיך צעשמייכלט:

— נישט די, אָבער ס'א אינטעליגענץ, וואָס דארף טראָגן ליכט אין פאָלק. ס'איז מיר שווער דיר צו דערקלערן.

בא ליבערמאנען איז געוואָרן א טרויעריק פּאָנעם:

— ס'איז מיר דיר שווער צו דערקלערן. קעלטער לאכט פון מיר. ער זאָגט, אז ניט זיי, ניט דידאָזיקע אינטעליגענץ, איז וויכטיק.

— אז ס'איז ניט קײַן אינטעליגענץ!—שלאָגט איבער קעלטער—ס'איז טרוקענע שטרוי, וואָס צינדט זיך אָן באם ערשטן בליץ, און בלײַבט ניט.

אלעקסאנדראָוון האָט, ווײַזט אויס, ניט איבעריק פארכאפּט דער שמועס וועגן די יעשיבאָטניקעס און זיך אָפּגעקערעוועט אָן א זײַט.

ליבערמאנען האָט פארדראָסן דער גלײַכגילט אלעקסאנדראָווס. ער האָט זיך דערמאנט אין זײַן ווײַטער ווילנע, אין דער גרויסער פאר־גליווערטער אָפּגעשטאנענקייט פונעם לעבן אין די יידישע שטעט. אָט דאָ, אין סאנקט־פּעטערבורג גרייטן זיך גרויסע געשעענישן. וועלכע—ווייסט ער נאָך אליין אויך ניט. דער גלאנץ פון דער רײַכער גרויסער צאָפן־שטאָט איז א פארעטערישער. עפּעס באהאלט ער אין זיך אויס אזויפיל סוידעסדיקס. ס'איז אים אפילע נאָך שווער צו באנעמען קעלטערס פאר־לאנגען. דערי בער איז ער לײַכט אײַנגעגאנגען אף קעלטערס פאָרשלאג גיין מיט אים אין די ארבעטער־טײַ־הײַזער אין וויבאָרגער און פעטער־בורגער רײַאָנען.

און טאקע דעם צווייטן טאָג זײַנען זיי אוועק אין וויבאָרגער רײַאָן.

א נעפּלדיק־גראָוועע ארום האָט דאָ געשראָקן מיט זײַן פּוסטקייט אין פארגלײַך מיט די רוסישע גאסן אין צענטער פון שטאָט, און די קליינע הײַזלעך האָבן אָפּט דערמאנט ליבערמאנען די ווײַטע ווילנער היים. די אײַנוווינער, וואָס זיי האָבן באגעגנט אין די געסלעך, זײַנען געווען מעשונעדיק־אָרעם אָנגעטאָן.

פון די פענצטער האָבן די ברענענדיקע לאָמפּן אויסגעזעען, ווי בילמעס. ס'איז געווען גליטשיק, א קליין שנייעלע האָט זיך געראנגלט מיט א ווינט, ס'האט געוואָלט בלײַבן אף איין אָרט, אָבער דער ווינט האט עס געקערט און געטריבן אין די ריוון. זייער זעלטן טראָגט זיך דורך א פאעטאָן מיט א פארבלאָנדזשעטן פאסאזשיר. דער אויסזען פון דעם פאסאזשיר פאסט גאָרניט אהער צו דער פּוסטקײַט און צו דער אָרעמקײַט פון דעם פייסאזש. אָט איז פארבײַגעגאנגען א מענטש, וואָס האט זיך קוים־קוים געהאַלטן אף די פיס. עפּעס האָט ער געבורטשעט און זיך געשאָלטן. ער איז פריִער מיט א מינוט ארויסגעגאנגען פון דעם טיי־הויז, ווו א פארביסענע שײַן פון א לאָמפּ טוקט זיך אין דער אָנגערויכערטער לופט.

ליבערמאן האָט זיך דערמאנט, ווי פריִער מיט עטלעכע יאָר האָט ער געפירט קעלטערן צו דעם ווילנער יידישן שנײַדער. ער געדענקט גוט זײַן כאוועריס כידעשן זיך: „וואָס ווילסטו מיר באווײַזן”. ער האָט אויך געוואָלט וויסן, וואָס וויל אים קעלטער דערווײַזן. די מענטשן, די רוסישע פאבריק־ארבעטער זײַנען פאר אים פרעמדע ברויִם, ער קאָן זיי ניט, ס'איז פויערים, עס זײַנען דיזעלביקע פויערים פונעם דאָרף, וועמען די ערד האָט ניט געקאָנט פארהאָדעווען, זײַנען זיי אנטלאָפן אהער און געוואָרן טאָקערס, שלאָסערס, ציגל־טרעגער, שווארץ־ארבעטער.

טאקע קעלטער אליין האָט נעכטן וועגן דעם געזאָגט.

אין ווילנע, אין קאָוונע, אין מאָהיליעוו גייט אויס פון הונגער דאָס יידישע פאָלק, די שנײַדערס, די שוסטערס, די וואסערפירערס. זיי שיקערן אויך, ווי דאָ אין פעטערבורג די אָרעמקייט. זיי וואלגערן זיך אויך אין צעבראָכענע הײַזער. דאָרטן אין ווילנע אף דער שײַנער גאס וווינט דער גוויר רעב מוישע בראָצקי, דער וואלד־הענדלער; דאָ אין פעטערבורג, אין די אריסטאָקראטישע הײַזער לעבן א מעשוגענעם זאטן טאָג די באנקירערס זאק.

אָט דאָס, ווײַזט אויס, וויל אים טאקע קעלטער באווײַזן. ס'איז איין וועלט. ס'איז איין אומרעכט.—ווילנער אָרעמקייט און די סאנק־פעטערבורגער פאבריק־ארבעטער.

די כאַווײרים זײַנען געגאַנגען שווײַגנדיק. קעלטער האָט זיך אײַנ־געהויקערט אין פּאַלטאָ און אַלע ווײַלע אָפּגעטרייסלט דעם שניי פֿונעם קאָלנער.

בײַ אַ גאַניקל, ווו ס'איז געהאַנגען אַ שילד מיט צעפּלאָנטערטע אויסיעס, זײַנען געשטאַנען עטלעכע מענטשן. זיי האָבן זיך געקליבן אַוועקגיין. קעלטער האָט דערקענט אײנעם און געבעטן זיך אומקערן אין טיי־הויז.

— אַז די הערן סטודענטן בעטן,—האָט זיך אײנער אַ פּולגופּיקער געווענדט צו די איבעריקע.

אינעווייניק אין הויז איז געווען אָנגערויכערט. אויף טישלעך זײַנען געשטאַנען גרויסע טשײַניקעס מיט קליינע טשײַניקלעך אַרופֿגעזעצט. אַ געדיכטער דאַמף האָט געזעצט פֿון זיי. ערגעץ אין דער טיף פֿונעם ברייטן אומריינעם צימער האָט זיך געפּאָרעט אַ ברייטע באַלעבאָסטע מיט אַ פּילקאָלירנדיק טיכל דעם קאָפּ פֿאַרבונדן. לעם איר איז געשטאַ־נען אַ מעסוקן־גרויסער סאַמאָוואַר, וואָס האָט אָן אויפֿהער געבורטשעט. די באַלעבאָסטע האָט אַלע ווײַלע אַרויסגענומען פֿון ערגעץ אַ שטיוול, אים אַרופֿגעשטעלט אויפֿן קאָפּ פֿונעם סאַמאָוואַר און מיט אים געבלאָזן און געמונטערט דעם סאַמאָוואַר. פֿונונטן אויפֿן דיל איז אַרום סאַמאָוואַר געווען ליכטיק, גלײַך עס זאָל דאָרטן ברענען אַ לאָמפּ. די מענטשן בײַ די טישלעך האָבן מיט קוטיקלעכע האַנטעכער געווישט דעם שווייס פֿון די פּענעמער און גערופֿן דאָס מיידל, וואָס האָט צעטראָגן זידנדיקע טשײַניקעס:

— דיעווקאַ, אין מיר האָסטו פֿאַרגעסן?

— מאַלאַניאַ, עס דאַרשט מיך.

שווײַגנדיק איז די שמייכלענדיקע מאַלאַניאַ אומגעלאָפֿן, צוגענומען דעם ליידיקן און אַוועקגעשטעלט אַ פֿולן טשײַניק. זי האָט עס געטאָן מיט אַזאַ פֿלײַס, גלײַך קיין בעסערע און קיין שענערע אַרבעט האָט זי זיך אין איר יונג לעבן ניט פֿאָרגעשטעלט.

— נו, הערן סטודענטן,—האָט, טרינקענדיק טיי, געפֿרעגט אײנער אין אַרבעטער, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ צעטריפּעטן לאַסטעקענעם פּידזשאַק. דאָס היטל איז בײַ אים געווען אָנגערוקט ביז די אויערן. די האָר אונטערגעהאַקט אין אַ האַלב־קרײַז.

ליבערמאַן האָט אַזוינע פּויערישע פּענעמער געזען אויף בילדער.

קעלטער האָט זיך געווענדט צום אַרבעטער:

— האָסט זיך שוין אויסגעלערנט לייענען?

— נאָך ניט, העָר סטודענט. איך האָב א שטיקל אומגליק. כ'האָב באַקומען א יעדיע פונדערהיים. דאָס עלטערע יינגל איז געשטאָרבן. דאָס ווייב מיינס אליין וועט זיך ניט קאָנען אופּאָרן אין שטוב, וועל איך מוזן אהיים פאָרן.

— וויַיט פונדאנען ווינט איר?

— אין פּסקאָווער גובערניע.

די איבעריקע האָבן מיט באדויערונג געקוקט אפן פּסקאָווער פּויער און מיט כידעש באטראכט ביידע סטודענטן.

— כ'האָב געמיינט, זיך עפּעס אָנקלייבן דאָ, ברענגען א מאטאָנע אהיים, אייסעך וואס! דיעווקא, עס דאַרשט מיך! — און דער פּסקאָווער האָט געבעטן נאָך טיי.

א יונגער בלאָנדער באָכער האָט זיך פּלוצים געווענדט צו קעלטערן:

— ווי מיינסטו, א, אז איכל פאָרן קיין טולע אפן זאוואָד, וועט מיר זיין בעסער, ס'איז נאָענטער צו דער היים. וואָס וועל איך גיין שלעפּן אהער קיין פּיטער דאָס ווייב! אין טולע, זאָגט מען, איז גרינגער...

— אלציינס... — האָט עמעצער געזאָגט...

אין א ווינקל האָט איינער א זעץ געטאָן מיט א פלאש, וואָס האָט זיך צעשפּריצט אף שטיקלעך. דער פּסקאָווער האָט זיך אופגעהויבן פונעם אָרט און איז צו צום שיקער, וואָס האָט געשריגן:

— דאָליא מאָיא, פּראָפּאדי דושא, וואָדקו דאוויי!

דער צימער האָט זיך אָנגעפּולט מיט מעשונעדיקע קוילעס, וואָס האָבן געלעכערט דעם אויער. ער האָט זיך אויסגעריסן פון דעם פּסקאָווערס הענט און, א רויטער, א דערצאָרנטער, האָט ער אראָפּגעשלעפּט פון זיך דעם פּידזשאַק און מיט אים גענומען פאָכרן איבערן צימער.

— מאלאניא! — האָט זיך דערהערט דער באלעבאָסטעס קאָל — נעם צונויף די טשייניקעס. דיעווקא, ווו ביסטו?

מאלאניא איז געשטאנען א פארלוירענע און געקוקט אף דעם געראנגל פון דעם פּסקאָווער מיט דעם שיקער. זי האָט מוירע געהאט צוגיין צום טישל, ווו עס זיינען געשטאנען די קיילים.

— האָב ראכמאָנעס, — האָט זי זיך גענומען בעטן באם שיקער, — האָב ראכמאָנעס אף מיר. די באלעבאָסטע וועט פון מיר אָפּרעכענען...

דער שיקער האָט זיך אף א ווײַלע אָפּגעשטעלט, ווילד א שמייכל געטאָן צום מיידל, זי אפּילע א קניפּ געטאָן אין דער בליענדיקער באק:

— דיעווקא...

און זיך צוריק אוועקגעזעצט א מידער און אן אָפּהענטיקער. אינג כן

האָט זיך אין צימער דערהערט א שווער כראָפּען. מיטן שווערן קאָפּ אפן טיש איז געלעגן אָנגעלייגט דער מענטש און פונעם שלאָף געבורטשעט:

— דאַליא מאַיא...

אין דרויסן האָט זיך צעשפּילט די זאווערוכע. ס'האָט געשמיסן אין די שויבן מיט שטיקער שניי און מיט קרעכצנדיקן ווינט.

פיל פון די באזוכער האָבן זיך ארומגעשטעלט ארום סאמאָוואר, וואָס האָט פריילעך געזאָטן. אפן דיל איז פון די אונטערשטע לעכלעך געפאלן א גרויסע שײַן און באַלויכטן דעם ארום. ס'האָט זיך געדאכט, אז מע זיצט ארום א ברענענדיקן שײַטער. קעלטער האָט שטילער־הייט גערעדט צו עטלעכע ארבעטער:

— איר דארפט זיך לערנען. איך וועל אײַך לערנען, מײַנע כאווירים וועלן אײַך העלפן. א ביטער לעבן איז אײַערס. מיר וועלן צוזאמען עפּעס אופטאָן. איר ווייסט, ווער ס'איז שולדיק אין אײַער נויט?

מ'האָט געשוויגן.

פלוצים האָט איינער זיך אָנגערופן:

— די סטודענטן לעבט זיך גוט.

קעלטער איז באַ זיך ניט אראָפּגעפאלן:

— ניט אלע סטודענטן לעבט זיך אלציינס. ניט אלע פויערים לעבט זיך אלציינס. אײַך לעבט זיך שלעכט...

די זאווערוכע האָט ניט אופגעהערט. ס'איז געווען שפּעטער אָוונט. די באלעבאָסטע האָט זיך ערגעץ פארקליבן אין א קליין אלקערל און אײַנגעשלאָפן. מאלאניא האָט געראָמט די קיילים פון די טישן. בא איין טיש האָט געכראָפּעט דער ארבעטער, וואָס האָט פריִער געשריגן. ס'איז געוואָרן שווער און שטארק מעלאָסנע אפן הארצן, ווען מע האָט זיך אײַנגעהערט צום כראָפּען און צום פײַפן פון דער זאווערוכע פון יענער זײַט פענצטער.

שפּעט אינאָוונט איז מען ארויס פונעם טיי־הויז.

ס'איז געווען פינצטער, די אויגן אויסצושטעכן.

ליבערמאן האָט זיך אָנגעהאלטן אין קעלטערן. מ'איז לאנג געגאנגען, ביז מ'איז געקומען אין צענטער פון שטאָט, ווו העלע לאמטערנס האָבן זיך געוואָרגן מיט דער פינצטערניש און אײַנזאם געהיט די פארשלאָפענע גאַסן.

א לאמטערן—ווי אן אויג אף דער גאַס.

אין די בודקעס האָבן געפרוירן די גאָראָדאָוואָיעס און פון צײַט צו צײַט אַרויסגעקוקט אין די פארשנייטע גאַסן.

ליבערמאנען איז נאָכגעגאנגען דער ביטערער געשריי פון דעם ארבעטער:

— דאָליא מאָיא גאָרקאיא.

ער האָט אויך ניט געקאָנט פערגעסן די טײַנע: „די סטודענטן לעבט זיך גוט”.

ווי קעלטער קאָן עס צוגיין צו דידאָזיקע פּאָשעטע מענטשן,—האָט געטראכט דער געוועזענער ווילנער ראוויניסט.

— קטאָ טאם?—האָט זיך דערהערט א קאָל, און פון דער בודקע האָט זיך ארויסגעשטעקט א קאָפּ.

דער קאָפּ האָט דערזעען די סטודענטן און זיך בארויִקט. דער ווינט האָט געשאַרט דעם שניי צו די שטארקע מויערן. ס'איז געווען שפּעט באנאכט.

ווידער אין ווילנע

XXVIII

אין א מיטן ווינטער, אין אָנהויב פֿון די זיבעציקער יאָרן, זײַנען די ווילנער כאָשעווע קאָהעל־פּירער אין א שײנעם אפּדערנאכט פּלוצים ארויסגערופֿן געוואָרן צום דעמאָלטדיקן גענעראל־גובערנאטער פּאָטאפּאָוו.

דער שעליעך פֿונעם גענעראלס קאנצעליאריע, א לאנגוואָנציקער זשאנדארם, איז מיט א האלב־שולדיקער און האלב־אזעסדיקער מינע געגאנגען צו די באלעבאטים און זיי געמאָלדן אָפּיציעל:

— זײַן עקסעלענץ, דער גענעראל־גובערנאטער פֿונעם קאנט, האָט אײַך עקסטרע געשיקט רופֿן.

דער באלעבאָס האָט דערשטוינט און דערשראָקן ניט באוויזן אפילע צו באטראכטן דעם שעליעך, ארופֿגעכאפּט אף זיך דעם ווארעמען טולעפּ און זיך גלײַך געלאָזט צו דער טיר.

— מע דארף טאקע שוין גײן? — האָט ער, שוין שטײענדיק אין טיר, זיך דערמאָנט צו פֿרעגן באַם שעליעך.

— טאק טאָטשנאָ! — האָט אָפּגעקלונגען דער זשאנדארם.

דער באלעבאָס האָט נאָך זיך אפּגיך פֿארמאכט די טיר, אף וועלכער ס'איז געבליבן הענגען א פֿארווונדערט־דערשראָקענער בליק פֿונעם ווײַב.

דער זשאנדארם, וואָס איז שוין געווען בא עטלעכע באלעבאטים, איז געווינט געווען צו באגעגענען א שנעלן צוזאָג באלד צו קומען, גרײט שוין צו גײן. אָבער אין אײן הויז, בא א כאָשעוון לאנגבארעמענדיקן ייִדן מיט א לענגלעך אָפּגעצויגן פּאָנעם, איז דער שעליעך געפּלעפֿט געוואָרן פֿונעם ענטפֿער:

— וואָס איז עפּעס אײַער גענעראַל אָנגעקומען אינמיטן פרײַטיקצונאַכט?

דער רוס האָט, ניט וואַרטנדיק אף דער פראַגע, נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן.

— נו, מעגלעך דערפאַר, ווײַל ייִדן זײַנען אין דעם אפדערנאַכט פרײַער ווי אַן אנדערס מאָל,—האָט זיך אײַנגעשטעלט דער זשאַנדאַרם צוצוטרעפן מיטן ענטפער.

— אזוי, פײַן,—האט דער ייִד געדרייט מיטן קאָפּ—נו, גוט, זאָג, אז איכל אביסל שפּעטער קומען...

באַם זשאַנדארם האָט זיך, ווי געוווינט, די האנט א צי געטאָן צום דאשעק:

— פערעדאם.

און ער האט שארף זיך אויסגעדרייט אף זײַנע זשאַנדארמיש־שווערע אָפּצאסן און זיך געלאָזט צו דער טיר.

באַם גענעראַל־גובערנאַטער אין פעדערצימער האבן שוין געוואַרט: רעב מאטעסיאָהו שטראשון, שמועל פעסקין, דער ווילנער מאגיד, און נאָך עטלעכע כאָשעווע מענטשן.

ס׳איז געווען פאר צען אזייגער אפדערנאַכט.

שוין עטלעכע מאָל האבן די געקומענע געסט אויסגעהערט דער קוקוס קוויטש, וואס האָט אַלע פופצן מינוט אויסגערופן די שאָ. אין פעדערצימער איז געווען וואַרעם.

די ייִדן האבן ניט אופגעהערט צו קוקן צו דער טיר, וואָס האָט גע־פירט אין גענעראַלס קאַבינעט, ניט אופגעהערט צו קוקן צו דעם שוימער, וועלכער איז געשטאנען פארגליווערט לעם דער קאַבינעט־טיר.

דער ווילנער מאגיד—א ייִד מיט צוויי אָנגעבראקנעטע אויגן, מיט א פליישיקער נאָז, האט נאָך באלד ווי ער איז געקומען ארויסגעזאָגט א סוואָרע:

— ס׳איז עפּעס א גזיירע, פּאָלגט מיך.

וואס מער זיי האבן געוואַרט, אלץ נעענטער איז צו זייערע הערצער געוואָרן דעם מאגידס האשאָרע.

בלויז דער שווערלײַביקער מאטעסיאָהו שטראשון האָט מיט א היי־זעריקלעכער שטים אָפּגעטריבן דידאָזיקע האשאָרע:

— גייט שוין, גייט, שוין לאַנג שטיל געווען.

און שפּעטער אביסל דערמאָנט שעפּטשענדיק:

— ניקאָלײַ דעם ערשטנס צײַטן וועלן זיך שוין ניט אומקערן.

— ווער ווייסט,—האט שמועל פעסקין זיך מער פון אלע געהיצט,— ווער ווייסט, ייִדן,—און אליין טרייסטנדיק צוגעגעבן—גאָט ווייסט.

ערשט נאָך צען אזייגער האָט זיך אין גענעראלס פעדער־צימער אריינגעשטעלט דער לאַנגגבּרעמענדיקער ייִד, דער כאַקרען, דער קלוגער, דורכגעטריבענער יענקעלע באַריט. אף זײַן שווערן טולעפ זײַנען צעגאַנגען קליינע שטערנדלעך שניי, וואס האבן געגלאַנצט אף דער שײַן.

— אז רעב יענקל גייט, איז א סימען, מירן דאָ לאַנג ניט ווארטן, — האָט שמועל פּעסקין געזאָגט.

רעב יענקל האָט א גלעט געטאָן די באָרד, בייז א קוק געטאָן אף פּעסקינען און געענטפערט:

— אויב איר זאָגט עס אומיסטן, איז... מע...

פּעסקין שלאָגט איבער:

— ניין, איך מיין עס טאַקע... בעפּיירעש...

רעב יענקל לאָזט אים ניט ענדיקן:

— אָ, ווי באלד אזוי, בין איך אײַך אָרעוו. איך בין טאַקע ניט קײַן נאָווי, נאָר מירן מיט גאָטס הילף נאָך אביסעלע צוואַרטן.

דער אוילעם איז ניט געווען צופרידן פון רעב יענקעלס נעווִיִעס־זאָגן. רעב יענקל באַריט האט אראָפּגעוואָרפן דעם טולעפ, זיך אוועק־געזעצט און פארענדיקט:

— איך קאָן זיי שוין גוט, די לײַט...

ווען ס'איז אוועק נאָך עטלעכע מינוט און די טיר פון דעם גע־נעראלס קאַבינעט האָט זיך ניט געעפנט, האָט זיך ווידער דערהערט דעם מאגידס קרעכץ:

— נאָר א גזיירע.

— אויב א גזיירע, וואָלט ער ניט געלאָזט ווארטן.

— ווײַל אזוי, — האָט עמעצער צוגעגעבן.

פונקט האַלב עלף אזייגער, ווען די קוקו האט די שאָ ארויס־געשריגן אף איר קוויטשיקן לאָשן, איז פונעם גענעראַלס קאַבינעט ארויסגעקומען א זשאנדארם — דער פריִערדיקער שעלִיעך, און גע־מאָלדן:

— זײַן עקסעלענץ.

די גערופענע האָבן א ציטער געטאָן און זיך אופגעהויבן פון די בענקלעך.

אפגיך איז ארויסגעגאנגען א נידעריקער, פעסט־געבויטער מיליטער־מאן מיט א גלאַט־ראזירט פּאָנעם.

— זדראסטוויט־יע, גאָספּאָדא! —

און דער גענעראַל האט זיך לײַכט א נויג געטאָן.

די ייִדן זײַנען געבליבן שטיין פארגליווערט אין א האלבן קרײַז לעם די בענקלעך.

דער גענעראל האָט הערשעריש א פיר געטאָן מיט זײַנע דורכ־דרינגלעכע וואסעריקע אויגן איבער די ייִדן, גלײַך ער האט זיי געציילט, און געפרעגט:

— אלע זײַנען געקומען?

דער זשאנדארם—דער שאָליעך, האט זיך אײַנגעקוקט אין אלעמענס פּנעמער, געזוכט עמעצן. און אז ער האט געפונען מיטן בליק רעב יענקעלע באריט, האט ער געענטפערט:

— אלע, אײַער עקסעלענץ.

— גוט.

און נאָך א קליינינקער פּויזע:

— איר ווייסט, גאָספּאָדא, וואָס איך האָב אײַך גערופן?

בא אייניקע פון די ייִדן האָבן געציטערט די קני, א שווייס איז זיי ארויסגעטראָטן אף די נעזער.

— ניין, מיר ווייסן ניט,—זײַנען די געקומענע געווען אומגעדולדיק.

דער גענעראל האט ווי אומיסטן אויסגעוואַרט, די מוסקולן אף זײַן גלאַט־אויסגעראזירט פּאָנעם באוועגן זיך רויִק:

— ביז אהער האָבן מיר געמיינט, אז ייִדן זײַנען בלויז שווינדלערס, איצטער ווייסן מיר שוין, אז איר זײַנט אויך ניהיליסטן.

— וואס?—קוקן זיך איבער די ייִדן—וואָס זײַנען מיר?.. ניהיליסטן?..

דער גענעראלווארט אויס. זײַנע וואסערדיקע שטרענגע אויגן לאָזן אף קײַן רעגע ניט אָפּ די אופגעקאָכטע ייִדן:

— אויב ניט איר, זײַנען עס אײַערע קינדער. איר דערציט זיי שלעכט, זיי וואקסן בא אײַך מיאטעזשניקעס.

דער זשאנדארם—דער שעליעך, גלעט די לאנגע וואָנצעס און שאָקלט מיטן קאָפּ.

— איר קענט אזא ייִדן פּינקלשטיין, אוועל, אוועל פּינקלשטיין. ער טיילט פאנאנדער שעדלעכע ביכער די שילער פון אײַער ראבינער־שול. מירן ארעסטירן אסאך יונגעלײַט, ארעסטירן, ארויסשיקן, ארײַנוואַרפן אין טורמע. וואָס זאָגט איר דערויף?

די גערופענע האָבן אָפּגעאָטעמט, באזונדערס דער ווילנער מאגיד, וואָס האָט פארשטאנען, אז מיט קײַן גזיירע שמעקט דאָ שוין ניט. „מיט אונדזערע יונגעלײַט וועלן מיר דורכקומען”—האָט ער א טראכט געטאָן.

— איז וואָס זאָגט איר דערוף?—איז דעם גענעראַלס קאָל געוואָרן שטרענגער און בייזער—איר שווייַגט?

דעמאָלט האָט זיך דערנעענטערט צום גענעראַל רעב יענקעלע באַריט. ער האָט פאַרשפּיליעט דעם סורדוט אַף אַלע קנעפּ און געגלעט די באָרד, גלייַך ער גרייט זיך אָפּטאָן אַ הייליקע, פאָרכטיקע אַרבעט:

— הער גענעראַל, אַנטשולדיקט. די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס קאָלזמאַן מיר האָבן דערצויגן די קינדער, זייַנען זיי בא אונדז קייַן גיהיליסטן ניט געווען, אָבער ווי נאָר איר האָט גענומען אין אייַערע הענט די דערציִונג פֿון אונדזערע קינדער, זייַנען זיי געוואָרן אויס־געלאַסן, —רעב יענקעלע האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, שוין געהאַט צוריק אָפּגעשפּיליעט אַלע קנעפּלעך פֿונעם סורדוט, געזוכט מיט די אויגן, וואָס ווילן עס עפּעס זאָגן די איבעריקע גערופענע. אַפּאָנעם, אַלע זייַנען באַפרידיקט מיט רעב יענקעלעס ענטפֿער. איין מאַטעסיאָהו שטראַשון איז געווען אָנגעבלאָזן, קענטיק, ניט צופֿרידן.

און דער גענעראַל־גובערנאַטער?

ער האָט געמאַכט עטלעכע טריט פֿאָרויס, זיך גוט אייַנגעקוקט אין יענקעלע באַריט:

— אַזוי מיינט איר, גאָספּאָדאַ?.. מיר ווילן פֿון זיי אַרויסשלאָגן די קראַמאָלע. איך בין זייער צופֿרידן צו הערן אייַער מיינונג, זייער צופֿרידן...

מאַטעסיאָהו שטראַשון האָט פֿאָרגעלייגט, אַז דער מאַגיד זאָל צונויפֿ־שטעלן אַ קויל־קורע און אים איבערלייענען אין אַלע באָטעמעדראָשים וועגן דעם, אַז... „יעדערער, וואָס ווייסט וועגן די פֿאַרברעכערישע פֿאַר־שפּרייטער פֿון די אומווירדיקע און מעטורעפֿע ביכלעך, מוז מוידיע זייַן דעם קאָהעל און דער מאַכט“.

באַם גענעראַל האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל אַפֿן פּאָנעם און ער האָט פֿאַרן אַוועקגיין פֿונעם פֿעדער־צימער צו זיך אין קאַבינעט יעדערן באַ־זונדער דערלאַנגט די האַנט.

די קוקו איז אַרויסגעשפּרונגען פֿונעם זייגער און געגעבן צו וויסן די צייַט. ס'איז געווען שפּעט.

דער זשאַנדאַרם האָט אַרויסגעלאָזט די גערופֿענע מיט מערער אָפּשייַ, ווי מ'האָט זיי אַהער אַרייַנגעלאָזט.

XXIX

דער געוועזענער ראַווינִיסט אַבאַ פֿינקלשטיין האָט זיך געגרייט אָפּ־צופֿאָרן מיטן עטאַפּ קייַן סוואַלק. אַ הויכער בלאָנדין מיט שטילע אויגן,

וואָס פאַרמאָגן א קאָליר פון שוין ניט איינמאָל איבערגעטליַעטן אש. באוועגוּנגען גיכע און קורצע. ער שטייט און וואַרפט איבער זיַין ביסל ביכער, באַטראַכט יעדן בוך, צי איז ער אים נייטיק, צי ניט.

עס קומט אים צו די הענט דער לערן־פּלאַן פונעם 1־טן קורס פונעם פּעטערבורגער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. שוין לאַנג, נאָך אין ראַבינער־שול, האָט ער געטרוימט וועגן אַריַינגטרעטן אַהין. דעם געדאַנק האָט אים אופגעגעבן אַרן ליבערמאַן.

נעמען עס, צי ניט?—און ער באַשטימט עס אַריַינלייגן און מיטנעמען. די פּאָליציי וועט דאָך אים ניט פאַרבאָטן צו לייענען.

ליבערמאַן איז אָנגעקומען:

— פּאָרסטו אין דער שטאָט, ווו איך בין געווען א מעלאַמעד?—זאָגט ליבערמאַן.

— איך פאָר, מע הייסט פאָרן.—פינקלשטיין גייט צו צום פענצטער, קוקט אַרויס אינדרויסן:

— הער, אַרן, ס׳איז געפערלעך דו זאָלסט דאָ בליַיבן. עס קאָנען יעדע רעגע אָנקומען מיַינע שוימרים.

— נו, איז וואָס?

— נישט קעדיַי מע זאָל דיך דאָ טרעפן בא מיר.

ליבערמאַן האָט דאַפקע געוואָלט אַוועקגיין, וויַיל זיך וואַרפן אָן אַי־בעריק מאָל אין די אויגן די „היטערס פון דער אָרדענונג” איז ניט קעדיַי. ער האָט אָבער געוואָלט מיט פינקלשטיינען פאַרברענגען אביסל ציַיט, איידער מע שיקט אים אַרויס אין סוּוואַלקער גובערניע.

— איז אָט, ליבערמאַן, די ליטעראַטור, וואָס געפינט זיך אָף די הענט בא די ראַוויניסטן, נעמסטו איבער, און א לעצטן מאָל שריַיב אָן אַנאַ מיכײַלאָוונע עפּשטיין, ווו עס געפינען זיך די ביכער. א שאָד, זיי זאָלן פאַרפאַלן גיין. אַסאַך האָט צוגענומען די פּאָליציי. יענע זיַינען פאַרלאָרן.

— קלאָר,—שטעלט אַריַין ליבערמאַן,—באַזונדער טוט מיר באַנק הער־צענס „קאָלאָקאָל”—איך האָב אים צוגענומען בא מיַינעם א גוטן כאַווער. און סאָקאָלאָווס „אָטשעפּענצעס” טוט מיר באַנק.

פינקלשטיין האָט אָן אופהער געפּאַקעוועט גרעט, זאַכן, קליַיניקיַיטן. די אַשקאָלירענע אויגן זיַינען אָפּט אופגעלויכטן, ווען די כאַווײרים האָבן זיך דערמאָנט, וואָס פאַרא ביכער עס זיַינען געבליבן ליגן ניט גערירט בא דעם אָדער יענעם ראַוויניסט.

— מיַין ביבליאָטעק איז צעקלאַפּט און צעזייט, ווי א צעטריבענע אַרמיי—זע, נעמט זי דאָ צונויף. ס׳איז געווער. עס וועט נאָכאַמאָל שיסן

בא ליבערמאנען איז געבוירן געוואָרן אפן אָרט א געדאנק — דאָס־דאָזיקע געווער צונויפקלײַבן שטילינקערהייט, זאָל אפילע גערדויערן וואָכן, כאדאָשים, איינמאָל פאר אלעמאָל דארף מען צונויפזאמלען די צעשלײַדערטע און די פאראנענע ביכער. ווען ער האָט זיך שוין געלאָזט אוועקגיין, איז אָנגעקומען א זשאנדארם. פינקלשטיין באמערקט אפגיך:

— כ'האָב דיר געזאָגט זאָלסט אוועקגיין.

ליבערמאן האָט ארײַנגעטאָן די הענט אין די קעשענעס און געבליבן שטיין.

פינקלשטיין האָט געפרעגט, מיט וואָס האָט ער די זכיע צו זען בא זיך ווידעראמאָל א פאָרשטייער פון דער מאכט.

דער זשאנדארם האט א גלעט געטאָן די וואָנצעס און געמאָלדן, אז שוין דאַרף מען פאָרן. אזא באפעל איז דאָ פונעם גענעראלס קאנצעליאריע.

פינקלשטיין האָט גאָרנישט נישט איבערגעפרעגט, ער האט גענומען גיכער צונויפקלײַבן זײַנע זאַכן און א ווונק געטאָן צו ליבערמאנען:

— דו זעסט, נישט אומזיסט האָב איך דיך גערופן העלפן, כ'האב געוווסט, אז מ'האָט מיך אינזינען — און זיך צעשריגן אפן כאַוואַ: — א שיינער כאווער, פארלייגט די הענט אין די קעשענעס און העלפט ניט.

ליבערמאן האט זיך אויסגעטאָן און זיך גענומען פאַרען אין שאַפע. דער זשאַנדאַרם באטראַכט דעם כאווער:

— ער איז ניט קיין אבאָנענט אין אײַער ביבליאָטעק? — ווײַזט דער זשאנדאַרם אף ליבערמאנען.

— ווער? — מאַכט זיך פינקלשטיין ניטוויסנדיק.

— ער? — טוט א נויג דער זשאנדארם דעם גאנצן קערפער אין ליבערמאַנס זײַט.

— ניין.

ליבערמאן האט זיך גאָרניט אָנגערופן.

אין א האלבער שאָ ארום איז אין נאָרוואָס צוגעפאלענעם ווינטערדיקן אפדערגאכט ארויס פינקלשטיין מיט צוויי שווערע טשעמאָדאנעס. נאָך אים — ליבערמאַן מיט נאָך איינעם, אין דער באגלייטונג פון א זשאנדארם.

— גלײַך צום וואָקזאל? — האט געפרעגט פינקלשטיין.

— ניין, צוערשט וועלן מיר א קוק טאָן אף אײַער פארמעגן און דערנאָך וועלן מיר זען.

מ'איז צוגעגאנגען צום פאָליציי־צירקל.

פינקלשטיין האָט אוועקגעשטעלט די טשעמאָדאנעס, זיך אויסגעדרייט צו ליבערמאנען:

— אלעס בעסטע. פון סוואַלק וועל איך אָנשרייבן.

ליבערמאן האט דערפילט א וואַרעמען דריק אין דער האנט.

ער האט לאנג נאָכגעקוקט דעם דרייסטן „ביבליאָטעקער" צווישן די ווילנער ראוויניסטן.

פינקלשטיין און זיין באגלייטער פארשווינדן אין די הויכע פענצטער פונעם ווילנער פאָליציי־צירקל.

פארבייגייער האָבן סקריפענדיק געהילכט איבער די פארפרוירענע גאסן און דערציילט איינער דעם צווייטן וועגן דעם קויל־קוירע, וואָס דער מאַגיד האט היינט דורכגעלייענט.

XXX

ליבערמאן איז דעמאָלט געזעסן איבער א צייכענונג, וואָס ער האט געגרייט פאר א גוטבאזיצער פון דער געגנט; עטלעכע מאָל האט ער געבעטן ראָכלען לייגן דאס קלענערע קינד שלאָפן, ווייל ארבעטן איז אומעגלעך. דאס קינד שרייט, עס פלאָנטערט זיך פאר די פיס, און ווילנדיק ניטווילנדיק ציט עס אָפּ די אופמערקזאַמקייט.

דער לאָמפּ האָט העל געברענט, דער אָפּשיין פונעם פייער האט פריילעך געטאנצט אין ליבערמאנס אויגן. ער האט עטלעכע מאָל אויסגעטאָן און אָנגעטאָן די ברילן, זייער שאַרף געזשמורעט די אויגן, ארויסגעדרייט און אריינגעדרייט דעם קנויט אין לאָמפּ. דאס קינד האט זיך איין מאָל א קוליע געטאָן צום טאטנס פיס און שיר ניט איבערגעקערט דעם לאָמפּ, ווייל דער טיש האט זיך א וואקל געטאָן. ס'האט זיך איבערגעקערט דער טינטער און אביסל פארגאָסן די פרישע, נאָך ניט פארענדיקטע צייכענונג. בא ליבערמאנען טוען זיך א צי צונויף די ברעמען:

— ראָכל, עטלעכע מאָל האב איך געבעטן האלטן דאס קינד לעם זיך.

ראָכל האט זיך געמאַכט ניטוויסנדיק. זי האט געמערעזשעט א זאָק. ליבערמאן ווענדט זיך ווידער צו איר וועגן קינד.

אירע געדאנקען זיינען פארטאָן אין דער ציכטיק־קונציקער מערעזשקע, זי הערט ניט.

ארן פארציט דעם רויך פון דעם שטארקן ציגאר, וואס ער רויכערט

אָן אופהער, פֿאַרהוסט זיך. ער קוקט זיך אום צום ווײַב, וואָס הערט ניט; עס דאַכט זיך אים אויס, זי וויל דאָס קינד ניט צונעמען.

— ראָכל — איז איבערן צימער געפֿאַלן א בייז קול.

דאָס ווײַב האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ.

— לייג אוועק דײַן זאַך.

— וואָס איז?

— הערסט ניט, וואָס איך בעט?

— וואָס איז דער מער מיט דיר?

— דאָס קינד נעם צו.

זי האָט ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס וויל פֿון איר דער באַרויגעזער און די לעצטע צײַט פֿאַרטראַכטער מאַן, און געענטפֿערט סתם:

— ס׳טוט דיר שלעכטס דאָס קינד? — און ווידער ארײַנגעטאָן די אויגן אין דער מערעזשקע, וואָס איז שוין געלעגן צעשפּרייט, ווי א ליכטיקער פֿלעק, איבערן אַלטן אָפּגעבליאַקעוועטן זאַק.

— ביסט א ייִדענע!

דאָס ווײַבל האָט פֿאַרכידעשט אופגעהויבן די אויגן. דאָס פּאָנעם איז געווען באַשאָטנט מיט רויגע:

— וואָס ווילסטו פֿון מיר די לעצטע צײַט? — און זי האָט זיך צעוויינט.

דאָס קליינע קינד האָט אויף א רעגע אָפּגעשטעלט דאָס קוליען זיך און מיט די הענטלעך געבליבן פֿאַרטשעפּעט אין טאַטנס בענקל.

דאָס ווײַב האָט געוויינט.

אפֿן געווייַן איז פֿונעם שכײַנעסדיקן צימער ארײַנגעקומען די אַלטע מוטער, וואָס האָט ניט געגלויבט די אויערן אירע, צוריק אוועק צו זיך און, אפּאָנעם, דאָרט באַטראַכט וואָס צו זאָגן. זי איז באַלד ווידער ארײַן מיט א שמייכל, אָבער גאָר א גיפֿטיקן שטראָף־וואָרט.

— טאָכטערוניו, איך זאָג דיר שטענדיק, אז דו האַלטסט אים ניט אין די הענט. א מאַן דאַרף וויסן, אז א ווײַב איז א ווײַב, און דו גיסט אים נאָך. ער דרייט זיך מיט דער רועך ווייסט וואָס פֿאַרא געשעפֿטן, מיט „טײַנע“ ביכלעך, מיט... אוי, ווען מוישע זאָל לעבן. אויף די עלטערע יאָרן זיצן בײַ דיר.

ליבערמאַן האָט געשוויגן.

ראָכל האָט שטילערהייט געווישט די טרערן.

— וואָס שווײַגט ער? — האָט די שוויגער געוויזן אויף ליבערמאַנען — אַרן, ביסט...

ס׳האָט זיך געעפֿנט די טיר און ס׳איז ארײַן א פֿרוי:

— ארקאדי ליבערמאַן ווױנט דאָ?

— דאָס בין איך, — לייגט ליבערמאַן אוועק די צייכענונג־פעדער.

די פרוי האָט זיך ארומגעקוקט.

ראָכל האָט אויסגעווישט די אויגן. דאָס קינד איז צוגעגאַנגען צו דער מוטער, זי אָנגענומען באַם קליידל און ניט אָפּגעלאָזט. קוקנדיק אויפן גאַסט, האָט די שוויגער מיט אן אופגערייצטער מינע געגעבן אָנצו־הערעניש:

— אָט האָסטו דיר... — און איז אוועק צו זיך.

ליבערמאַן האָט געבעטן די אַרײַנגעקומענע זיצן, אָפּגערוקט פאַרזיכ־טיק די צייכענונג פון טיש און געוואַרט.

די געקומענע האָט ארויסגענומען א בריוו:

— איך הייס אַנאַ, אַנאַ מיכײַלאָוונע עפּשטיין. כ'האָב א בריוו פון קעלטערן.

— אָך, פון קעלטערן!

בא ליבערמאַנען איז דער באַרויגעזער קנייטש פון צווישן די ברע־מען ניט געבליבן:

— וואָס טוט ער?

— אָט לייענט.

זייער זשעדנע לויפט ער דורך דעם בריוו.

אינמיטן דעם לייענען:

„שיקט ביכער — ליבערמאַן קוקט זיך אום אף די שטוביקע — ...ווידער געלעגן קראַנק", „א טשודאַק", „מײַן געלט באַקומען", „גוט, זייער גוט".

געענדיקט, לייגט ער דעם בריוו אוועק אפן טיש און ווענדט זיך צופרידן צום גאַסט:

— וווהין זײַנט איר פאַרפאָרן?

זי בויגט זיך אָן:

— צו זונדעלעוויטשן. איר האָט ניט געהערט אַזאַ נאָמען?

— איז ער טאַקע א קאָנספּיראַטער...

— געהערט, וואָרט, אַזא שילער איז געווען... אין ראַבינער שול...

— יאָ, יאָ, דאַכט זיך — זײַנען בא דער פרוי פריילעכער געוואָרן די אויגן, זי האָט אויסגעטאָן דאָס אויבערשט, עס אוועקגעלייגט אפן ווענטל פונעם בענקל, געזאָגט:

— איר האָט געהערט פון אים? אָבער קענען קענט איר אים ניט. ער איז א גוטער קאָנספּיראַטער?

ליבערמאַנען איז געווען שווער צו ענטפערן.

— זאָגט מיר, ווי זעט ער אויס?

— איך ווייס אליין ניט.

— איר זאָגט דאָך, אז איר זייַנט פארפאָרן צו אים?

— איר פארשטייט, אים אליין האָב איך ניט געזען, נאָר די קוואַר־טיר האָט ער מיר רעקאָמענדירט.

ליבערמאן האָט זיך געכידעשט, געקנייטשט אָן אופהער מיט די אקסלען, צעגומען מיט די הענט און אָן א שיר מאָל געזאָגט:

— א מעשוגענע קאָנספיראציע, א מעשוגענע.

אנא מיכייַלאָוונע עפשטיין איז צוגעגאנגען נעענטער צו ליבערמאנען און הארציק געזאָגט:

— וואָס וווּנדערט איר זיך? מע דארף זייַן פאָרזיכטיק.

וועגן פאָרזיכטיקייַט האָט ליבערמאן, עפשער, געקאָנט דערציילן זייער אסאך, אָבער וועגן אזא אויסערגעוויינלעכער פאָרזיכטיקייַט איז אים קיינמאָל ניט אייַנגעפאלן. דאָ אין ווילנע קען ער ניט אין פאָנעם דעם געהיימען און פארבאהאלטענעם זונדעלעוויטשן, וועגן וועמען ער האָט, אגעוו, שוין געהערט צווישן זייַנע באקענטע.

— איז אָט, וויל איך זען די (ער קוקט זיך אום, זייַן וויַיב הערט זיך איַין אָנגעשטרענגט, דאָס קליינע יינגעלע איז צוגעטשעפעט מיט דער האנט צו איר קליידל), איך וויל זען די... ליטעראטור, און זיך באקענען מיט זונדעלעוויטשן.

— מאָרגן,—האָט אנא מיכייַלאָוונע אפגיך געענטפערט.

— ווו?

— איר ווייסט ניט דאָס אָרט?

— ניין.

— אין שענק, הינטער „זארעטשיע".

— ווייס איך דאָך גוט...

— וואָס־זשע זאָגט איר, אז איר ווייסט ניט.

ליבערמאנען האָט זיך גענומען אויסווייַזן, אז עפעס וווּנדערלעכס טוט זיך מיט אים. ער האָט אפילע גענומען כוישעד זייַן די שיינע געקומענע פרוי אין באזונדערע געדאנקען. ער האָט זיך אָבער באלד באַרויִקט, ווייַל ער האָט פלוצים דערפילט אין דער האנט קעלטערס בריוו.

— יאָ, מאָרגן.

אנא מיכייַלאָוונע איז ארויס.

אין צימער איז געוועזן שטיל. ליבערמאן האָט ווידער דערזען דאָס אָנגעבאַרויִגעטע און פארוויינטע וויַיב זייַנס מיטן פארמערעזשעטן זאָק

אין דער האַנט, ביידע קינדער לעם איר. אין דער טיר שטעקט זיך אַרײַן דער שוויגערס קאָפּ אין אַן אָפּדערנאַכטיק־ווײַסן טשיפּעק, וואָס מע טוט אָן פאַרן שלאָפֿן גיין.

ראָכל האָט זיך אָפּגעטשעפּעט פון די קינדער, צוגעגאַנגען צום מאַנסטיש, גענומען דעם בריוו אין דער האַנט:

— אַרן, וואָס איז פאַר אַ בריוו?

דער מאַן שווײַגט.

און נאָך אַ פּויזע, מיט אַ טיף־בעטנדיקער שטים:

— אַרן, פון וועמען איז דער בריוו?

— פון קעלטערן.

— פון דעם, וואָס דו האָסט דעמאָלט באַגלייט צום וואָקזאַל?

— יאָ.

— וואָס שרײַבט ער?

— גאָרניט.

— פאָרט?—איז די שטים טיפער, האַרציקער.

— ער איז ווידער קראַנק. אַז דו ווילסט, לייען איבער.

דאָס ווײַב שלאָגט זיך אַ רעגע מיט דער דייע. צום סאָף:

— איך גלויב דיר, וואָס דאַרף איך לייענען.

XXXI

באַ כײַע־סאָרען אין שענקל, וואָס הינטער „זאַרעטשיע", גייען די געשעפטן גוט פאַר די לעצטע פאָר יאָר. הינטער דער הילצערנער גראַטע איז צוגעקומען נאָך אַ בופעט מיט אַ שפּיגל אין אַ מיטלסטן שאַפֿקעלע. ס׳האָט אַפילו געערגערט די באַלעבאָסטע, ווײַל זי האָט אָפטער געקאָנט זען אירע היפּשע בראָדיווקעלעך אַפן פּאָנעם. עטלעכע מאָל אין טאָג האָט זי ווי ניטווילנדיק געפּרוּווט פאַרשמירן מיט אַ פײַכטער שמאַטע דעם גלאַנצנדיקן שפּיגל אין מיטלסטן שאַפֿקעלע, ווײַל ס׳קוקט פונדאָרטן אַנטקעגן איר ברייטבייניק נימעס געשטאַלט.

אַז נאָכמען דערזעט, ווי דאָס ווײַב רײַבט מיט אַ פײַכטער שמאַטע דעם נײַעם שפּיגל, ציט ער אויס זײַנע פלײשיקע ליפּן, וואָס סטאַרטשען אַרויס פון באָרד און וואָנצעס:

— כײַע־סאָרע, מאַכסט אַ טעל פונעם נײַעם שטיקל מעבל.

דאָס ווײַב קערעוועט אויס די באַרויגעזע אַקסלען און טוט אַ טרייסל מיט איר פולן קערפּער:

— פארוואָס האט דיך, נאכמענציו, די כאָליערע ניט גענומען איידער דו האָסט מיך צוגערעדט צו דעם בופעט.

נאָכמען איז שוין געווינט צום ווײַבס רויגעז.

— לייען בעסער די גאזעט,—דערהערט ער ווײַטער, ווי דאס ווײַב באַרויִקט זיך ניט—און קוק מיר ניט אויף מײַן פּאָנעם.

נאכמען פאָלגט זי בעפּיירעשׂ. ער לייענט בעסער א פרישע צײַטונג. ער מוז איר אָבער אָפּענטפערן:

— איך האָב דיר צוגערעדט, דאָס האט דאָך דיר נאראיעט זאלמען, וואס ברענגט דיר דראָשעגעשאַנק...

כײַע־סאָרע טוט א פלוצימדיק־בייזן קוק אָפּן מאַן.

ער הערט אוף, ווײַל ער געדענקט, אז דער גרויסער פאַלומעסיק מיט פּעטשאַ שטייט זייער נאָענט צו אירע הענט...

פּאַרנאַכט איז פלוצים ארײַנגעקומען זאַלמען און זיך אוועקגעזעצט אויף זײַן שטענדיק אָרט אין ווינקל.

— פּעטשאַ!—איז אָנגעפולט געוואָרן דער צימער מיט זײַן קאָל.

— אָך, רעב זאלמען,—דערזעט די באַלעבאָסטע.

— יאָ, רעב זאלמען, ער האט הײַנט קיין צײַט ניט, רעב זאלמען.

— וואָס־זשע?

— פאראן ארבעט.

נאכמען האָט אים צוגעטראָגן דאס באַליבטע מײַכל, אוועקגעשטעלט אביסל מאשקע. זאלמען האט מיטן פארוואקסן אויג ניט אופגעהערט צו קוקן אף דער מאַשקע:

— וואָס דערלאַנגט איר, וואָס?

— ווישניאק,—קומט נאכמענס קאַלטער ענטפער.

— דערלאַנגט הײַנט עפּעס שטאַרקערס.

— וואָס איז פאַר א יאָנטעוו?—וויל וויסן דער באַלעבאָס.

— דערלאַנג! וואס איז דײַן אייסעק?—שרײַט שווער די באַלעבאָסטע פון יענער זײַט הילצערנער גראַטע.—קומט אהער, רעב זאלמען, נעמט אייך וויפל איר ווילט. ס'איז זײַן אייסעק?

זאלמען האט גענומען די מאַשקע, אָנגעגאָסן א פול קעלישעקל מיט בראָנפן, פאריסן דעם קאָפּ און איבערגעקערט אין גאָרגל ארײַן—א פארוואקסענער געלהאָריקער האלדז.

— קומט אהער, רעב נאכמען, וועל איך אײַך זאָגן.

— רעב זאלמען!— שרײַט פון יענער זײַט גראטע כײַע־סאָרע — פארטרויט אים ניט קיין סוידעס, ער איז א פלוידערזאַק.

נאכמענען האט עס אָנגעצונדן, עס האט אים אזש גענומען וואַרגן, די הענט האבן אים אָנגעהויבן ציטערן:

— איך בין א פּלוידערזאק?

— ווער דען, איך? ס'איז דו האָסט אמאָל שיר ניט אומגליקלעך געמאכט דעם ראבינטשוק, אָט דעם אגענט, דעם טעכניק פון דער אגענטסטוואָ—איך ווייס, וואָס ער טוט דאָרטן, אָט דערזעלביקער, וואס קומט צו אונדז אָפט.

— איז וואָס, האָב איך אים געטאָן שלעכטס? — באַרויִקט זיך ניט נאַכמען.

— האָסט שיר ניט געטאָן, ווען ניט איך...— איז שטרענג און האַרב דאס ווײַב.

זאַלמען טוט א קלאַפּ אין טיש (ער האט שוין געהאט גענומען א קאפּעלע):

— שטיל זאָל זײַן, זאָג איך, זאַלמען, וואס די גאנצע וועלט קאָן אים, וואָס פּירט די פּאָטשטע פון ווילנע קיין קאָוונע. איר ווייסט, ווו איך בין געוועז,—בויגט אָן אײַערע אויערלעך,—אין פּרײַסן. פונדאָרט קום איך!— א קורצע גראָבע האַנט האָט זיך אופגעהויבן און געוויזן אינדרויסן ארויס—אָט פונוואַנען איך קום. דער מאן מיטן ווײַב האבן פארגאַפּט נאָכגעקוקט זאַלמענס האנט, וואָס האָט זיך אופגעהויבן און אראָפּגעלאָזט. אף זייערע פּנעמער האָט א ציקאווע נײַגעריק פײַערל געשפּילט און זיך איבערגעגאָסן אין פיל קאָלירן אין די אויגן. וואָס איז אזוינס פּרײַסן ווייסט איר?—האט זאלמען וווּליונגעריש פארענדיקט און פארזופּט מיט אביסל מאשקע.

אוועקגעשטעלט דעם ליידיקן קעלישאָק און דערציילט ווײַטער:

— איר האט געקענט פינקלשטיינען, אַבען, וואָס איז דאָ געוועזן א סטודענט? האט מען אים ארויסגעשיקט קיין סווואלק. איז ער זיך מע־יאשעוו, דער באָכער, און שפּרינגט אריבער אהינצו. שא־א—איר מיינט, ווער קאָן דאָס שטיקל ארבעט אויספירן?—זאלמענקע. איצטער איז ער אין קעניגסבערג. א פײַנע שטאָט, אײַ, א מעדינע, אײַ, א דאַטש, אײַ, אײַ, אײַ. איז ער דאָרטן א גאנצער יאַטעדאַם—זאלמען טוט א הילכיקן קנאַק מיט די פינגער און א ווונק מיטן פארוואקסענעם אויג — ער לייענט, לייענט אָן א שיר, מער פון אײַך, רעב נאכמען.

דער באַלעבאָס טוט זיך א קערעווע אָפּ, גלײַך ער וויל זאָגן: מער פון מיר. ווי קאָן עס זײַן?

— יאָ, יאָ, מערער פון אײַך, און... איך,— זאַלמען טוט זיך א וויש מיט דער האנט דעם שטערן. ער דערמאָנט זיך, אז וועגן אזוינע

זאַגן טאָר מען ניט ריידן קיין איבעריקס, — און דאָרטן איז ער שוין איינגיכן א דאָקטער... א דאָקטער, אוואדע.

ס'איז עטלעכע מינוט שטיל געווען.

מער איז אין שענק קיינער ניט געווען.

דערנאָך האט זאלמען ווידער א זאָג געטאָן:

— איך קען זיך שוין מיט דער גאנצער סטראזשע, איך גיי מיר פראנק און פריי. איך בין די כאמאָזשנע. פאַרן קייסער וועט מען אזוי ברייט ניט עפענען די טויערן — און ער צענעמט דערביי די פאָלעס פון זיין טוד־לעק, וויַיזט, ווי ברייט מע צענעמט פאַר אים די טויערן.

— ס'איז דען דאָרט פאראן טויערן? — פרעגט כייע־סאָרע.

— ניין, סע רעדט זיך אזוי, — איז זאלמענס שטים ווייכער געוואָרן — דער פינקלשטיין איז א געלערנטער. ער שיקט איבער אהער ביכער. פרעגט ניט, פרעגט ניט...

די אלטע לייט האָבן זיך ניט אופגעהערט צו כידעשן. זאַלמען האָט פארטייַעט זיך ארומגעקוקט און צוגעלייגט די פינגער צו די ליפן. — שאַ!.. שאַ!..

ס'האָט זיך פלוצים אריינגעשטעלט א יונגערמאַן מיט ניט קיין איבע־ריק רירעוודיקן קערפער. אין זיינע ליפן האָט געשטעקט א ציבעק, פונוואנען ס'האט זיך פאמעלעך געשנירלט דער רויך.

די באלעבאטים האָבן אים דערקענט. ער קומט אריין אָפט, ווען זאל־מען איז דאָ, זעצט זיך אמאָל צו צו זאלמענס טישל. איצט פארשטייען זיי טייקעף, אז דער פאַרשוין איז געקומען צום קאָנטראבאנדיסט.

מע האָט דערזען: א גאנץ שיין פּאָנעם, א שטרענגס, א פארטייַעטס, איז געווען באברעמט מיט א שיטערלעכער טונקעלער באָרד. מיט דעם ציבעק האָט ער געהאט אן אויסזען פון א הויכגעשטעלטן טשינאָווניק, וואָס איז דאָ אין שענק גאָר א זעלטענער גאַסט.

זאלמען האָט א געשריי געטאָן צו יענער זייט גראטע:

— כייע־סאָרע, דערלאנגט א יאָנטעוודיק מייכל.

נאכמען איז אפגיך אונטערגעקומען צו כייע־סאָרען, איבערגענומען א פרישן פּאָלומעסיק און דערלאנגט.

אין עטלעכע מינוט ארום האָט זיך דעם אריינגעקומענעמס פיגור איבערגעבויגן צו זאַלמענען איבערן טישל.

די באלעבאטים האָבן פארשטאנען, אז איצטער דערציילט זאַלמען דעם יונגנמאן דאס אלץ, וואָס ער האָט פריער אזוי הויך און אפילע באריי־מעריש זיי איבערגעגעבן. ווירקלעך: זאלמען מאכט צופיל מיט די הענט.

סע רײַסט זיך בא אים ארויס צופיל אויסגעשרייען. דער פארשוין זאָגט אים:

— זאַלמען, אויב איר ווילט מיט אונדז אַרבעטן, זאָלט איר זיך ניט אָנטרינקען און ניט אזוי פּלאַפּלען...

זאַלמען שווערט זיך בא וואָס הייליק איז, אז ער האָט גענומען א קאַפּעלע טאַקע צוליב דער געלונגענער אָפּעראַציע. אָבער דער פּאַרשוין איז אף אים בארויגעז, נעמט אָן דעם ייִדן בא דער האַנט, טוט אים א שטאַרקן קוועטש, אז זאַלמען שפּרינגט אזש אוף:

— אָ, זאָלט איר עס געדענקען, זיך דערמאָנען, ווען איר וועט וועלן איבערכאַפּן די מאָס.

— אײַ, זײַנט איר עס א.. זאַלמען נעמט אַרײַן די אָנגעקוועטשטע האַנט אין דער צווייטער און קעכלט זי — אײַ, זײַנט איר עס געזונט, אַן אײַזן.

— פאַרגעדענקט־זשע עס, רעב זאַלמענקע,— איז צופרידן דער פּאַרשוין. באַלד זײַנען אָנגעקומען אַנאַ מיכײַלאָווונע עפּשטיין און ליבערמאַן. עפּשטיין האָט זיך גלײַך געלאָזט צום פּאַרשוין:

— זונדעלעוויטש.

דער יונגערמאַן האַט ארויסגענומען דעם ציבעק פון מויל, אויסגעצויגן די האַנט און געפרעגט:

— מיט דער קוואַרטיר זײַנט איר צופרידן?

עפּשטיין האַט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אף יאָ.

ליבערמאַן איז געבליבן אין א זײַט, ביז עפּשטיין האַט זיך אָנגערופן:

— יונגעלײַט, איר קענט זיך?

ליבערמאַן האַט די גאַנצע צײַט קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט פון זונדעלעוויטשן, און סאַפּקאָלסאָף געזאָגט:

— געהערט אסאך, נאָר ניט געקענט.

— איך אויך דאַסזעלביקע,— האַט פון אונטער דעם ציבעק א גלאַנץ געטאָן א שורע ציין. אין ראַבינער־שול האַט מען זיך פון אייך ניט גע־ קאָנט אָפּלויבן.

אַנאַ מיכײַלאָווונע עפּשטיין האָט זיך באַלעבאַטיש אַוועקגעזעצט לעם זאַלמענס טישל, געהייסן דערלאַנגען טרינקען און עפּעס צו פאַרבײַסן.

די באַלעבאַטים האָבן ניט אופגעהערט צו גאַפן: דאָס ערשטע מאָל קומט אַרײַן צו זיי אין שענקל א פרוי, און נאָך אזא שיינע און א יונגע, און זעצט זיך אוועק איבערכאַפּן גלײַך מיט אַלע מאַנספּאַרשוינען.

כײַע־סאָרע האַט זיך ניט אײַנגעהאַלטן:

— איר הערט, פאניענטקע, עס קומט מיר אויס אזוי טשודנע, וואס איר זיצט דאָ מיט די יונגעלייט. אָט וועל איך אייַך דערלאַנגען פונעם צוקער־געבעקס. זיי זייַנען דאָך קיין מייווינים ניט. ווייַבער פארשטייען אין דעם. אָט וועל איך אייך אופנעמען — און די ברייטביינעקע יידענע האָט זיך אוועקגעטרייסלט מיט איר שווערן קערפער צו ברענגען דאָס געבעקס.

נאכמען האט אומיסטן ארויסגעשלעפט זייַן נייַ פעקל צייַטונגען און, אייַנגראָבנדיק די אויגן אין זיי, אלעמאָל זיך אונטערגעקוקט צו דער מאָדנער קאָמפאניע, וואס האָט דעם שענק זייערן אָנגעטאָן אזויפיל קאָוועד מיטן קומען אהער.

עפשטיין האט צופרידן געזאָגט:

— איצט וועלן מיר אין פעטערבורג וויסן, אז ווילנע איז אין זיי־בערע הענט. בא די כאווירים וועט דאס פאָשעט זייַן א יאָנטעוו.

זונדעלעוויטש שלאָגט איבער:

— און איך האב פאר אייַך א סיורפריז.

די פרייַנט זייַנען אף א רעגע שטיל געבליבן, געקוקט אף זונדעלע־וויטשן און געזען, ווי דער ציבעק האט אויך אייַנגעהאלטן זייַן פייַער־דיקן אָטעם.

— איר זעט אָט דעם יידן—ווייַזט ער אף זאַלמענען — ער האט גע־בראכט א טראַנספּאָרט ליטעראטור פון פינקלשטיינען אזש פון קעניגס־בערג.

בא ליבערמאנען איז אופגעשווומען פינקלשטיינס געשטאַלט, וואס האט מיט דער צייַט געגומען זיך ארויסוועפן אין זייַן זיקאָרן: אז מע הערט פון אים ניט, און דאָ מיטאַמאָל — א גאנצער טראַנספּאָרט.

זאַלמען האט צוגעוונקען: יאָ, יאָ, דאס האט ער געבראכט פון יע־נער זייַט.

— א, ס'ארא כאווער בא אייַך דערדאָזיקער דאָקטער! — האט זאַלמען ניט אופגעהערט צו קוועלן.

עפשטיין איז פאָשעט געווען איבערראשט פון זונדעלעוויטשעס אופטו:

— נו, מיר האבן זיך דאַרפן ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אז זונדעלע־וויטש איז אזא בעריע.

ליבערמאן האָט מיט א געוויסער קינע געקוקט אף אָט דער צעפאטלטער פיגור, וואָס איז איצט געווען דער העלד אין זייער קליינינקער קאָמ־פאניע. ער האט אין זיך דערשטיקט דעמדאָזיקן געפיל, און א קלאַפּ געטאָן גוטברודעריש זונדעלעוויטשן איבערן אַקסל:

— איר זײַנט א העלד. מיר װעלן אסאך אופטאָן...
זונדעלעװיטש:

— דאנק איך אײַך פאַרן קאָמפּלימענט — און זונדעלעװיטש האט אָנגעבויגן זײַן קאָפּ.

אַנאַ מיכײַלאָװנע האט מיט פארגעניגן אופגעגעסן דאס לעצטע צוקער־לעקעכל, װאָס די באלעבאָסטע האט דערלאנגט, און זיך אופגעהויבן אװעקצוגיין.

זאלמען האָט זייער צופרידן זיך געװענדט צו די באלעבאטים:

— איר זעט, קוינים ברענג איך אײַך, סע װערט בא אייך א לײַטי־שער שענק. ניט אָט די פּאָלישוקעס, פון װעלכע איר האט א צעבראָכע־נעם פיוער. אהא! — און דער געלער נידעריקער ייִד טוט א קלאַפּ מיט די פינגער און א פריילעכן טרייסל מיט זײַן פארװאקסענעם האָריקן פּאָנעם.

XXXII

זונדעלעװיטשעס מוטער, די עטלעכע־און פופציקיאָריקע ייִדענע, איז שוין עטלעכע מאָל ארײַנגעקומען צו די יונגעלײַט, װאָס זיצן מיט איר אַרענען אין זייער געררוימען און ליכטיקן צימער. זי האָט זיך גוט צוגע־קוקט, װער עס קומט אָפט ארײַן אפדערנאכט צו איר זון. דער ייִדענע איז אײַנגעפאַלן: צופיל באהאלטן זיך שוין די יונגעלײַט, מע פאַרהענגט די פענצטער מיט װאָס עס קומט זיי נאָך אונטער די הענט.

— אַרעלע, — בעט זי זיך בא אים, — װאָס האָסטו צו מײַן זײַדענעם שאַבעסדיקן טיכל.

דער זון כאַפּט ארויס דעם ציבעק פון מויל — ער פילט זיך שולדיק פאַר דער מאמען, — נעמט זי אָן אונטערן אָרעם, פירט זי צו צו די כאַ־ווירים און שמייכלט:

— װי מיינסטו, ליבערמאן, מײַן מאַמע װאָלט געקאָנט זײַן א טעראָריסט?

די כאװײרים צעלאַכן זיך, די ייִדענע שטעלט אָן דערשראָקן אירע גרויסע אויגן, זי פאַרשטייט ניט:

— יונגעלײַט, איך בין שוין אין אײַערע יאָרן געװען, און איר אין מײַנע — נאָך ניט.

— עמעס, — ענטפערט מען איר.

— מיר לאַכן ניט פון דיר, מיר לאַכן פון אים... ער װײַזט אף א יונגנמאן, װאס איז געזעסן אין א זײַט און עפּעס געשריבן.

עלישעווע זונדעלעוויטש קאָן אַלע די, וואָס גייען אַרײַן צו איר זון. אָט ניאָמען קען זי גוט. פֿון די יאָכלסאָנס. ער איז אין רעאַל־שול:

— דאַרפֿסט דאָך שוין א ווײַב. זע נאָר, עס וואַקסן דיר שוין אַזוינע שוואַרצע וואָנצעס.

בּיניאָמין יאָכלסאָן פֿאַרשטעלט מיט דער האַנט די וואָנצעס, אונטער זיי צעשטראַלט זיך א פֿרישער געלעכטער, וואָס ווערט בּאַלד דערשטיקט אין דער האַנט.

— אים קען איך אויך, לײבּעלע ווײַנער,—ווײַזט די מאַמע אָפּן יונגנמאַן, וואָס זיצט אין א זײַט און שרײַבּט.

ווײַנער הייבּט אויף זײַן געגרײַזלטן קאָפּ.

— און דײַן טאַטן קען איך, דעם שנײַדער. מע זאָגט, ער איז אַמאָל געווען א מעקובּל, דײַן טאַטע.

די ייִדענע האט שוין געוואָלט אַרויסגיין—די יונגעלײַט האבּן געוואַרט אף דעם—זי קוקט זיך אײַן אין ליבּערמאַנען:

— אײַך קען איך ניט,—די ייִדענע האָט האַלבּ־זקייניש און האַרציק א שמייכל געטאָן. אַלעמען דאָ געזאָגט „דו", און ליבּערמאַנען—„איר".

— מיך?—זאָגט ליבּערמאַן—איך בּין שוין לאַנג א היגער.

אין דעמדאָזיקן קרײַז יונגעלײַט האבּן אַלע זיך בּאַצויגן מיט דרעכערעץ צו ליבּערמאַנען, ניט ווײַל ער איז געווען עלטער מיט א פּאָר יאָר און געווען א טאַטע פֿון קינדער, נאָר ווײַל ער האָט מיט זיך אַרײַנגעבּראַכט ליידנשאַפֿטלעכקייט און שאַרפֿקייט אין יעדער פֿראַגע. דעריקערשט, קלאָרקייט פֿון א מויען, וואָס שטעלט אַלץ אַוועק בּילדערייש פֿאַר די אויגן.

— מאַמע,—ער איז שוין א טאַטע פֿון קינדער—זאָגט זונדעלעוויטש.

— איז וואָס?—איך קען גאַנץ ווײַלנע—די ייִדענע האָט זיך אײַנגעקוקט אין ליבּערמאַנען, וואָס האָט איצט דערפֿילט אף זיך אַלעמענס בּליקן. ער איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער, אַראָפּגענומען דערפֿון דאָס טיכל און דערלאַנגט זונדעלעוויטשעס מוטער:

— נאַט,—דערמיט האָט ער איר געוואָלט זאָגן, אַז זי קאָן שוין גיין פֿונדאַנען.

ס'איז געמאַכט געוואָרן אַזוי איידל, אַז די ייִדענע האָט זיך אף קײַן האָר ניט געפֿילט בּאַליידיקט:

— אָט איז א לײַטישער מענטש—זי האָט גענומען דאָס טיכל און איז אַרויס. אין א מינוט אַרום איז זי צוריק אַרײַנגעקומען מיט א פּאָשעט פֿאָרהאַנגל און, דערלאַנגענדיק עס, געזאָגט:

— נאט, קינדערלעך, דעקט זיך צו אייער שאַנד (די יונגעלייט קוקן זיך איבער) און האָט ניט קיין טיינעס צו דער מאַמען.

ווען די ידיעה איז שוין געווען אין שכיינעסדיקן צימער, האָט ווײַנער אופגעהויבן דעם פאפיר, וואָס ער האָט געשריבן די גאנצע צייט:

— איר ווילט הערן, איך האָב אָנגעשריבן צו אלע סטודענטן פון דעם ווילנער לערער־אינסטיטוט אן אופרוף, און דו, ניאָמע, וועסט אים קענען פאנאנדערשפרייטן צווישן דיינע רעאליסטן. זאָלסט זיין פּאָרזיכטיק. הערט אויס, ווי איך הייב אָן:

„צי ווייסט איר, אז די זעלבסטהערשונג איז פאר אונדז אלע א שווערער שטיין אפן האלדז, וואָס שלעפּט אונדז צו גרונט. מיר דארפן אלע דעם שטיין אראָפּווארפן פון זיך. נעמט לייענען די ביכלעך, וואס דערציילן וועגן דעם שטיין. די ביכלעך קאָן מען קריגן...— דער פאָרלייענער שטעלט זיך אָפּ, גלאנצט מיט די אויגן. ער פארשטייט גלייך, אז ס'איז א ליאפסוס, צעלאכט ער זיך און גיט צו:— געשריבן און געשריבן און זע נאָר, וואָס איך האָב ארייינגעקנאקט.

— ער ווייסט עס אָבער אליין,— האָט גלייכגילטיק באמערקט ביניאָמין יאָכלסאָן,— און שטעלט זיך אוף. זיין לאנגע פיגור זעט זיך שטארק אָן אין דעם נידעריקן צימער.

יאָכלסאָן וועט אינגיכן ענדיקן די רעאל־שול. מ'איז אים מעקאנע געווען, וואס ער פאָרט אינגיכן אוועק אין פעטערבורג אָדער אין אן אנדער אוניווערסיטעט־שטאָט.

זונדעלעוויטש האָט אַמיינסטן געשוויגן, געהאלטן פארביסן די אונטערשטע ליפּ. אז דער ציבעק שטעקט אין מויל, הענגט די אונטערשטע ליפּ אראָפּ איבערן שווארצן פּיסקל פון דעם ציבעק.

ליבערמאן האט זיך אופגעהויבן פונעם אָרט, גענומען דעם פאפיר, וואָס ווײַנער האט אָנגעשריבן, איבערגעלאָפן עטלעכע מאָל מיט די אויגן:

— דאָס הייסט אָנגעשריבן, אז ווער עס וויל וויסן, ווו עס געפינט זיך א געהיימע געזעלשאַפט פון רעוואָלוציאָנערן— קומט לויט דעם און דעם אדרעס. פּראָוואָקאטערס און אגענטן פון דעם זשאנדארם־אָפּטייל פאַרשפּאָרן זיך ברעכן די קעפּ. עך, דו, ליעוו, ליעוו, ביסט ניט ענלעך אף קיין „ליעוו". ער נעמט אים אָן בא דער טשאָפּרינע האָר און ציט אים צו זיך.

— דו נעם אים, ליבערמאן, באם אויער און דריי אים גוט אָן.

ווײַנער האָט זיך פארויטלט.

א שוויַיגנס א פּאָר מינוט.

שפּעטער האָט ליבערמאַן זיך אָנגערופן:

— מע דאַרף צוגיין צו א פּארשוין, דעריקער, צו דער יוגנט פון לע־רער־אינסטיטוט און פּאָרזיכטיק א פרעג טאָן, אַשטייגער: „דיך אינטע־רעסירט איבערלייענען אזא און אזא בוך", נו, מירן זאָגן, וועגן דער „פּאריזשער קאָמונע", וועגן פּוגאטשאָוון. מע קאָן דערקענען, ווער עס מיינט עס ערנסט און ווער עס וויל נאָר א שמעק טאָן אף קאליע מאכן....

ליבערמאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, פאַרויכערט און שטארק פארצויגן דעם רוּיך, זיך פארהוסט:

— יעדערער פון אונדז וועט האבן עטלעכע אַבאָנענטן. אזוי טוט מען אין פּעטערבורג אויך. אזוי באגייט מען זיך אין אנדערע שטעט. לייענען דארף די יוגנט. איך וואָלט אוועקגעטראָגן עטלעכע ביכלעך אין דער יעשיווע.

בא זונדעלעוויטשן איז ארויסגעפאַלן דער ציבעק פונעם מויל,—אזוי האט ער זיך צעלאַכט. ער הייבט צוריק אוף דעם ציבעק און שוויַיגט. אלע קוקן אין זיַינע אויגן, וואָס זיַינען פול מיט כויזעק:

— גיב עס מיַין מאמען אויך לייענען.

— דיַין מאמען איז איין זאך, און דער ייִדישער יוגנט איז אַן אנדער זאך. זונדעלעוויטש האָט ביטלדיק א מאַך געטאָן מיט דער האנט.

מער האָט מען דעם טאָג ניט געוואָלט ריידן, וויַיל דעם שוויַיגנדיקן זונדעלעוויטשן איז איַינגעפאַלן, מע זאָל איבערגיין אף אן אנדער קוואר־טיר. עפּעס דרייט זיך די מאמע צופיל. ס'קאָן אויסקומען צווישן שכיי־נים א שמועס, זאָל זי ארייַנוואַרפן אן איבעריק וואָרט. זונדעלעוויטש קלאפּט זיך מיט דעם ציבעק אין שטערן: ער האט עפּעס באקלערט.

אף מאָרגן זונדעלעוויטשעס קאָנספּיראַציע האבן זיך די כאווירים פאר־לאָזט, מ'האט שטענדיק אים נאָכגעגעבן, נישט דערווידערט.

האַלעוויַי וואָלט פינקלשטיין געווען הערן זונדעלעוויטשעס אייצעס, וואָלטן ניט פארפאלן געגאנגען אזויפיל ביכער און ער וואָלט ניט גע־דארפט אנטלויפן קיין אויסלאַנד.

— אָבער וואָס וועט זיַין מיט דעם אופרוף?—האט וויַינער הויך אויס־געשריגן.

ליבערמאַן:

— יונגערמאַן, אף שריַיבן אופרופן צו דער יוגנט דארף מען עפּעס האָבן געזאָגט און מע דארף האבן רעכט.

ווײַנער האט א קוק געטאָן אף ליבערמאַנען און זיך געוואָלט באַ־לײדיקן, נאָר אויס אַכטונג צו ליבערמאַנס פערזאָן טוט ער עס ניט — מינעט זיך בא אים דאס פּאָנעם, ער קאָן זיך קײן אָרט ניט גע־פינען.

— װעלן מיר אזוי טאָן, ווי איך זאג — דערמאָנט ווידער ליבערמאַן.

מע דערפילט א באפעל און אײנצײַטיק א טיפע כאוועריִשע און איבער־צײַגנדיקע אײצע.

פאַרן צעגײן זיך האָט ער גענומען איבערקוקן דאס צעטל מיט דער ליטעראַטור, וואס געפינט זיך באם קרײַז. ווײַזט זיך ארויס, אינגאנצן עטלעכע נעמען. אָבער דערפאר נעמען אײניקע צו עטלעכע ביכער.

„די דערצײלונג וועגן א קאָפּיקע", די דערצײלונג וועגן די פיר ברי־דער, „פוגאטשאָווּשטשינע", „Отщепенцы", „Бог — то бог, да сам не будь плох" און טשערנישעווסקיס: „Что делать?"

— דײַנע יעשיוועבאָכערים קענען ניט לײענען קײן רוסיש, — האָט זונדעלעוויטש א זאָג געטאָן, — וואָס זשע וועלן מיר טאָן מיט אונדזער טראַנספּאָרט?

ליבערמאַן האָט אים אָפּגעשוויגן.

עלישעווע, זונדעלעוויטשעס מוטער, איז ווידער ארײַנגעקומען:

— יונגעלײַט זאָלן האלטן אין אײן ריידן. און ער רײַסט זיך אהער־צו — זי ווײַזט אף א פערצניאָריקן יינגל, וואָס איז מיט איר ארײַנגע־קומען, די יידענע שלעפּט אים באם ארבל:

— מײערקע, קום, לאָזן זײ אלײן דאָ רײדן, קום פונדאַנען...

אָבער מײער האָט זײַנע לעבעדיקע אויגן נישט געוווּסט וווּהין פריער צו ווענדן. ער קען אלע, וואָס זיצן דאָ; ער ווײסט, אז זײ רײדן פון פארבאָטענע זאכן, און וויל דאָ בלײַבן.

— ארקאַדי, זאָג דער מאַמען, זאָל זי מיר אָפּלאָזן.

שווײַגנדיק נעמט אָן זונדעלעוויטש דאָס ברודערל זײַנס בא דער האַנט און זעצט אים אוועק לעם זיך אַפן בענקל.

די מאַמע:

— א וועלט מיט וועלטעלעך. בלײַב שוין, בלײַב שוין מיט אים.

אינגיכן איז מען זיך צעגאנגען.

ליבערמאַן איז נאָך געבליבן און נאָך לאַנג זיך געײצעט מיט ארן זונדעלעוויטשן.

XXXIII

רייזע איז אַ בלייך מיידל. פון קינדווײַז אָן האָט זי געאַרבעט בײַ יענעם, זיך אויסגעלערנט נייען די שענסטע מאָדע־קליידער. זי האָט אויך געקאָנט שטיקן און העפטן. פון אַ שטיק צײַט אַרבעט זי בײַ זיך, ווײַל איר באַלעבאָסטע איז פאַראָרעמט געוואָרן און אָפּגעלאָזט די קענט־שאַפט. רייזע האָט אָפּגעקויפט בײַ איר באַלעבאָסטע די נײ־מאַשין און אַ גרויסע צאָל קונדן זײַנען איבערגעגאַנגען צו איר.

זי איז פון די ווילנער מיידלעך, וואָס אַרבעטן אָפּ אַ גאַנצן טאָג און וואַרטן, אַז אָט וועט צופאַלן דער פאַרנאַכט, די טיר וועט זיך עפענען און ס'וועט אַרײַנקומען דער באָכער...

רייזע ווייסט גאַנץ גוט, אַז איר כאָסן קאָן אַמאָל זײַן פאַרנומען אָפּדערנאַכט: אָדער אין אינסטיטוט, אָדער—ער האָט עס איר דערציילט בעסאָד—ערגעץ צווישן כאַווײרים מיט ביכלעך, מיט שמועסן.

רייזע רעכנט אירע כאַווערטעס פאַר אַ גליקלעכער: זי האָט אַ כאָסן, וואָס ניט יעדעס מיידל קאָן צו אים קומען. ער לערנט זיך אין לערער־אינסטיטוט און איז אַ שיינער און אַ פײַנער. עמעס, דערווײַל איז ער נאָך אַ קליינער פאַרדינער. רייזע האַלט אים דערווײַל אויס. אָבער דערפאַר שפּעטער וועלן זיי ערגעץ אַוועקפאָרן אין אַ שטאָט. ער וועט זײַן אַ לערער אין אַ שול, און זי וועט נייען די שענסטע קליידער לויט די נײַסטע פאַריזשער און ווינער מאָדעס.

ס'עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן לייב ווײַנער. ער איז הײַנט אויפגערעגט מער ווי שטענדיק. די באַקן זײַנען בײַ אים צעפלאַמט, און די יונגע האָר פון דער צוקונפטיקער באָרד קרײַזלען זיך איבער זיי. די האָר האָבן נאָך ניט אָנגענומען דעם נויטיקן קאָליר. ערטערווײַז קומען זיי אויס בלאָנד, ערטערווײַז טונקעלער, און שוין גאָר ווײַט לעם די שלייפן—גאַנץ שוואַרץ. אויפן קאָפּ שטייען די האָר האַרט, געדיכט און פאַרזאַקשנט.

— לייבל,—און רייזע לייגט אַוועק די אַרבעט, גייט צו צום כאָסן, קוקט מיט אַזאַ פאַרליבטקײַט און איבערגעגעבנקײַט אויף אים.

ער לייגט זיך טײַקעף אַוועק אויפן קאַנאַפּקעלע, ציט זיך אויס און געגעצט.

— ביסט מיד?—פרעגט זי אים.

— אַ האַלבע נאַכט געלייענט, ווילט זיך שלאָפן,—זאָגט ער פוילבלעך.

— וואָס לייענסטו אַזויפיל, לייבל?

ער גענעצט זיך אויס, פאַרייסט די אויגן צו דער סטעליע — איך לייען, אָך, לייען איך אינטערעסאַנטע ביכלעך...

זי קוקט אים גלייך אין מויל אַרייַן, זעט, ווי ער ווערט אַליין פאַר־כאַפּט פון זייַן דערציילן.

— נו, פון דעם, ווי מע פּייַניקט מענטשן אין די דערפער, אין די כוטערס. מע שמייַסט זיי, דערבייַ טוט מען זיי אויס נאַקעט, און אַ שלעכטע פּריצע, אַ קאַפּריזע, מיט אַ ביטער האַרץ קומט אַליין אַרייַן אין שטאַל, וווּ ס'איז קאַלט און נאַס, הייסט זיך דערלאַנגען ריטער דינגע, שאַרפע און געזאַלצענע ריטער, און גייט צו צום פייער, וואָס ליגט אַ דערשראָקענער געבונדן, אויף די פּיס זיצן צוויי מענטשן און באַ די הענט האַלטן אים צוויי פאַרשוינען.

— ער איז דאָך געבונדן, לייבל, וואָס־זשע דאַרפן זיי אים צוהאַלטן?

— מע האַלט אים צו ער זאָל זיך ניט צעבינדן. און די פּריצטע טוט אַ פּאַטש מיט די ריטער. ס'טוט אַ פּייַף, ווי אַ האַרבסטיקער ווינט, און זי לאָזט זיי שווער אַראָפּ אויפן נאַקעטן לייַב. דער געשמיסענער פילט בלויז די ערשטע שמיץ, דערנאָך פילט ער שוין ניט, ווייַל... — דער דערציילער שטעלט זיך אויף אַ ווייַלע אָפּ, — ווייַל ער איז פאַרמאַ־טערט, אָבער די געשרייען שפּאַלטן די שטאַל.

רייזע האָט פאַרדעקט דאָס פּאָנעם מיט די הענט און איז צוגעגאַנגען צו דער מאַשין, אַרייַנגעלאָזט דאָס שטיקל אָנגעהויבענע אַרבעט און געלאָזט די ראָד.

— שטעל אָפּ די מאַשין...

— לאָז זיך דרייען, וועלן מיר ניט הערן זייַן געשריי...

ווייַנער האָט זיך צעלאַכט אויף אַ קאָל, זיך אויפגעזעצט אויפן קאַנאַפּ־קעלע. דאָס מיידל האָט אָפּגעשטעלט די ראָד. זי האָט געשטוינט: וואָס לאַכט ער עס?

— ס'איז דאָך אין ביכל, נאַרעלע...

רייזע ווערט אינגאַנצן צעמישט:

— וואָס־זשע, און אין לעבן קומט דען ניט פאָר אַזוי?

— פאַרשטייט זיך, אַז סע קומט פאָר.

— עס קומט פאָר, אָבער ניט אַזוי שטאַרק, ווי אין ביכל, — באַרויִקט זי זיך, זעצט זיך צוריק צו צו אים, גלעט אים די האָר און בעט זיך:

— דערצייל נאָך עפּעס פון דייַנע ביכלעך.

אָבער ווייַנער דערציילט מער ניט. אפן מיידל האָט עס געמאַכט אַ שווערן אייַנדרוק.

— איכל דיר מער ניט דערציילן.

— פאַרוואָס?

— ווײַל דו ביסט א... ער ענדיקט ניט, נעמט ארויס א פּושקעלע מיט זייער וואַלוועלן טוטין. זי דערזעט און פרעגט:

— ווו זײַנען דײַנע ציגארן, וואָס איך האָב דיר געקויפט?

— אויסגערויכערט.

— מאָרגן וועל איך דיר קויפן נאָך... אָט ענדיק איך אַרויס די ארבעט, ווער איך א גווירנטע.

פאַרן אוועקגיין האָט זי אים געבעטן, ער זאָל זי מיטנעמען צו זײַנע כאוויירים.

ווײַנערן איז עס געווען אומדערוואַרטעט. מע ווייסט אפילע ניט, צי רייזע איז זײַן קאַלע, כאָטש מע האָט געוווּסט, אז ער איז בא איר אָן אָפּטער גאַסט.

— ס'איז א ווײַט געשוועסטערקינד — פלעגט ער זיך פאַרענטפערן פאר כאוויירים.

רייזע איז צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל זי מיטנעמען. ווײַנער האָט עטלעכע מאָל זי אָנגעשראָקן, אז מע טאָר ניט קומען אהין, קיינער טאָר ניט ברענגען מיט זיך קיין אומבאַקאַנטע מענטשן, קײַן פרעמדע...

— איך בין ניט קײַן פרעמדע — האָט זי בא זיך געטראַכט און אים עס ארויסגעזאָגט מיט אזא שטאַרקײַט — איר לייענט דאָרטן וועגן אזוינע, וואָס ארבעטן מיט זייערע הענט. איך ארבעט דען ניט? נו, איך מיט מײַנע צען פינגער, קיינער העלפט מיר ניט. בין איך דאָך ניט קײַן פרעמדע פאר אײַך, און פאר דיר אוודע ניט...— אזא שטראַליקע שטרענגקײַט גייט פון דעם מיידל — בין איך דאָך ניט קײַן פרעמדע פאר אײַערע יונגעלײַט...

זי האָט אים שוין באלד אײַנגערעדט. אָבער וואָס איז דאָס מיידל טראַכט ער — פאר א נאָענטער פּאַני־בראַט זײַנער, אָט די נײַטערקע, וואָס האַלט אים אויס שטילערהייט, ער זאָל ענדיקן דעם לערער־אינסטיטוט.

— ניין, רייזע, עטלעכע מאָל האָב איך דיר געבעטן קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן וויסן, אז איך פאַרטרוי דיר אזא סאָד פון דעם, וואָס מיר קומען זיך צונויף.

בעשומויפן פאַרשטייט זי ניט, פאַרוואָס איז עס דאָרטן בא זיי א סאָד. פאר וועמען? — פאר איר, וואָס ארבעט טאָג ווי נאַכט?

— אָט, קום מיט מיר, — און זי נעמט אף זיך ארוף א שאַרף און

שלעפט לייבלען אין דרויסן ארויס. ער גייט איר נאָך ניטווילנדיק. דער שארף פליט איר פונעם קאָפּ. זי שפאנט פּאָרויס, און ער נאָך איר. ווהין גייען זיי? מענטשן זעען, ווי רייזע די נייטערקע איילט זיך צעפאליעט, און לייבל ווײַנער, דער סטודענט פונעם לערער־אינסטיטוט גייט איר נאָך. זײַנע ליפּן שעפּטשען עפּעס בעשאסמײַסע, צי ער בעט, זי זאָל אזוי ניט איילן, צי ער זאָגט איר שטרענג אן אנדער זאך. זי וויל אים ניט הערן. מע זעט דעם יונגנמאנס אופגערגטקײַט. אָט ערגערט ער זיך, ער טוט א גיי אוועק אין א זײַט. דאָס מיידל קערעוועט זיך אויס צו אים, דער שארף פליט מיט איין נאָכגעלאָזטן עק צו אים:

— פארוואָס האָסטו זיך אָפּגעשטעלט?

ער ענטפערט ניט.

זי דערנעענטערט זיך שמייכלענדיק:

— לייבל, טאָ קום זשע שפאצירן.

ער אָטעמט אָפּ:

— קום.

— וואוהין וועלן מיר גיין? אין שטאָט־גאָרטן?

ער וועט מיט איר גיין וואוהין זי וויל, כאָטש בעסער איז צו זיצן אינדערהיים, קיינער זאָל ניט זען,—איצטער אָבער וועט ער גיין וואוהין זי פארלאנגט, נאָר ניט צו די כאוויירים...

זיי זײַנען אוועק קעגן דער לעוואָנע־נאכט, וואָס איז אופגעגאנגען זייער גערעאָטן איבער די ווילנער גאסן און געסלעך.

ניט פארשטאנען האָט ווײַנער, אז ער דארף ברענגען רייזע די ניי־טערקע צו זיי אין קרײַז. ער האט ניט פארשטאַנען, אז דאָס איז עס דער ערשטער ווילנער קרײַז פון דער ייִדישער רעוואָליוציאָנער־געשטימטער אינטעליגענץ, פאר אזוינע אָרעמע מיידלעך ווי זי.

עפּעס וואָלט פיל לעבעדיקער געוואָרן באַ זיי.

ער האָט זיך געשעמט, לייבל ווײַנער, געשעמט מיט איר פאר זיך און פאר זײַנע כאַווײרים.

געקומען אַהיים, האָט רייזע ווידער געפרעגט, וואָס פאַר אַ ביכל האָט ער מיט זײַנע כאווירים געלייענט. האָט ער דערציילט א געשיכטע, און זי האט אים געקושט.

ער האט דערציילט, און זי האט זײַנע האָר געגלעט און אים הייס געקושט...

XXXIV

פון לערער־אינסטיטוט איז דער אינספעקטער יעשוע שטיינבערג היינט אהיים געקומען בייז. ער האָט זיך ניט אוועקגעלייגט טייקעף, ווי ער טוט עס שטענדיק, אף דער ווייכער גרינלעך־באַצויגענער קאנאפּע, נאָר ער איז גלייך אריין צום ווייב, וואָס האט זיך געמאָסטן א קלייד אין אלקער. שטיינבערג האט אפגיך אופגעעפנט די טיר, אריינגעשטעקט דעם קאָפּ און מיט די קורצזיכטיקע אויגן געטאַפּט, צי איז עמעצער דאָ.

— אוי, ווער איז דאָרטן? איך שטיי נאקעט,—פאַרמאכט!

דער מאן האט ניט געלייגט קיין אכט אפן אויסגעשריי און גלייך זיך געלאָזט צו דער האלב־נאקעטער פרוי:

— איך בין הונגעריק.

די נייטערקע רייזע, וואָס האָט געמאָסטן דאָס קלייד, האט זיך אביסל פארשעמט, אראָפּגעלאָזט די אויגן...

— נו, יעווסיי, גיי שוין אַרויס—האט דאס ווייבל זיך געבייזערט אפן מאן. ווי שעמסטו זיך ניט.—זאָגט זי אים אף רוסיש.

שטיינבערגן איז ניט געגאנגען גאָרניט אין קאָפּ. ער האט אפילע דאס ווייב ניט באמערקט, ניט באַמערקט אירע רונדע געזונטע הענט, וואס האבן זיך פארהויבן אף אריין אין א ניי זיידן קלייד; זיך ניט צוגעקוקט צו דעם העלן רויטן קלייד, מיט וועלכן דאָס ווייב האָט היינט געוואָלט איבעראשן די געסט.

ער האט זיך געבעטן:

— איך בין הונגעריק.

דאָס ווייב האט זיך אוועקגעשטעלט קעגן אים און זיך באַרימט:

— געפעלט דיר? אזא זיידנס איז באַ קיינעם אין ווילנע ניט פאַראַן.

רייזע די נייטערן האט געזען, ווי באַ שטיינבערגן זיינען צעפלאָנטערט די בליקן. ער הערט גאָרניט, זוכט עפּעס און איז פאַרטיפט אין געדאנקען, פון וועלכע ס'איז אים שווער זיך אָפּצורייסן:

— איר זעט—זאָגט זי—מאדאם, זיי הערן איצטער ניט.

די מאַדאַם שטיינבערג האט אפגיך אויסגעטאָן דאס נייע העלע זיידענע קלייד, אוועקגעלייגט עס אפן בעט, איבערגעלאָזט די נייטערן איינע אליין אין אלקער און ארויס אין עס־צימער. דאס ערשטע, וואָס זי זאָגט דעם מאַן:

— יעווסיי, ביסט ניט קאָרעקט.

שטיינבערג זעצט זיך אוועק דערשלאָגן צום טיש.

דאָס ווײַב לויפֿט אין קיך, באַפֿעלט עפּעס דער דינסט און אַליין גייט זי אַוועק אין אַלקער צו דער נייטערן.

רייזע האָט פֿאַרן אַוועקגיין געהערט, ווי דער אינספּעקטער פֿון לערער־אינסטיטוט שטיינבערג האָט געזאָגט צו זײַן ווײַב:

— מע לייענט קראַמאַלנע ביכער, און מיר זײַנען אין אינסטיטוט שולדיק, סײַדן קריך אַרײַן צו יעדער סטודענט אין קאָפּ און אין האַרצן. מ׳האָט די ראַבינער־שולן אין ווילנע און אין זשיטאָמיר פֿאַרמאַכט, מע וועט נאָך פֿאַרמאַכן דעם אינסטיטוט אויך. טאָמער איז דאָ געבליבן איין שטיקל אינסטיטוט.

די מאַדאַם שטיינבערג האָט ניט אויפֿגעהערט צו זײַן באַרויִקט:

— וואָרף עס אַרויס פֿונעם קאָפּ. הײַנט דאַרפֿן זײַן געסט, אינ־טערעסירן מיך ניט דײַנע קראַמאַלניקעס אינעם אינסטיטוט.

שטיינבערג האָט פֿאַרצווייפֿלט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך געוואָלט פֿאַרגעסן אין אַ דרימל אויפֿן ווייכן קאַנאַפּקעלע. ער איז אַזוי אַנטשלאָפֿן געוואָרן, אַז דאָס ווײַב האָט אים קוים אויפֿגעוועקט, ווען אין שטוב צו זיי איז אַרײַנגעקומען לעוואַנדע, דער ייִדיש־רוסישער שריפֿטשטעלער.

דערזעען לעוואַנדען, איז מאַדאַם שטיינבערג צו צום קאַנאַפּקעלע און שנעל אַ טאָרע געטאָן דעם מאַן:

— יעווסיי, מ׳איז שוין דאָ...

— וואָס?—פֿאַרשטייט ער ניט—און רײַסט אויף די אויגן מיט גרויס מאַטערניש.

— לעוואַנדע איז שוין דאָ בײַ אונדז.

— אַך, לעוואַנדע. זייער וויל...—שטיינבערג טוט זיך אַ הייב אויף פֿונעם קאַנאַפּקעלע און לאָזט זיך גלײַך צום גאַסט:

— ליעוו אָסיפּאָוויטש, איך בין זייער צופֿרידן.

דאָס ווײַב האָט אַף אַ מאָדנעם קאַפּריז אויפֿן פֿאַרשטעלט לעוואַנדען פֿונעם מאַן:

— ליעוו אָסיפּאָוויטש, רעדט מיט אים ניט—געוויזן אויפֿן מאַן—ער האָט מיך באַליידיקט.

לעוואַנדע שמייכלט.

— ס׳איז פֿאַמיליען־טראַגעדיע?

— זי פֿאַרשטייט ניט, ליעוו אָסיפּאָוויטש, און איר וועט מיך פֿאַר־שטיין,—קלאָגט זיך שטיינבערג.

— וואָס איז געשען?

שטיינבערג דערציילט מיט א סוידעסדיקן האלבדערשראָקענעם טאָן:

— יידישע יונגעלייט קאָנען דערגיין צו א בונט. מע־וועט איבער זיי שניידן אלעמען. און דעריקערשט, די שולד פאלט דאָך אף אונדז: „מיר האָבן ניט אכטונג געגעבן".

לעוואנדע האָט זיך דערמאָנט אין א בריוו, וואָס ער האָט אמאָל געשריבן דעם רעדאקטער פון דער צייטונג „ווילענסקי וועסטניק", זיין באָעקאַנטן פריינט, געשריבן וועגן די יידישע יונגעלייט, אז זיי זיינען ניט פייק אפילע צו זיין צוזאמען מיט די פאָליאקן קעגן די רוסן, סע לוינט זיי ניט. א יידישער קאראקאַזאָוו איז אומעגלעך צווישן יידן. יאָ, וואָס האָט ער אים נאָך געשריבן דעמאָלט, דעם פריינט זיינעם? לעוואנדע פארטראכט זיך. דאָס קרענקלעכע פּאָנעם ווערט שטרענג און אָנגעבלאָזן, גלייך ער גרייט זיך אָנשרייבן א נימעסן עפּיזאָד אין זיין נאָענסטן ראָמאַן, אן עפּיזאָד, וואָס ער, דער אווטער, אליין האָט פיינט, אָבער ער מוז אים האָבן צוליב סיטואציע.

— וואָס־זשע זאָגט איר דערויף, ליעוו אָסיפּאָוויטש?

— א...

— איך פרעג, ווי געפעלט עס אייך?

— אויסוואָרצלען, מיט א שארפן גאָלמעסער איבערשניידן די וואָרצלען, אניט וועט זיין שלעכט.—זאָגט ליידנשאפטלעך דער שטענדיק־פארטראכטער לעוואנדע.

שפּעטער אביסל דערמאָנט ער:

— איך געדענק, ווי פאטאפּאָוו דער גענעראל־גובערנאטער האָט מיר געזאָגט, ווען מע האָט אָט דעם פינקל... ווי הייסט ער דאָרטן, פינקל־שטיין (דער אקצענט אף „שטיין"!): „לעוואנדע, זיין א געלערנטער ייד בא מיין קאנצעלאריע—הייסט נעמען אין אכט ניט בלויז די איניאָנים פון פרומע יידן, נאָר אויך אזוינע געשיכטעס, טרויעריקע געשיכטעס (האָט דעמאָלט דער גענעראל באדויערנדיק געשאָקלט מיט זיין קאָפּ). לעוואנדע, איר היט שלעכט אייערע יידן". וואָס האָב איך געקאָנט טאָן?—גאָרניט.

— מע זאָגט, ער איז אין אויסלאנד און שיקט אהער ביכער פון זיין „בארימטער" ביבליאָטעק, און מיר געפינען אמאָל דאָ פון זיינע וויינגערטנער די פרוכט,—האָט שטיינבערג איבערגעשלאָגן.

לעוואנדע האָט דערוויייל גענומען א בוך פון טיש, זיך פארטיפט און געוואָלט פארגעסן אינעם געשפרעך. שטיינבערג האָט ניט אויפגעהערט צו דערמאָנען זיך:

— אַט יִדישע פּוגאַטשאָווס.

לעוואַנדע שלאָגט אים איבער:

— אַזוינע געשיכטעס רעגן מיך אויף, איך ווער פון זיי קראַנק. וואָס טראַכטן זיך אײַערע סטודענטן? עס טראָגט פון זיי דער קנאָבל פון דער געטאָ אין מײַלנווײַט. וואָס ווילן זיי? מע לערנט זיי, די פּאַר־לײַזיקטע יעשיוועבאָכערים. מע וואַשט פון זיי דעם שמוץ, וואָס ליגט נאָך אויף זיי פון די עלטערזיידעס. נאָך פון פּאָרטוגאַל, פון אַמסטערדאַם.

לעוואַנדע האָט זיך אַביסל פאַרהוסט, אַרויסגעשלעפּט אַ טיכעלע, זיך אָפּגעווישט די ליפּן און געשריגן, ווי ניט מיט זײַן קאָל:

— איך וויל וויסן, וועמעס גײַסט הערשט איבער זיי?

— שווער צו זאָגן,—האָט שטיינבערג געענטפערט—איך האָב מוירע צו טראַכטן וועגן דעם...

דאָס ווײַב קומט אַרײַן אַ צעפלאַמטע—„ער גייט, ער גייט".

— אַ? און ביידע הייבן זיך אויף צו י. ל. גאָרדאָנען, וואָס שטרעקט אויס די האַנט:

— אַ גרוס פון פּעטערבורג!

לעוואַנדע האָט שפּעטער אַביסל בייז אַ וואָרף געטאָן די ערשטע פראַזע:

— די ליטעראַרישע קרײַזן אײַערע אין פּעטערבורג האָב איך פײַנט. זיי זײַנען ניט ערלעך. איך פיל ניט צו זיי קיין סימפּאַטיע. פאַנאַיעוו־נעקראַסאָווס קרײַזל גלויב איך ניט.

— נו, אין „אָטעטשעסטווענני זאַפּיסקי"?—פרעגט גרויסשטאָטיש גאָרדאָן, ער ציט צונויף אַביסל די ברעמען, קוקט אָנגעשטרענגט אויפן ווילנער ליטעראַט. דער פּעטערבורגער גאַסט וויל דערמיט צונישט מאַכן אין די אויגן פון די באַלעבאַטים לעוואַנדעס ענטפער.

— דאָס איז ניט קיין ליטעראַרישער און ניט קיין וויסנשאַפטלעכער זשורנאַל—ס'אַ דילעטאַנטישער. דער איינציקער נוציקער זשורנאַל, וואָס איך לייען מיט פאַרגעניגן, איז „וועסטניק יעוורעפּי".

גאָרדאָן האָט צונישטמאַכעריש אַ פאָכע געטאָן מיט דער האַנט און אפילע ניט געוואָלט ריידן אויף קיין ליטעראַרישע טעמעס.

די מאַדאַם שטיינבערג האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטן פון דעם באַ־רימטן דיכטער. זי וויל פון אים, ער זאָל דעקלאַמירן די יִדישע ליד „דער מוטערס אַבשיד".

גאָרדאָן קנייטשט זיך:

— איך קאָן ניט און וויל ניט שרײַבן קיין זשאַרגאָן.

— אָבער זי איז פּאַרט גוט, יענע ליד. איי, יעווסיי, בעט זיי יענע ליד, ווי די אַלטמאָדישע ייִדענע געזעגנט זיך מיט איר קינד, דעם רעקרוט.

שטיינבערג שטעלט זיך איין פאַרן גאַסט:

— אָבער לאָז אָפּאָטעמען א מענטשן. אָט וועל איך בעסער אים דער־ציילן וועגן מיין אומגליק.

דאָס ווייב האָט טייקעף פאַרשטאַנען, וועגן וואָס דער מאַן וויל זיך נעמען דערציילן, לייגט זי אַוועק די הענט אפן טיש און טוט עטלעכע קלעפּ:

— דיכטער אינטערעסירן זיך ניט מיט קיין זאכן פון אינסטיטוט. דאָס איז ניט קיין פּאָעזיע. ס'איז פאַר לערערס מיט קאַנטשיקעס. דיכטער האָבן ליב אויסגעטראכטע מייסעס.

די פרוי שטיינבערג וואָלט עפּשער נאָך געוועזן ריידן, נאָר לעוואַנדע האָט זיך אופגעהויבן. ער וויל אַוועקגיין. מע וועט אים אָבער ניט אָפּ־לאָזן, בעשומויפן ניט. אָט וועט באלד קומען דער פּאָפּעטשיטעל פון ווילנער לערן־קרייז סערגיִעווסקי.

לעוואַנדע האָט ניט געקאָנט ליידן, וואָס די גאַנצע אופמערקזאַמקייט נעמט צו גאָרדאָן.

— איך פיל מיך ניט גוט. אז איך בין אליין, מיינע פריינט, איז מיר גרינגער. אָן מענטשן איז מיר גאָרניט. טוט מיר ניט ווי גאָרניט.

לעוואַנדע האָט זיך דאָך געלאָזט איינריידן און געבליבן.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט באַ אַן עק טיש און ניט געוואָלט קוקן אפילע אין גאָרדאָנס זייט. גאָרדאָן האָט עס באמערקט און זיך געפילט שלעכט.

עס זיינען אָנגעקומען א פּאָר לערער פונעם אינסטיטוט. די פרוי שטיינבערג האָט געשיינט אין איר נייעם העל־זיידענעם קלייד און אַלץ ניט אָפּגעטראָטן פונעם דיכטער, ער זאָל לייענען די זשאַרגאָנישע ליד.

ווען סערגיִעווסקי איז געקומען, האָט מען ערשט ווידער אַלע צוזאַ־מע געבעטן גאָרדאָנען דעקלאַמירן די ליד, אָבער ער האָט זיך אַלץ אָפּגעזאָגט.

ניקאָליי אַנאַניעוויטש סערגיִעווסקי האָט געענדיקט די אקאדעמיע פאַר גייסטלעכע און קאָן עס ניט פאַרגעסן. ער דערמאָנט עס שטענדיק, באַזונדערס, ווען עס קומט אים אויס צו זיין צווישן ייִדן.

— איר ווייסט—זאָגט ער צו דער.מאַדאַם שטיינבערג—אין אקאדעמיע האָבן מיר זיך פאָרגעשטעלט, אַז ייִדן זיינען בלויז שענקערס און הענדלער, זאָל איך געוועזן וויסן, אַז צווישן זיי זיינען פאַראַן ליטעראַטן,

פילאָסאָפן און סקולפּטערס. אז שיינע פרויען זײַנען צווישן זיי פאראן— האָב איך זיך פאָרגעשטעלט.—די מאדאם שטיינבערג לאָזט אראָפּ אירע אויגן.

אפן טיש זײַנען שוין געשטאנען פלאָדן, וואָס פרוי שטיינבערג האָט צוגעגרייט. דאָס געבעקס האָט געגלאנצט מיט זײַנע פארבאקענע עקן קעגן דער שײַן פון די ליכט.

אינמיטן טיי־טרינקען האָט סערגיִעווסקי זיך אָנגעבויגן צו יעשוע שטיינבערגן:

— איר זוכט אין אינסטיטוט, צי איר שלאָפט דאָרטן?..

שטיינבערג האָט א ציטער געטאָן און דערזען סערגיִעווסקיס אראָפּ־הענגענדיקע לאנגע וואָנצעס, פון וועלכע ס׳האָט געטראָגן מיט רויך און מיט ווײַן.

— איך טו אלץ, וואָס אין מײַנע קויכעס, ניקאָלײַ אנאניעוויטש.

— פאראן רעזולטאטן?—פרעגט איבער סערגיִעווסקי.

— איינעם האָבן מיר באמערקט.

— זײַן פאמיליע?

דער אינספּעקטער טראכט א ווײַלע:

— א גוטער שילער, ער לערנט זיך גוט.

— אָט די אלע פארשוינען לערנען זיך גוט—באמערקט סערגיִעווסקי— ווי זאָגט איר איז די פאמיליע?—פרעגט ער איבער.

— ווײַנער!

— מע דארף פארגעדענקען—באָמבלען זיך סערגיִעווסקיס וואָנצעס.

— יאָ, ווײַנער—איז האכנאָעדיק שטיינבערג,—דאפקע א גוטער שילער, א געזעצטער.

— כאָראָשאָ, און מער קיינער ניט?

— דערווײַלע ניט.

— א שאָד, א שאָד, קוקט אופמערקזאמער, הער אינספּעקטער, וועט איר געפינען.

שטיינבערג פילט זיך שלעכט פארן פּאָפּעטשיטעל. ער האָט אפילע געפּרוווט איינריידן, אז צווישן יידן איז שווער צו באגעגענען א ווידער־שפּעניקן. סערגיִעווסקי האָט אים שוין ניט געהערט, ווײַל מאדאם שטיינ־בערג האָט זיך ווידער געווענדט צום אוילעם, מע זאָל פּויעלן באם העברייִשן דיכטער ער זאָל זאָגן „די מוטער אבשיד”.

ס׳איז שוין געווען שטיל. מ׳האָט זיך צעזעצט אין די ווינקעלעך און ניט אראָפּגענומען אף קײַן רעגע די אויגן פונעם דיכטער.

לעוואנדע האָט זיך צוגערוקט צום קעפּל פון דיוואן, איינגעטוליעט דעם קאָפּ אין די אקסלען און פארמאכט די אויגן.

מאדאם שטיינבערג האָט א שורשע געטאָן מיט איר פריש זיידן קלייד און צוגעגאנגען צו לעוואנדען:

— ליעוו אָסיפּאָוויטש, איר זיינט אָנגעגרייט צו הערן?

לעוואנדע האָט אף איר אפילע ניט געוואָלט קוקן, בלויז די האנט ארופגעלייגט אף דער מאדאמס אָנגעבויגענע אקסל, ס'האָט באטייט:

זייט רויק, איך האָב שוין אמאָל געהערט קינסטלערישע ווערק לייענען ניט נאָר אף זשארגאָן.

דאָס קלייד האָט ווידער א שורשע געטאָן, זי איז אוועק צוריק אף איר אָרט לעם סערגיִעווסקין.

גאָרדאָן האָט אָנגעהויבן לייענען:

„זיי געזונט, מיין טייער קינד,
איך וועל דיך מער ניט זעען,
גיי וווהין דיך טראָגט דער ווינט,
וואָס גאָט וויל, זאָל געשעען.

אז איך האָב אף דיר פארבראכט
געזונט און בלוט און גוט,
האָב איך אוודע ניט געטראכט,
אז דו וועסט זיין א רעקרוט.

איך האָב דיך געטראָגן, דיך געבאָרן,
געזייגט מיט מיין ברוסט,
דיך דערצויגן אזויפיל יאָרן —
פון קיין נאכעס ניט געוווּסט.

דערדינען קאָנסטו זיך אין לעבן ניט,
מעגסט זיין דער גרעסטער כוואט,
דו ביסט געבאָרן א ייִד,
דו ביסט און בלייבסט סאָלדאט.

דער טרויעריקער אינהאלט פון דער לידן האט זיך געפילט אין זיין שטימע.

מאדאם שטיינבערג האָט שטילערהייט איבערגעזעצט סערגיִעווסקין וואָרט בא וואָרט. סערגיִעווסקי גלעט זײַנע פּארויכערטע וואָנצעס און הערט אופמערקזאם. דאָס קאָל באם דיכטער ווערט שטארקער, ווערט דער פרויס שעפּטשען העכער און פיבערדיקער, דאָס קאָל באם דיכטער פאלט, צעשיט זיך אין געבעט,—ווערט דאס שעפּטשען אײַנגעהאלטענער:

דאָס זאָל דיך אָבער, מײַן קינד, ניט ארן,
דו דין דעם קייסער טרײַ.
אין אלע סאקאָנעס, אין אלע געפארן
זײַ מוטיק און טרלעך דאבײַ.

דײַן בלוט און לעבן זאָלסטו ניט שוינען.
וויפיל מע פארלאנגט פון דיר.
ווען מענטשן דיך ניט באלוינען,
באצאָלט דיר גאָט דאפיר.

זײַ געזונט, מײַן טײַער קינד,
דאָרט קומט דער אונטער־אָפיציר,
זײַ געזונט און גיי געשווינד,
ער פרעגט געוויס אף דיר.

גיי געשווינד—ניין, צי נאָך אוף,
באלד וועט מען אײַך ארויסטרײַבן.—
גיב מיר דײַן האַנט און שווער דארוף,
דו זאָלסט א ייִד נאָר בלײַבן.

גיי, דאָ האָסט דו דײַן פלינט,
ער האָט גערופן דײַן נאָמען.
זײַ געזונט, מײַן טײַער קינד,
געזונט און גליקלעך—אָמיין!"

ווען גאָרדאָן האָט געענדיקט, האָט די פרוי שטיינבערג מיט אירע פולבלעכע הענט געגומען אפלאָדירן.

— בראַוואָ, בראַוואָ—האָט סערגיִעווסקי אויסגעשריגן,—

— Настоящая поэзия!

גאָרדאָן האָט מיט א פּילקאָלירנדיק טיכל געווישט דעם שטערן און געזוכט צו וועמען זיך צוזעצן. אָט זיצט דאָרטן פּארוקט דער ווילנער ליטעראַט לעוואנדע. צו אים האָט א צי געטאָן דעם אַווטער פון „דער מוטערס אבשיד". ער גייט צו אים צו און פרעגט:

— קאָלעגא, איר זײַט, דאכט זיך, מיד?

לעוואנדע האָט גאָרניט געענטפערט.

אינגיכן איז לעוואנדע אוועקגעגאנגען. לעם סערגיִעווסקין איז ווידער געשטאנען די פרוי שטיינבערג און ניט אופגעהערט צו שעפּטשען:

— איר זאָלט וויסן, ניקאָלײַ אנאניעוויטש, וויפל קאָוועד דערדאָזיקער גאָרדאָן האָט בא ייִדן. ווען ער זאָל שרײַבן אף פּושקינס שפּראך—אך, וואס פארא דיכטער ס׳וואָלט געווען.

— אָט, וועגן לעוואַנדען האָב איך געהערט און וועגן אים ניט—

פארנויגט זיך סערגיִעווסקי, געזעגענענדיק זיך מיט די באַלעבאַטים.

גאָרדאָן איז געבליבן נעכטיקן בא שטיינבערגן, וואס האָט ביזן שלאָפן־לייגן־זיך ניט אופגעהערט צו דערציילן וועגן די פארבאָטענע ביכלעך, וואָס מע געפינט די לעצטע צײַט אין אינסטיטוט.

— איר פארשטייט, מע וואַרפט זיי אונטער אין קאנצעליאריע, און דו ביסט נאָכדעם שולדיק. אך, ייִדישע יונגעלײַט, איך האָב ראכמאָנעס אף אײַערע זינדיקע נעשאָמעס.

אפן געלעגער ליגנדיק האָט פרוי שטיינבערג געמוזט זיך אָנרופן:

— יעווסיי, הער שוין אוף אמאָל...

גאָרדאָן איז שוין סײַווי געשלאָפן.

XXXV

עס ווערט נימעס צו זיצן גאנצע טעג באַם טאטן אין ווארשטאט. שוין עטלעכע מאָל איז דאס זעכצניאָריקע זונדל ניט געבליבן באטאָג פונעם ווארשטאט.—דער טאטע האט זיך אומגעקוקט און זיך פאָשעט געכי־דעשט. שפּעטער, ווען דער זון קומט צוריק ארײַן, קוקט אים דער טאַטע אין די אויגן און פרעגט:

— מייער, ווו ווערסטו עס פארפאלן?

דער זון שווײַגט, ער זעצט זיך אוועק צום טיש, נעמט דעם שרויפנ־ציִער און באַארבעט זיך אין א זייגערל.

— זאָג, טאַטע, דו האָסט אלע יאָרן געלערנט?

— אוואדע געלערנט.

— אף וואָס האָסטו אויסגעשטודירט?
— וואָס שטעלסטו מיר אזוינע קאַשיעס, זונדל?
— אָט ענטפער מיר: אף וואָס האָסטו אויסגעשטודירט? — אף א זייגער־מאכער, אף א גאָלדשמיד?

דער טאטע איז איבעראשט פונעם זונס פראגעס. די באקן באם זון זיינען רויטע, באדעקט מיט יענער יונגער פרישקייט, וואָס איז אייגנטלעך פאר געזונטע באָכערים. דער טאַטע זעט אין זון דעם, וועלכער וועט בא אים שפעטער מיט יאָרן איבערנעמען דעם ווארשטאט, דאָס געשעפט, אלע זיינע טראדיציעס, וואס ער האָט אָנגעקליבן פאר יאָרנלאנג, נאָך פונעם זיידן און פונעם עלטערזיידן.

— מיר זיינען עס גאָלדשמידן פון יאָרן־קאדמוינים, מיין זונדל, דו שטעלסט איבעריקע קלאָץ־קאשיעס.

שפעטער אביסל האָט דער אלטער טאטע הינטערווייטלעכס געקוקט צום יינגל, ווי ער זיצט איינגעבויגן מיטן גלעזל און באָברעט זיך באם ווארשטאט. ס'האָט אים ניט געלאָזט רוען דער פריערדיקער שמועס, אזא מאָדנע שמועס.

דער אַלטער זיצט אין א יארמעלקע, קוקט אריין אין א סייפער און וויל פאָרט דערגיין, וווהין ווערט עס דער זון פארפאלן שוין זינט א צייט.

— מייער, א, מייער?

— יאָ.

— זאָג מיר, אנטקעגן וואָס האָסטו אופגעהויבן א רייד וועגן מיין ווילקענען.

באם אלטן איז די יארמעלקע טיפער צום האלדז־און אקן צו, די נאָז, וואס איז אפן שפיץ מיט הערעלעך באזעצט, האָט זיך אויסגעצויגן: הער א געשיכטע. מיר לעבן שלעכט? וואָס וויל ער עס? שעפע איז בא אונדז פון זיין ליבער האנט. וואָס וויל ער עס?

— מיין זון, ביסט, דאכט זיך, ניט מיט אלעמען.

מייער האָט זיך ווידער פארשלאָסן אין שווייגן. ער טוט זיך זיין שטענדיקע ארבעט באם ווארשטאט און איז רויק, גלייך ער האָט גאָר ניט גערעדט צום טאַטן.

און דער טאטע שטייט שוין לעם אים אָנגעבויגן:

— וואָס איז עס פאר א טיינעס?

הער אלטער גאָלדשמיד, דער גוטער זייגערמייסטער, האט ניט געקאָנט פויעלן באם זון ער זאָלריידן פארשטענדלעך, אף א מענטשלעכן לאָשן. פארוואָס בלייבט ער עס ניט אף גאנצע שאָען אין מעשעך פונעם

טאָג? ער האָט ליב געהאַט זײַן יינגסטן זון, ער האָט אַף אים קיינמאָל ניט געשריגן, אַפילע זיך ניט געבייזערט. די לעצטע צײַט איז דער אַלטער אומעטיק געוואָרן, באַזונדערס, ווען מייער פלעגט ניט זײַן באַם וואַרשטאַט. ער האָט זיך ארומגעדרייט לעם לײדיקן אָרט, און געדאַכט האָט זיך אים, מייער איז אַוועק פון אים. וויפל מאָל דער אַלטער פרעגט אים:

— וווהין ווערסטו עס פארפאלן?

מייער ענטפערט ניט.

דער אַלטער האָט אים איינמאָל געכאַפּט באַ א ביכל:

— וואָס איז עס פאַר א סייפער?

מייער שווײַגט.

— איך פאַרשטיי — וויל טרעפן דער אַלטער — אַז עס קאָן זײַן פון מענדעלסאָנס כיידער. דאָס האָסטו פון מיר אויסגעבאַהאַלטן? פאַרקערט, ס'איז איך האָב געמוזט אין דײַנע יאָרן אויסבאַהאַלטן די ביבל איבער־געזעצט אין דײַטש. אָבער דו? פאַרקערט. — אָ, ווייס איך שוין ווו דו ווערסט פאַרפאַלן — דער אַלטער איז זיך מעכײַע, וואָס ער האָט סאָפּ־קאָלסאָף געפונען דעם סאָד פון זײַן זונס ענדערן זיך פאַר דער לעצטער צײַט. — האָב איך צו דיר, מייערל, א באַקאָשע: דו נעם דאָס סייפערל און קום אין וואַרשטאַט, לייען אין וואַרשטאַט. האָסט אָפּגעאַרבעט — לייען דיר געזונטערהייט. וואָס דאַרפסטו זיך באַהאַלטן בעכעדריי־כאַדאָרים? איך האָב געוווּסט געשעפט און אַמאָל אַרײַנגעקוקט אין מענדעלסאָנס ביאור, מעגסטו זיך לערנען באַ מיר. איך פלעג זיך אויך באַהאַלטן פאַר מײַן טאַטן, איז דאָך מײַן טאַטע ניט געווען קײַן לאַמדן, האָט דאָך מײַן פאָטער מוירע געהאַט פאַר א סייפער, אויסער, פאַרשטייט זיך, פאַר דער ביבל. האָסט מיך פאַרשטאַנען, מײַן קינד?

באַם אַלטן באַרעל איז צעפלאָכטן געווען די באָרד. א דין שאַרף פּײַערל האָט זיך געשניטן פון די אויגן. זיי האָבן געוואָלט, זײַנע אויגן, אויסזען באַזיניקטער, איבערצײַגנדיקער.

דעם זון האָט עס ניט גערירט. וואָס זאָל ער גיין דערציילן דעם טאַטן וועגן די שמועסן באַ זיי אין קרײַז צווישן די יונגעלײַט.

מייער איז געווען איבערגליקלעך, גערעכנט פאַר א זכיע זיך זען מיט ליבערמאַנען און זונדעלעוויטשן. מ'האָט דאָך אים פאַרטרויט אַזוי־פיל סוידעס. אַפילע דעם טאַטן, ווען ער האָט געאַכטעט, וועט ער ניט גיין דערציילן גאָרניט, און דעריבער איז ער אָפּגעקומען באַם טאַטן מיט אַן אַלגעמיינער באַמערקונג, מיט א וואָרט.

— ווייס איך שוין דײַן נעלעם ווערן, מײַן זון,— היט זיך פאר מענטשן!—וואָרנט אים דער פאָטער.

אז מע דאַרף זיך היטן פאר מענטשן — האָט מייער בארעל גוט־גוט פארשטאנען.

מייער אָדער איסידאָר בארעל איז געווען דער ייִנגסטער צווישן די ווילנער יונגעלײַט אין ערשטן ייִדישן רעוואָליוציאָנערן קרײַזל. זײַן פראקטישער סייכל, וואָס ער האָט געיארשנט פון זײַן טאַטן, האָט מען אויסגענוצט צווישן די ווילנער. אָבער צוערשט דאַרף מען אים אָנלאָדן מיטן פולווער, ער זאָל ליב קריגן די שווארצע אַרבעט, וואָס ער טוט!— צונויפזאמלען די ליטעראטור און צעגעבן זי צווישן באקענטע און אומבאקענטע.

בארעל האָט מער זיך צוגעבונדן צו זונדעלעוויטשן. אים איז עפּעס נעענטער געווען אין זייער קרײַז די פראקטישע זײַט, איידער די טעאָרעטיש־אופקלערערישע זײַט. דערצו איז ליבערמאן מיט זײַן ענציקלאָפּעדיש וויסן געווען פרעמדער, איידער דער פראקטישער זונדעלעוויטש מיט די שטענדיק־קאָנקרעטע מײַסים.

— בארעל, יענץ און יענץ פּעקל דעם און דעם.

— איסידאָר,— דאָס ביכל דאַרף הײַנט איבערגעגעבן ווערן דעם און דעם.

און ליבערמאן האט ליב גאָר אנדערש:

— איר האָט פארשטאנען, בארעל, די פּרינציפּן פון קאמף, נו, און דאָס גיין אין פאָלק ארײַן לויט אײַער מיינונג?

כאָטש זונדעלעוויטש האָט ניט ווייניקער זיך אינטערעסירט מיטן אינהאלט פון די ביכלעך, וואָס ווערן צעגעבן, דאָך איז בא בארעלן ליבערמאן געווען דער טעאָרעטיקער, און זונדעלעוויטש—דער פּראקטיקער.

שטילערהייט אין הארצן האָט בארעל ליבערמאנען א נאָמען געגעבן „גענעראל". ס'האָט זיך געפּאָרט צו זײַן שטרענגקייט, פּינקטלעכקייט און צו זײַן האלטן זיך עלטער פון די איבעריקע. בארעל האָט זיך אפילע איינמאָל ארויסגעכאפּט פאר זונדעלעוויטשן:

— ארקאדי, דער גענעראל האָט געהייסן.

— וועלכער גענעראל?

בא איסידאָרן האָבן זיך די באקן אָנגעצונדן. ער האָט זיך אָפּגעקעקערעוועט. זונדעלעוויטש האָט א פארכידעשטער געקוקט אף אים.

און איינמאָל אין אן אָוונט האָט זיך צו בארעלן צוגעזעצט דער „גע־

נעראַל" און אים דערציילט אַזויפיל נײַסן, אים דערציילט וועגן די דעקאַבריסטן, וועגן קאַראַקאַזאָוון און וועגן די פּעטערבורגער נײַע מענטשן.

אַך, פּעטערבורג!

אַ שאָד, וואָס ליבערמאַן האָט געמוזט אַוועקפאָרן פונדאָרטן, אַזויפיל פרײַנט, נײַע מענטשן איבערגעלאָזט. זיי זײַנען שוין דאָרטן געוואָרן מערער פאַרהאַרטעוועט, און וויסן וויפל האָבן זיי פאַר דער צײַט באַקומען, אָדער עפשער זײַנען זיי ערגעץ, ווי נעטשאַיעוו, אומגעקומען, אָדער אַנטלאָפן, ווי באַקונין, קיין אויסלאַנד? דאָ, אין ווילנע, אין דער אַלטער שטאָט איז שטיל. מע דאַרף אויפטרייסלען, מע דאַרף אַלע יונגע מענטשן אויפהייבן.

— באַרעל, האָסט געלייענט וועגן דער פּאַריזשער קאָמונע?

ליבערמאַן האָט ווי אַרומגענומען דעם יונגן זעכצניאָריקן באָכער און אים דערוואַרעמט מיט נײַעם אָטעם.

באַרעל האָט באַקומען כיישעק צו פאָרן קיין פּעטערבורג, זען די גרויסע, ברויזנדיקע צאָפּנדיקע שטאָט.

— און לאַוראָוו? — האָט דערמאָנט ליבערמאַן — לאַוראָוו. אָט וועט ער געבן איסידאָרן לייענען זײַנעם אַן אַרטיקל, ווו ער דערציילט וועגן לאַוראָוון.

— נאַט לייענט איבער מײַן אַרטיקל, אָנגעשריבן אין העברייִש. איר קענט העברייִש?

— געוויס.

— לייענט און ברענגט עס אָפּ מאָרגן.

באַרעל האָט געקריגן דערעכערעץ פאַר דעם עלצטן צווישן זייער קרײַז. דער צונעמעניש „גענעראַל" איז נאָך מערער צוגעפּאַסט געוואָרן פאַר דעם ווילנער רעוואָליוציאָנער.

— איר זײַט אַ גאָלדשמיד, באַרעל?

— יאָ.

— זאָלט איר שמידן ניט אײַערע גאָלדשטיקער, נאָר מענטשלעכן טייכל קעגן דעם אומרעכט, וואָס הערשט בײַ אונדז אין רוסלאַנד. איר זײַנט נאָך אַ-יונגער. אָט בין איך נעכטן געקומען פון איינעם אַ פּאָרעצס גיטער — אַזויפיל לייד האָב איך געזען. מיר דאַרפן אַלע גיין אַהינצו אַלס לערער, דאָקטוירים, אַלס פעלדשערס און אויפקלערן די פּויערים און זיי דערציילן, ווי מע לעבט אין די שיינע שטעט, ווי זייערע פּריצים לעבן, — מע לאָזט זיי ניט אַרײַן צו די פּריצים. אין קיך

אף דער שוועל שמעקן זיי אָן די גוטע מײַכאָלים. איסידאָר, וואַרפט אוועק ווילנע און פאָרט צו די אומגליקלעכע. מיר דאַרפן זיי אופהייבן צו אַן אַנדער לעבן. איר זײַנט אַזאַ יונגער. איך בין אײַך מעקאַנע, וואָס איר וועט ביז מײַן עלטער שוין דערלעבן מערער גוטס! מיר זײַנען אַזוי שוואַך מיט אונדזערע ביכלעך. הײַנט—אונדזער אָרעמקייט די ייִדישע...

— איך וויל צו אײַך מאָרגן ווידער קומען, ליבערמאַן.

— קומט, ווען אַלע וועלן שלאָפן בא מיר.

פון דער באַגעגעניש איז איסידאָר באַרעל אַרויס אַ דערמוטיקטער.

זײַן טאַטנס גאָלדשמידערײַ, די זייגערלעך, וואָס אָטעמען מיט שטילן אומופהערלעכן שטויביקן גאַנג טאָג ווי נאַכט בא זיי אין וואַרשטאַט, זײַנען אים איצטער באַזונדערס נימעס געוואָרן.

דער טאַטע באַגעגנט דעם זון אף דער שוועל, דערזעט גלײַך זײַן אופגערעגטקײַט. ער פרעגט עפּעס, דער זון ענטפערט ניט, גייט גלײַך אַרײַן אין אַלקער, טוט זיך אויס, דעקט זיך איבער מיט דער קאָלדרע און וויל גאָרניט הערן.

— וואָס קומט עס פאָר מיטן ייִנגל?

— צי וועט עס ברענגען צו אַ גוטן סאָף?

דעם גאַנצן אָוונט איז דער וואַרשטאַט געשטאַנען פוסט. קוינים זײַנען אַרײַנגעקומען—דער אַלטער האָט שוין אַליין קײַן קויעך ניט זיך צו אופּאָרען.

דער אַלטער צינדט זיך פּלוצים אָן:

— וואָס וועט עס זײַן? דעם טאַטנס, דעם זיידנס, דעם עלטערזיידנס מעלאָכע גייט צו גרונט! דער אַלטער קאָן עס ניט דערלאָזן.—פון דויר־דוירעס זײַנען די באַרעלס גאָלדשמידער, און דו ווילסט אומברענגען.

דאָס ייִנגל איז געלעגן אונטער דער קאָלדרע און געהערט, ווי דער טאַטע בייזערט זיך. ער האָט אַפילע דעם קאָפּ ניט אַרויסגעשטעקט. דער אַלטער האָט געפּאָכעט מיט די הענט, מיט אַ סייפערל, געקלאַפּט אין טיש:

— וואָס איז עס פאַר אַ העפקיירעס?!

שפּעטער האָט דאָס ייִנגל אַרויסגעשטעלט זײַנע קלוגע אויגן:

— איך וויל פאָרן קײַן פּעטערבורג!..

— איך וויל פאָרן אין דאָרף!..

— אָדער אין פּעטערבורג אָדער אין דאָרף!—שרײַט דער טאַטע.—כאָסערדייע!

שפּעט באַנאַכט האָט זיך דער אַלטער באַרעל אויפגעהויבן פונעם גע־לעגער און אויפגעוועקט דעם זון:

— זאָג מיר, ווער הערשעוועט איבער דיר? וועלכער ווילדער גײַסט? ווער איז עס דער מענטש?

דער פאָטער האָט מיט צאַר געטראַכט וועגן זײַן לאַנגאָנעדיקער פּאַרנאָסע, וואָס גייט נאָך באַ אים בעיערושע פון יענע פרומע און לײַ־טישע עלטערזיידעס אין ווײַטן און אין פרעמדן אַמסטערדאַם.

דער זון האָט געכראָפּעט אין אַ יונגן און געשמאַקן שלאָף...

XXXVI

באַם פאָרעץ פּעשינסקי אין מאַיאָנטעק, הינטער ווילנע, האָט מען שוין עטלעכע טעג געוואַרט אַפן ווילנער צייכענער פון דער סטראַכיר־געזעל־שאַפט „דוויגאַטעל", און ער איז אַלץ ניט געקומען.

דער גרײַזער פּעשינסקי האָט אײַנגעשפּאַנט די ברִיטשקע און איז אַוועק אין שטאָט. ער וועט אים ברענגען, דעם צייכענער.

דעם פאָרעץ איז נימעס געוואָרן צו וווינען אין דער אַלטער אָפּגע־ריבענער וווינונג. און די פּלענער, וואָס עס האָט צוגעשטעלט איינער אַן אַרכיטעקטער, געפעלן אים ניט.

דער צייכענער פון דער סטראַכיר־געזעלשאַפט „דוויגאַטעל" איז גע־רימט איבער דער גאַנצער געגנט — און ער דאַרף עס מאַכן דעם פּלאַן פון דעם פאָרעץ פּעשינסקיס קומענדיקן פּאַלאַץ.

אין אַ סאָף־זומערדיקן פאַרנאַכט האָט די ברִיטשקע צוגעקנאַקט צום פאָרעצעס טרעפּ. אַנטקעגן איז אַרויסגעקומען יעליזאַוועטאַ, די יינגסטע טאָכטער — אַ שטאָלצער פּאַרשוין. זי האָט דערזען דעם צייכענער, וואָס דער פאָטער אירער האָט געבראַכט מיט זיך אין מאַיאָנטעק, און איז אַנטוישט געבליבן. זי טוט זיך אָפּגיך אַ דריי אויס אַף די פּריציש־שטיל־ע אָפּצאַסן פון אירע אויסטערלישע שטוב־שטעקשיך און פאַרקרימט מיט דער נאָז:

— דאָס איז דער אַרכיטעקטער אײַערער, וואָס איז גערימט און גע־לויבט?

פּעשינסקי פאַרשטייט ניט דער טאָכטערס אומצופרידנקייט:

— יאָ, ליזאַבעטע.

— אַ זשיד?.. — שרײַט זי אויס און אַנטלויפט.

פּעשינסקי איז געוואָרן רויט. דורך די שיטערע גראָווע האָר זײַנע

האָבן ארויסגעקוקט די רויט־געוואָרענע באקן. זעט אויס, ער האָט זיך פארשעמט פארן געבראכטן גאסט. אף א ווײַלע אנטלויפט ער נאָך דער טאָכטער און קערט זיך באלד אום:

— הער ליבערמאַן, איך אנטשולדיק זיך פאר אײַך. באזונדערס מוז איך עס טאָן, ווײַל ס'איז נאָך ניט ארויסגעלאָשן געוואָרן אין מיר דער האס צו די מאָסקאלן. יאָ, יאָ, איך ווייס, אז איר זײַנט א פּראָגרעסיווער מענטש; אז איר זעט זיך מיט רעוואָליוציאָנערע מענטשן אין ווילנע.

בא ליבערמאנען האָבן אָנגעהויבן פינטלען די אויגן.

— שרעקט זיך ניט, איך בין ניט קײַן פּאָליציי־מאַן. איך ווייס וועגן דעם. דערפאר טאקע האָט מיך אזוי א ברי געטאָן מײַן טאָכטערס אויס־רוף. ווײַל מיר ווייסן, ווי די ייִדן האָבן בעשאסן נאציאָנאַלן אופשטאנד אונדזערן זיך געהאלטן. איר וועט זיכער זײַן אונדזערער אָנהענגער און מיטהעלפער. אָבער איר אנטשולדיקט מיר, יונגערמאַן, פאר מײַן אָפּנהער־ציקײַט. שרעקט זיך ניט. איך האָב אײַך ניט גערופן אהער צוליב פּראָפּאגאנדע, איר זײַנט גערופן געוואָרן צום פאן פעשינסקי בלויז צוליב צונויפשטעלן א פּלאַן פאר דער געבײַדע, און אָט דעם טרויעריקן עפּיזאָד בא דער באגעגעניש בעט איך אויסמעקן אף אייביק.

און פעשינסקי האָט זייער העפלעך זיך פארנויגט און אים פארבעטן צו זיך אין קאבינעט.

ליבערמאַן האָט זיך געכאַפּט, א׳ קײַן איין וואָרט האָט ער נאָך ניט ארויסגעבראכט פארן מויל. דער פאן האָט זיך געפילט אזוי אומבאקוועם. ס'איז ניט איבערגעגאנגען קײַן רעגע, ער זאָל עפּעס ניט פרעגן אָדער ניט דערציילן.

אָט ווײַזט פעשינסקי זײַנע פארשיידענערליי ביקסן, פּיסטוילן, וואָס הענגען בא אים אין קאבינעט אף דער וואנט:—„איר זעט, דאָס איז א פּיסטויל, מיט וועלכן דער גרויסער קאָסטיושקא האָט געשאָסן. און אָט מיט דער ביקס האָט מײַן זיידע דערהארגעט 25 זוברען אין דער בעלאַ־וועזשער פּושטשע לעם ביאלאָסטאָק. איך באַרים זיך ניט פאר אײַך, יונגערמאַן. וויפל זײַנט איר עס אלט?

און, נישט דערווארטנדיק זיך אף קײַן ענטפער—ליבערמאַן האָט אלציינס געשוויגן—האָט ער געוויזן דעם גאסט אנדערע כידושים, וואָס זײַנען געלעגן אף די פּראכטפולע טישלעך און געוועזן צעהאנגען אף די שכיי־נעסדיקע ווענט.

— מיר קערן זיך אָן מיט אונדזער נאציאָנאלן דיכטער אדאם מיצ־קעוויטש. אָט איז די ערשטע אויסגאבע פון זײַן „פאן טאדעוש״, וואָס

ער האָט אמאָל געשענקט מײַן מאמען. א סאָד וועל איך אײַך דערצײלן: ער האָט די פּאָעמע געזאָלט ווידמענען מײַן פארשטאָרבענער מוטער, דעריבער האָט ער איר אָנגעשריבן אָט דעם אופשריפט. לײענט. איר באַזיצט גוט פּויליש?

דער פּאָרעץ האָט זיך אויסגעהוסט און דערלאַנגט דעם גאַסט מיצ־קעוויטשעס בוך און אלײן זיך ארויסגעכאַפּט אף א פּאָר רעגעס פונעם קאַבינעט.

א יונגע פרוי האָט אינגיכן ארײַנגעטראָגן מילך מיט פּוטער־קיכלעך.

פּעשינסקי איז צוריק ארײַן, ער האָט זיך דערמאָנט אין עפּעס:

— אך, אנטשולדיקט, עפּשער וועט איר גאָר טרינקען ווײַן,—ער האָט זיך ווילױגעריש א קלאַפּ געטאָן אין שטערן—ארײַנגערופן די יונגע פרוי און געהײסן דערלאַנגען ווײַן.

מ'האָט געזען באַשײַמפּערלעך, אז פּעשינסקי זוכט זיך צו פּארענט־פערן פאר דער באַגעגעניש, וואָס ליבערמאַן האָט געהאַט באַם גאַניקל. ער איז מאַמעש געקראָכן פון דער הויט ארויסצוקריגן א וואָרט באַם גאַסט. ליבערמאַן איז געווען פארטאָן אין ארומקוקן די פאַמיליען־פּאָר־טרעטן, די קלענערע פאָטאָ־קארטלעך, וואָס זײַנען געלעגן אײַנגעפּאַסט אין קונציקע אַלבאָמען.

— איר זעט, דאָס זײַנען זעלטענע קאָלעקציעס שטײנער, און דאָס זײַנען... וואָס־זשע טרינקט איר גאָרניט? איר זײַנט מיד?

ליבערמאַן האָט פּלוצים דערזען א פאָטאָ און ס'האָט אים א שניט געטאָן אין מויעך. ער דערמאָנט זיך דעם גאַנצפרי אפן ווילנער בײַסוי־לעם, שניפּישאָק...

— זאָגט, ווער איז דער?

— ס'איז... ע...

— און וואָס קער ער זיך אָן מיט אײַך?

— ס'א... פּלימעניק.

— א פּלימעניק?

— יאָ, דער שוועסטערס א זון...

— איר האָט אים געקענט?—פרעגט פּעשינסקי.

פון דער טויטער גלאַנציקער פאָטאָ איז אופגעגאַנגען אין ליבערמאַנס מויעך יענער יונגער מיאַטעזשניק מיט דער גרײַז־גרויער ברעם אף דער טליע...

דער גאַסט האָט גענומען דעם גרויסן קעלישאָק און איבערגעקערט דעם ווײַן אין מויל ארײַן. דערנאָך—נאָך א קעלישאָק...

דער פּאָרעץ דערציילט, דערבײַ קלאַפּט ער מיטן נאַראַפּניק, וואָס ער לאָזט ניט אַרויס פון די הענט:

— אויב איר געדענקט דאָסדאָזיקע פּאָנעם, ווייסט איר מיניסטאַם, אַז דאָס איז געווען איינער פון די לעצטע און איינער פון די דרײַסטע אין די אָטריאַדן, וואָס האָבן ניט אויפגעהערט צו בלאָנקען אין די ווילנער וועלדער. מ׳האָט אים פאַרהאַלטן און ער איז ניט געבליבן: אייניקע גיבן איבער, אַז ער איז געפאַלן אין שלאַכט, און אייניקע... איך ווייס ניט. ווו האָט איר אים געזען?

ליבערמאַן הייבט אויף די אויגן:

— איך האָב אים געזען... ניין... ס׳האָט מיך צוגעצויגן זײַן אויסדריקלעך און יונג פּאָנעם... אַ שאַרף פּאָנעם, פּאַן פּעשינסקי.

דער באַלעבאָס האָט געהייסן ברענגען נאָך ווײַן, און ווען די אויגן זײַנע האָבן זיך שוין געטרערט מיט אַ שיקערלעכן גלאַנץ, האָט ער פאַרגעלייגט דעם גאַסט זיך לייגן אָפּרוען, טאַקע אָט דאָ אין קאַבינעט צוזאַמען מיט זײַנע פאַמיליען־רעליקוויעס, וואָס זײַנען אַזוי טײַער און הייליק.

— אָט נעמט פאַרן אײַנשלאָפן, הער ליבערמאַן, מיצקעוויטשן לייענען. איך טו עס שטענדיק. „פּאַן טאַדעוש״ דערהייבט אײַך מיט זײַן געטלעכער מוזיק. קײַן איין פּאָעט אין דער וועלט איז ניט אַזוי מוזיקאַליש און טיף־נאַציאָנאַל. איר מעגט מיר גלויבן, אַז ער איז דער גרעסטער דיכטער ניט נאָר בײַ די סלאַווען, נאָר בײַ אַלע פעלקער. אָט נעמט און זאָלן אײַך די קלאַנגען נאָכגיין אײַער גאַנץ לעבן.

פּעשינסקי האָט אַ פּאַטש געטאָן מיטן נאַראַפּניק און איז אַרויס.

אין פּריצישן סאָד איז אומעטיק געשפּרונגען אַ פויגל פון צווײַג צו צווײַג. באַם איבערשפּרינגען האָט ער אָנגעמאַכט אַ רויש. ס׳האָט באַזונדערס שטאַרק אָפּגעהילכט אין קאַבינעט, נישט געקוקט אַף דעם, וואָס דער קאַבינעט איז געווען איבערגעפּולט מיט ווייכע טעפּיכער און מיט אַלערליי זאַכן.

ליבערמאַן האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם פּידזשאַק. די יונגע פרוי האָט אײַנגיכן צוגענומען פונעם טיש און אויסגעבעט אַף דער ווייכער קאַנאַפּע.

דער פויגל האָט ניט אויפגעהערט צו שפּרינגען פון בוים אַף בוים און געוועקט די אײַנגעדרימלטע שטילקייט אין סאָד, האָט לאַנג ניט געוואָלט אָפּטרעטן, לאַנג, ביז מע ווערט ניט טיף אַנטשלאָפן און מע פאַרגעסט ניט אין אַלע געשעענישן.

אינדערפרי האָט ליבערמאַנען אויפגעוועקט פּאַן פּעשינסקיס געשריי:

— וואָדעק, שמײַס וויפֿל סע קריכט אַרײַן, אין די לײַבער — זאָלסט טרעפֿן אין פּאָנעם אַרײַן.

ליבערמאַן האָט אויפֿגעעפֿנט די טיר און דערזען אין אַ ווײַטערן צימער: פּאַן פּעשינסקי ליגט אין בעט, רויכערט אַ לאַנגן ציבעק, וואָדעק שטאָפּט אים אָן מיט טאַבעק, און דער פּאַן שרײַט:

— שמײַס, וויפֿל עס קריכט אַרײַן, אין פּאָנעם, מעגסט ניט בינדן, און אַז ער וויל אַנטלויפֿן, זאָג מיר, וועל איך מיטן פּיסטויל...

— כלאָפּעס, כאַמעס...

ליבערמאַן האָט מיט קאַעס פֿאַרמאַכט די טיר...

שפּעטער איז ער אַרויסגעגאַנגען אויפֿן הויף. ס׳איז געגאַנגען אַ הייסע אַרבעט. פּויערים און פּויערטעס האָבן געבונדן גאַרבן, אָנגעפּילט מיט זיי די גרויסע לאַנגע מאַגאַזאָנען. אין הויף איז געשטאַנען אַ מיטליאָריקער פּויער. דערזען, אַז עס דערנעענטערט זיך אַן אומבאַקאַנטער, הייבט ער אויף דעם קאָפּ און פֿאַרינטערעסירט זיך. ליבערמאַן באַטראַכט דעם פּויער און פֿרעגט:

— מע אַרבעט?

— נאָך ווי אַזוי...

— און וויפֿל פֿאַרדינט מען אַ טאָג?

— גאָרניט! — ענטפֿערט דער פּויער, באַטראַכטנדיק דעם אומבאַקאַנטן.

ליבערמאַן דרייט זיך אַוועק אויף אַ מינוט, קערט זיך צוריק אום צום פּויער:

— וואָס הייסט גאָרניט?

— אַזוי, מע אַרבעט — ווײַזט דער פּויער צום פּאָרעצעס דירע — מע לאָזט ניט אָפּ. ווער זײַנט איר, ניט פֿון פּאַן? — שרעקט זיך דער פּויער. — ניין? איך זע, אַז ניין. אָט ליגט דאָס ווײַב אינדערהיים אין קימפּעט, קיינער איז ניטאָ, מע זאָל איר דערלאַנגען צו דער האַנט, און מיך לאָזט מען ניט אָפּ.

— פּאָרט, וויפֿל פֿאַרדינט איר?

א מאַך געטאָן מיט דער האַנט: ניטאָ וואָס צו ריידן...

ליבערמאַנען קלינגט נאָך אין די אויערן פּעשינסקיס הילכיקער באַס, זײַן באַרימען זיך מיט קולטור, מיט הומאַנע געפֿילן, און דאָ — דעם פּויערס קלאָגן זיך אויף דעם שווערן און ביטערן גורל.

— איר הערט, — הייבט דער פּויער אויף די אויגן — מ׳האָט הײַנט שיר ניט דערהרגעט מיכאַילן, אונדזער פֿײַנעם מיכאַילן — דער פּאַן האָט אים ניט געזשאַלעוועט און געהייסן פּײַניקן. — אַך, מיכאַיל! און פֿאַרוואָס?

דערפאר, ווײַל ער קריכט ניט אזוי פלינק ארויף אף די סטויגן היי. ס'האָט אים דער אופזעער צוגעקלאָגט. פרעגט בעסער ניט.

ליבערמאן באשטימט זאָגן דעם פויער עפעס אזוינס, וואָס דער פויער האָט זיכער קיינמאָל אין זײַן לעבן ניט געהערט. ער קוקט זיך פריִער ארום, צי קיינער איז ניטאָ:

— פארוואָס זײַנט איר ווי א קו. מע שלאָגט זי, און זי — מע און מע...

באם פויער איז א טיפער שראם אף דער באק, א באק א פארברוינטע פון דער זון. דער שראם ווערט טיפער פונעם פויערס שטוינען:

— פאן, איך פארשטיי ניט, מיר זײַנען דען קי?

— וואָס דען? אז איר מעקעט. מע דארף זיך ניט לאָזן, אקסל האָט איר? — ליבערמאן נעמט אָן דעם פויערס קרעפטיקע אקסל — שטעלט מען אונטער אָט די אקסל און מע טוט א שטויס, אזא שטויס, אז יענער קערט זיך איבער.

דער פויער:

— פאני, איר זײַנט א שטאָטישער, ווייסט איר ניט אונדזער לעבן.

— פאַרוואָס, איר זעט דאָך, אז איך ווייס.

— ניין — איר ווייסט ניט, מע וועט אונדז שמײַסן, אז מירן אונדזערע אקסלען לאָזן אין גאנג. אונדזערע אקסלען דארפן מיר צוליב שלעפן מאסע, צו טראָגן טוווע און גוטס פאר אונדזער פאן.

— ניין, — רײַסט זיך ארויס בא ליבערמאנען — איר ווייסט ניט, ווי אזוי זיך צו באנוצן מיט אײַערע אקסלען, און איך ווייס.

ס'איז אָנגעקומען די יונגע פרוי:

— דער פאן זוכט אײַך ארום. וווהין ווערט איר עס פארפאלן? ביטע, קומט. עס שטייט שוין דער אָנבײַסן אפן טיש.

דער פויער האָט זיך א לאָז געטאָן צום שטאָטישן פארשוין און די ליפן זײַנע האָבן געמורמלט:

— אדאנק אײַך פאר א ווארעם וואָרט, אדאנק. מײַנע אקסלען זײַנען שוין אויסגעמוטשעט. אדאנק.

ליבערמאן איז אוועק צום פאָרעץ.

פאן פעשינסקי האָט אָפגעריסן די פיפקע פון די ליפן און שטראָפנדיק געשאָקלט מיט זײַן גרײַזן שיינעם קאָפ:

— אָך, אָך, ווו ווערט איר עס פארפאלן אין מײַן מאיאָנטעק?

ליבערמאנען איז געוועזן שווער אפן הארצן. נאָך איידער ער איז צוגעטראָטן צו דער ארבעט, איז אים שוין נימעס געוואָרן אָט דער טונקעלער און אומעטיקער מאיאָנטעק מיט דעם פאן פעשינסקיס שיין

ריידן וועגן הומאַנישקייט, וועגן הויכער מענטשלעכקייט און וועגן פּוילנס גרויסקייט.

בא ליבערמאַן האָט זיך דער קנייטש צווישן די טיפֿע אויגן אָנגעפּילט מיט בייזקייט און שטילערהייט איז ליבערמאַנס באַוווּסטזיין אָנגעגליט געוואָרן מיט א ווילן אויפֿצורייסן אָט די רויִקייט און די צווייפֿענעמדיקע ווייכקייט אין פּריציש־באַקוועמען מאַיאָנטעק.

— איר זיינט מיד, מיין הער? — פֿרעגט מיטפֿילנדיק דער פּאַרעץ.

— ניין, איך בין גרייט שוין צוטרעטן צום פּלאַן — איז ליבערמאַנס קאָל געווען פֿרעמד.

— וואָס כאַפּט איר זיך אַזוי, איר זיינט דאָך, דאַכט זיך, יונג, נישט ווי איך. בא מיר איז דער קאָפּ שוין אין שניי פֿון די יאָרן. אַך, מיין הער!

ליבערמאַן טרינקט אויס די קאַווע. זיינע ניט איבעריקע שיינע אָבער שטאַרקע ציין הריזגען די ווייכע פּוטער־קיכלעך און די זעלטן־צוגעגרייטע געבעקסן, וואָס די יונגע פֿרוי האָלט אין איין דערלאַנגען אַלע עטלעכע מינוט עפּעס אַן אַנדער סאָרט פֿלאָדן. און פֿרוכטן אויפֿן טיש רופֿן דאָס אויג מיט זייער רייפֿער זאַטקייט און גלאַנציקער פֿרישקייט.

— די פֿלוימען, זעט איר, האָט אַמאָל געפֿלאַנצט מיין מוטער. אַ גרויסע ליבהאָבערן פֿון דעם סאָרט — קוקט אַריבער דורך די גלעזלעך פֿון די ברילן פּאַן פּעשינסקי.

ליבערמאַן האָט געשוויגן.

פּלוצים האָט פּעשינסקי צוגערופֿן די יונגע פֿרוי און איר געהייסן אַריינרופֿן די טאָכטער:

— זאָל ליזאַבעט אַריינקומען אַהער.

די פֿרוי איז שטיל אַוועק. דער אַלטער האָט גערולדיק געוואַרט, עטלעכע מאָל זיך אויפֿגעהויבן פֿון זיין אָרט און צוגעגאַנגען צו דער טיר, זיך איינגעהערן, צי דערנעענטערט זיך ניט די טאָכטער. און ווען ס'איז אַריינגעקומען צוריק די פֿרוי און איינגערוימט עפּעס דעם אַלטן אויפֿן אויער, איז דער אַלטער רויט און בייז געוואָרן. ער הוסט זיך עטלעכע מאָל אויס, שמייסט זיך אַליין איבער די קני מיטן דינעם נאַראַפּניק, וואָס ער האָט שוין באַוויזן ערגעץ נעמען אין דער האַנט.

— איר פֿאַרשטייט, מיין הער, מיט די ייִדן זיינען זיך די פּאָליאַקן שלעכט באַגאַנגען אין 31־טן יאָר, דעריבער האָבן מיר געוואָלט אין 63־טן יאָר מיט אייך צוזאַמען קעגן מאָסקווע, אָבער מיר האָבן פֿאַרשפּילט.

ליבערמאַן האָט אַלץ געשוויגן.

בא פּעשינסקין האָבן זיך צענומען די נאָזלעכער, ער האָט אפגיך צוגעכאפּט די פּיפּקע און פאַרגעזעצט:

— מ'האָט דערטרונקען אין בלוט אונדזער פאָטערלאנד, און מיר זײַנען אף לאנג פארלאָרן, אף לאנג. ייִדן האָבן ווייניק מיטגעהאָלפן. איצט מוזט איר מיטהעלפן, אניט וועט זײַן שלעכט, מײַן הער. דאָס פּוילישׁ פאָלק וועט אויסלייזן די ייִדן; דאָס פּוילישע פאָלק איז דאָס סאמע רעוואָליוציאָנערסטע. פאר אלע פעלקער גיבן מיר אוועק דאָס בעסטע בלוט אונדזערס, און אז עס קומט צו זיך אליין—זײַנען מיר אָנמעכטיק און מיר בלײַבן שטעקן אפן רוסישן באגנעט.

דער אלטער פאָרעץ האָט אומעטיק אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אין אליין האָט ער אויסגעזועען אין די מינוטן אזוי אומגליקלעך, אז ליבערמאן האָט זיך שיר ניט דורכגענומען מיט זײַן שטימונג, אָבער דאָס צעבראָכענע קאָל פונעם פויער, מיט וועלכן ער האָט הײַנט גערעדט, האָט ניכטער א שלאָג געטאָן צום באוווסטזײַן, און ער האָט דערפילט האס צו דער גאנצער פאלשער דעקלאמאציע פון דעם פּוילישן שליאכטיטש.

— איך וועל גיין ארבעטן,—הייבט זיך אוף ליבערמאן, ניט אראָפּנעמענדיק די אויגן פון פאן פּעשינסקי.

— ווארט א רעגעלע,—באלד וועט ארײַנגיין ליזאבעט און זיך אנטשולדיקן פאר אײַך.

ליבערמאן איז ראשיק אוועק פונעם טיש אין קאבינעט, ווו ס'איז געלעגן אלץ צוגעגרייט צום צייכענען.

פונעם סאָד האָט געטראָגן א פרישקײַט, וואָס דערמאָנט, אז ווארעמע טעג וועלן נאָך דויערן און דויערן.

ביז פארנאכט האָט ליבערמאן אָנגעצייכנט א טייל פון דעם אָנגעמערקטן פּלאן. ס'האָט אים ניט געלאָזט רוען דעם פויערס דערציילונג. ער איז ווידער ארויס אין הויף, צו יענעם אָרט, ווו ער האָט געזעען דעם פויער. עטלעכע מאָל האָט ער געוואָלט פארפירן א שמועס מיטן פויער. ער האָט בא זיך באשטימט פארצייכענען אייניקע ציפערס וועגן פארדינסט, וועגן דעם ביודזשעט פון די אָרטיקע פויערים. סע וועט צונוץ קומען פאר אן ארטיקל, וואָס ער האָט גערעכנט שרײַבן; סע וועט צונוץ קומען דערציילן אין ווילנע די כאוויירים וועגן דער לאגע פון די פויערים און איבערגעבן די רייד פון די פריצים, די זיס-לאקריצדיקע און פאלשע רייד. לאָזן זיך עס דערוויסן זייערע כאוויירים, אָט ווער עס האָט אָנגעפירט דאָרטן אין די וועלדער, אף די פעלדער מיט דער ארמיי קעגן רוסלאנד! ווי ציניש סע קומט אויס: גוטע פּוילישע

רעוואָליוציאָנערן, וואָס האָבן געקעמפט און קעמפן פאַר פרײַהײַט, און וועמ שטייט עס הינטער זייערע פלייצעס,—פאַן פּעשינסקי, וואָס שמײַסט פּויערים און רעדט וועגן אידעאַלן...

ס'איז אָנגעקומען א בלינדער פּויער מיט אן אינסטרומענט, וואָס איז ענלעך געווען אף א באַנדורע. דער בלינדער האָט, ווײַזט אויס, דער־פילט א פרעמדן לעם זיך און גענומען ציִען מיט די בלינדע פינגער קלאַנגען פון דעם אינסטרומענט. דער פרעמדער שטעלט זיך אוועק נאָענט צום מוזיקאַנט און הערט זיך אײַן, ווי די בלינדע פינגער רײַסן ארויס איינזאַמע און מאָרעשכוירעדיקע קלאַנגען וועגן די מאָסקאַלן, וועגן דעם ביטערן גורל פון די פּוילישע פּויערים.

ארום דעם מוזיקאַנט האָט זיך צונויפגענומען אביסל עולם; און געקוקט האָט מען דעריקער ניט אפן שפּילער, נאָר אף דעם גאַסט, וואָס זעט אויס דאָ, אין דעם אָנגעלויף, ווי א ניטגעבעטענער און א צופעליקער. ליבערמאַן האָט עס דערפילט און געוואָלט דאַפקע מע זאָל אף אים ניט קוקן אזוי פרעמד און אזוי פאַרווּנדערט.

דער מוזיקאַנט האָט ניט אופגעהערט צו זינגען און צו שפּילן. עס זײַנען צוגעקומען פּויערטעס מיט קליינע קינדער אף די הענט, עטלעכע מענער, יוגנט. פּלוצים האָבן זיך אלע אָנגעהויבן צעלויפן. מ'האָט איבער־געגעבן, אז דער פאַן פּעשינסקי גייט אהערצו, איז אין איין מינוט ארום לעבן דעם בלינדן מוזיקאַנט קיינער ניט געבליבן. פאַן פּעשינסקי איז צו מיט א שמייכל:

— מײַן הער, אײַך ציט אונדזער פאָלק־מוזיק. ס'א גוטער סימען. איך גראַטוליר אײַך מיט דעם.

דער פאָרעץ האָט זיך צוגעבויגן צום בלינדן.

— עפּשער קענסטו L dymem pozárow?

— ניין,—זײַנען גלײַכגילטיק דעם מוזיקאַנטס ווײַסלעכער, וואָס זעען אויס, ווי געלער איבערגעשטאַנענער קעז.

פאַן פּעשינסקי באַדויערט און דערקלערט, אז דאָס איז אמאָל געווען א באַליבטער מאָטיוו.

— איז שפּיל—און באַם שליאַכטיטש האָט א ציטער געטאָן דאָס פּאָנעם, איז שפּיל עפּעס ריירנדיקס...

די בלינדע פינגער זײַנען אוועק איבערן אינסטרומענט, וואָס האָט זיך געפּעסטעט און געוויינט שטיל און שטיקנדיק.

— העכער!—האָט געשריגן דער שליאַכטיטש,—זשאַלעווע ניט די הענט, זשאַלעווע ניט דײַן האַרץ, צעברעך זיך און טרויער איבער אונדזער בראָך.

באם בלינדן האָט פארכאפט דער אָטעם. פונדע־ווייַטנס זייַנען גע־שטאנען די אנטלאָפענע פויערים און פויערטעס און געלאָזט א טרער. זיי האָבן מוירע געהאט צוגיין נאָענט צום שטרענגן שליאכטיטש, וואָס האָט ניט אופגעהערט צו שרייַען אפן בלינדן מוזיקאנט, אז ער זאָל העכער, טרויעריקער און צעבראָכענער ארויסציִען די אומעטיקע שווארצע קלאנגען וועגן פוילנס גורל.

— אך, שאָפענען, שאָפענען דארף מען אהער צו פוילנס טרויער. איר ווייסט, אז שאָפען איז א פאָליאק?

ליבערמאן איז אוועק צו זיך, ס'איז אים לאנג נאָכגעגאנגען דעם שליאכטיטשעס געשרייען אפן בלינדן מוזיקאנט.

... אפן דריטן אינדערפרי האָט ליבערמאן ווידער געהערט גוואלדן און פארשטאנען, אז עמעצער האָט זיך ווידער פארזינדיקט פארן פאָרעץ.

— וולאדעק,—איז דער פאן געווען רויט, און די האָר אפן קאָפ זייַנען געווען צעפלאָנטערט—וולאדעק, דו ביסט א שלעכטער אופזעער, דו צעלאָזט די כלאָפעס...

ליבערמאן האָט געבעטן שפאנען די בריטשקע.

פעשינסקי האָט געמיינט, אז ליבערמאן איז נאָך אלץ באליידיקט פאר דער באגעגעניש:

— איר האָט דאָך נאָך ניט געענדיקט.

— איכל ענדיקן אין שטאָט. בא זיך אינדערהיים.

פארן אָפפאָרן דערהערט ליבערמאן איבערגעפלאָנטערטע טריט הינטער דער טיר:

— ליזאבעט, איך הייס אין נאָמען פון אונדזער היילינקן פאָטערלאנד, מע דארף זייַן בעשאָלעם מיט די ייִדן.

אָבער דאָס האָנאָריסטע מיידל רייַסט זיך אויס פונעם טאטנס האנט און אנטלויפט אין דער שטילקייַט פון די ווייַטערע צימערן. דער פאָטער לויפט איר נאָך, עס העלפט אים גאָרניט.

ווען ליבערמאן איז שוין געזעסן אף דער בריטשקע, זאָגט דער שליאכטיטש:

— פארגעסט ניט דעם וועג צו מיר.

וולאדעק האָט א שמייַס געטאָן די פערד, און די בריטשקע איז אוועק אנטקעגן דעם גרויסן פרימאָרגן אפן שליאך צו ווילנע.

דאָס פערד איז אוועק טריס בא דער זייַט פונעם גלייַכן און שטויביקן שליאך.

XXXVII

צוויי פיגורעס זײַנען איבערגעבויגן איבער א געוויינלעכן שוסטער־ווארשטאט. אפן ווארשטאט איז געשטאנען א ליכטל. ס'האָט פון דעם געקאפּעט דער כיילעוו. אלע מאָל האָט איינער פון די צוויי אויסגע־שטרעקט א האנט און געלאָזט אָפּטריפן דעם כיילעוו, וואָס קלײַבט זיך צונויף פונויבן באם קנויט און שטיקט דאָס פײַער. ווען די האנט רירט זיך צו צום ריטשקעלע, ווי דער כיילעוו, ווערט ליכטיק אינעם נידעריקן דאטשע־צימערל.

איינער פון די צוויי זאָגט:

— ניאָמע, איך נעם זיך ארויס די אויגן.

— נעם נאָך ניט, ארקאדי, מיר דארפן נאָך האָבן דײַנע אויגן.

שוין א פּאָר כאדאָשים, אז זונדעלעוויטש האָט איבערגע־ראָגן די קווארטיר הינטערן ש:אָט לעם דאטשנע אָרט „זשעלעזנאיא כאטקא״, מיט אים צוזאמען וווינט יאָכלסאָן.

ביידע לערנען זיך שוסטערײַ.

עס טרעפן טעג, ווען זיי גייען ניט ארויס פונעם נידעריקן שטיבל. מ'איז אזוי פארכאפּט פונעם אויסלערנען זיך די מעלאָכע, אז עס דאכט זיך זיי אויס—געבוירענע שוסטער זײַנען זיי און וועלן שוין אף אייביק פארבלײַבן באלמעלאָכעס.

יאָכלסאָן ערגערט זיך שטארק, ווען ער זעט, אז די ליכט גייט אויס:

— איכל הײַנט ניט ענדיקן די זויל.

זונדעלעוויטש לאָזט ניט ארויס דעם ציבעק פונעם מויל. ער דערזעט דעם כאוועריס שווארצע וואָנצעלעך, אף וועלכע ס'איז פארגליווערט גע־בליבן א שטיקל כיילעוו, צעשמייכלט ער זיך:

— איך וויל אוועק אין פאָלק, אָבער ציִען ציט מיך צו קאָנספּירא־טיווער ארבעט. איך האָב ליב, אונטער דער נאָז פון פּאָליציי, סאמע אף דער גרענעץ, איבערפעקלען אונדזער קרעמל. א פארגעניגן! און גיי כאפּ מיך!

די ליכט קנאקן, ווי מע קנאקט ניסלעך.

— דו הערסט, ניאָמע, מירן אופהייבן א וועלט פאר אונדזער אידייע.

יאָכלסאָן איז עטלעכע מאָל ארויסגעלאָפן אינדרויסן, געוווארט אפן יידן, וואָס לערנט זיי די מעלאָכע.

— לייזער וועט הײַנט קומען?

זונדעלעוויטש איז געזעסן פארוויקלט אין קנוילן רויך און ניט געענט־

פערט דעם כאוואר. עפּעס איז ער היינט אין א געהויבענער שטימונג. צו וואָס גרייט ער זיך, ארקאדי? זיינע אויגן זיינען פארקלערט. געוויס וואַרט ער אף א טראנספּאָרט. און אלעמאָל איז זיין פארקלערטקייט אן אנדערע, נישט ענלעך אף דער פריערדיקער, פּונקט ווי דער פּלאן פון אריבערפּעקלען דעם טראנספּאָרט איז קיינמאָל ניט ענלעך אפן פריער־דיקן פּלאן.

וויפל, וויפל פארבאָרגענע ערטער זיינען אים באקאנט אף דער גרע־נעץ. ווען ער זאָל צונויפשטעלן א קארטע פון דער גרענעץ־ליניע, וואָס איז באקאנט זיינע דרייסטע טריט, וואָלט זיך באקומען הונדערטער ווערסט!

אָבער א מעלאָכע דארף מען זיך אויסלערנען, עס וועט אויסקומען גיין צום פּאָלק, דארף מען דאָרט זיין אן אייגענער מענטש, קאָנען שיך נייען, הויזן נייען, מאכן טישן.

— ווער גייט עס דאָרטן?

— קוים מיט צאָרעס, לייזער.

די טיר האָט א קרעכץ געטאָן, אין צימער שטעלט זיך אריין א ייִד א גוואר, א ברייטפּלייציקער, מיט גרויסע הענט. א פעד־שווארצע באָרד פאלט אריבער אף דעם פארשמאָלצעוועטן פּידזשאקל.

— די הענט מעג מען אייך צעברעכן, שוסטערס פארדריפּעטע, קיינער וויל אייער סכוירע ניט קויפן.

— רעב לייזער—טאָרעט יאָכלסאָן זיינע וואָנצעלעך—איך וואַרט אף אייך. די זויל ווייס איך ניט ווי צו פארקאנטעווען.

— ביסט א קאליעקע און וועסט ניט זיין קיין שוסטער,—קוקט זיך איין רעב לייזער מיט זיינע קילע אייגעלעך אף די יונגעלייט.

— פארוואָס איז?

— מיר לוינט ניט מיט אייך האָבן צו טאָן. וואָס האָב איך פון אייך? בא מיר, אז ייִנגלעך ווילן זיך לערנען, טראָגן זיי פינף יאָר די פּאָמוינעצעס, דערנאָך זיינען זיי א יאָר דריי שיקייִנגלעך און ניאנטשען מיינע פּופּקעס, און ערשט נאָכדעם ווייז איך זיי, ווי א שטאָך צו טאָן.— און איר, יונגעלייט, ווילט זיך אויסלערנען צו זיין באלמעלאָכעס אין איין אויגנבליק. א פּאָר כאדאָשים אָפּגעסטריגעוועט און שוין פארדינען געלט! אזוי גיך פארדינט מען ניט בא אונדזער מעלאָכע. איר האָט זיך נאָך גאָרניט אָנגעמוטשעט...

זונדעלעוויטש האָט זיך אופגעהויבן פונעם אָרט:

— רעב לייזער, וועמעס איז עס געצייג?—אונדזערס. ווער קויפט

אײַך דאָקלאַד? — מיר. און װעמען גײט דאָס פאַרדינסט פון דער גרייטער סכוירע? — אײַך. װאָס זשע װילט איר נאָך?

באַם ייִדן האָבן די קילע קלײנע אויגעלעך אָנגעהויבן פאַרדראָסיק צו פינטלען:

— װאָס איז אַזױנס? לערן איך דאָך אײַך דערפאַר צו זײַן שוסטערס. זונדעלעװיטש נעמט אים אָן באַ דער באָרד:

— הערט אויס, רעב ייִד, איר װײסט, צוליב װאָס מיר טוען עס? איר זײַנט דאָך אַ לײַטישער מענטש, מיר האָבן אײַך פאַרטרויט אַ גרויסן סאָך, גאָר, שאַ...

— װאָס טויג מיר סוידעס. גוט, איך בין אַ לײַטישער מענטש. איך װײס. ס'איז אָבער װײניק פאַרנאָסע, ליבע יונגעלײַט, װײניק, װי איך בין אַ ייִד.

די ליכט האָט זיך געלאָשן פון װינט, װאָס איז געקומען פונעם אָפענעם פענצטער. מ'האָט פאַרמאַכט דאָס פענצטער.

יאָכלסאָן האָט צוגעטראָגן אַ שוך דעם שוסטער און געבעטן װײַזן, װי פאַרקאַנטעװען די זויל.

רעב לײזער האָט אַרופגעכאַפּט אױף זיך אַ פאַרטעך, גענומען אַ שטיקל געצײַג אין דער האַנט און זײער שנעל באַװיזן, װאָס מע דאַרף טאָן.

— דאָס איז באַ אַן אײדעלן שוך, און באַ אַ פּויערשן שוך מעגסטו ניט אַזוי. אַ פּאָשעטער שטיװל מעג בלײַבן ניט פאַרקאַנטעװעט.

— פאַרװאָס איז, רעב לײזער?

— זײ מעגן גײן אָן אַ שײנעם קאַנט.

— װער זײ?

— נו, די פּויערים.

— פאַרװאָס איז?

— װײַל די שטיװל װעלן אַלצײנס װאַדזגען אין דער סליאָטע אױפן יאַריד אָדער אין דער דאָרפישער בלאָטע. װאָס־זשע דאַרפסטו זיך מוטשען?

ביידע יונגעלײַט נעמען דערקלערן רעב לײזערן, אַז, פאַרקערט: די פּויערים האָרעװען, גיבן אונדז ברויט, דאַרף מען פאַר זײ צוגרײטן גוטע שיך, זײ זאָלן אױסװאָרעמען די אױסגעהאָרעװעטע פיס.

— ניט גוט רעדט איר, רעב לײזער, מע טאָר ניט אַזוי.

— אַז װאָס טויג מיר פיזיקע־מיזיקע, אַזוי איז עס: אַ גראָבער פוס טראָגט אַ גראָבן שוך, אַן אײדעלער פוס טראָגט אַן אײדעלן שוך. נאַ, זע, װעל איך דיר װײַזן אַ נײַע מאָדע. איך האָב געמאַכט דעם גובער־

נאטער א פּאָר שיך מיט געפּוצטע שטעך. גיב אהער אָט יענע פּאָר — דער ייִד האָט זיך אופגעהויבן, אראָפּגענומען פון דער וואנט א פּאָר האלב־גרייטע שיך און זיך אוועקגעזעצט פּלײַסיק ווײַזן, ווי מע מאכט די געפּוצטע שטעך.— און דאָ, זעט איר, יונגעלײַט, שיט מען ארײַן אביסל ווײַסן פּראָשעק—איך האָב אזא מין פּראָשעק—ווערן זיי ווײַס, ווי שניי. אָט האָסטו געזילבערטע געפּוצטע שטעך—איז ווי געפעלט אײַך מײַסע־יאָדיַ, מײַנע ליבע יונגעלײַט, דערציילט איר מיר, אז פּויע־רים דארפן זײַן געגליכן צום גובערנאטער. לאָז מען פון אײַך ניט לאכן. אנו, רעב ניאָמע, ווײַזט נאָר אהער די זויל. פײַן, פײַן—דרייט רעב לייזער דעם שוך אין דער האנט—עס וואקסט פון אײַך א לײַט...

יאָכלסאָן האָט צופרידן געשמייכלט.

אינגיכן זײַנען אָנגעקומען ליבערמאן, ווײַנער, בארעל, דער הויקער וואנעל און נאָך אייניקע.

לייזער האָט מיט זיך פארנומען די גרייטע שיך, וואָס די יונגעלײַט האָבן פארן טאָג צוגעגרייט, און איז אוועק אָן א זײַ־געזונט.

בארעל האָט זיך געכאפּט פאר א פּאָדעם און געוואָלט צוציִען א לאטקעלע אף א שוך. די כאווײרים האָבן פון אים געלאכט:

— א גאָלדשמיד—א שוסטער.

Беда, коль пироги начнет печи сапожник,
А сапоги тачать пирожник...

בארעל אליין האָט אויך געלאכט. זײַנע רויטלעכע באקן האָבן גע־פלאמט און ייִנגלש געקוועלט קעגן דער בלאסער ליכט־שײַן.

— ער וועט ברענגען אין פּאָלק ארײַן גאָלד, ניט קײַן שיך.

— גאָלד, גאָלדענע אידייען—האָט ליבערמאן באמערקט און פּאָטער־לעך א קלאפּ געטאָן דעם יונג איבער דער פּלייצע.

זונדעלעוויטש האָט פארמאכט די ט׳ר, פארשטעלט די פענצטער מיט לאָדן, וואָס זײַנען צונויפגעקלאפּט פון ברעטלעך.

— סע וועט זײַן הייס,—האָט ליבערמאן צוריק אופגעעפנט די טיר,— וואָס האָבן מיר מוירע. ס׳איז דאָ אן אײַנזאם שטיבעלע אין וואלד, קיין לעבעדיקער נעפעש, אָט זעט — א הימל פון טכיילעס, פון טונקעלן טכיילעס, אָט זעט!

וואנעל, דער הויקערדיקער, מיִעסער באָכער האָט געבעטן פארמאכן די טיר. ער האט געציטערט. ס׳איז אים דאָס ערשטע מאָל אויסגעקומען צו זײַן צווישן די יונגעלײַט אף אזא געהיימען אויפן. ער טוליעט זיך

צו באַרעלן, וואָס האָט אים אהער מיטגעבראַכט. דער הויקער האָט ניט צוגענומען די אויגן פון דער טיר, ווו ליבערמאַן האָט זיך אוועקגעשטעלט און געשריגן אף די כאַווײַרים:

— אַז איר באַנעמט ניט, אַז מיר מוזן צו אַלעם ערשטן צווישן ייִדן עפּעס אופּטאָן. ס'איז ניט נאָר פינצטער דאָרטן בײַ זיי אין דאָרף, נאָר אויך בײַ אונדז אין שטעטל. מיר האָבן ניט אונדזער סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ. די אומעס־האָוילעם פאַרמאָגן, און מיר—ניט. מיר זײַנען די ערשטע, דאַרפן מיר, אַלס ייִדן, גיין צו ייִדן.

— וואָס וויל ער?—איז יאָכלסאָן ניט אײַנגעזעסן—לאָזט מיך זאָגן.

— וואַרט אויס—ליבערמאַן האָט מיט דער האַנט געקלאַפּט איבער דער אָפענער טיר, וואָס גייט אַרויס אין וואַלד.

זונדעלעוויטש הייבט זיך אוף און גייט פּאַמעלעך צו, פאַרמאַכט די טיר, אָפּשטויסנדיק דערבײַ ליבערמאַנען פון דער שוועל.

— זאָל זײַן אָפן, לאָמיר זען דעם הימל, א בוים—בעט ליבערמאַן.

אָבער זונדעלעוויטשעס קאַטעגאָרישקייט האָט איבערגעשפּאַרט ליבערמאַנס פאַרלאַנג.

— פּאָעזיע־שפּעטער,—האָט צווישן די ציין זונדעלעוויטש אַרויסגעזיפּט—שפּעטער.

— אף וועלכער שפּראַך רעכנט איר צו ריידן מיט די ייִדן?—פרעגט מען ליבערמאַנען.

דער שטערן איז בײַ אים געוואָרן פול מיט קנייטשן. ער האָט אונטערגעשפּאַרט די באַק מיט א האַנט, עפּעס געמורמלט:

— זשאַרגאָן, צי העברעייִש?!

— צו די רוסן קומט מען מיט דער שיינער ליטעראַרער קולטורשפּראַך פון פּושקינען, וועלן מיר צו אונדזער פאָלק גיין מיט דער שפּראַך פון טאַנאַך.

— מײַן מאַמע קען ניט קײַן טאַנאַך!—האָט א קאָל פול מיט כויזעק געטראָפן אין ליבערמאַנען.

— אײַערע מאַמעס וועלן טכינעס זאָגן און צענע־ווערענע לייענען. ייִדישע יונגעלײַט אין די יעשיוועס לעכצן נאָך אונדזער וואָרט.

— דאָס אַלטע לידל,—האָט זונדעלעוויטשעס ציבעק אַרויסגעוויכערט.

— ייִדישע אינטעליגענץ מוז גיין פריִער צו די אייגענע וואָרצלען, אַניט, זײַנען מיר ניט די ווערט אונדזער גרויסע אַרבעט—האָט זיך ניט באַרויִקט ליבערמאַן.

— נו, און לאַסאַל?!

— נו, און מארקס?

— אך, לאסאל, ס'איז ניט קיין מאָשל...

ליבערמאן האָט זיך פארהוסט פון זונדעלעוויטשעס ציבעק. מיטאמאָל הייבט ער זיך אוף און רייסט אוף די טיר אינדרויסן ארויס.

זונדעלעוויטש האָט אומצופרידן געדרייט מיטן קאָפּ צו ליבערמאנען:

— דו ווילסט זיך ניט צוגעווינען צו קאָנספּיראציע.

די ליכט האָבן זיך ווי צוגעזעצט אין די קליינע לייכטערלעך אפן ווארשטאט. ארום אין דער טונקלקייט האָבן די יונגעלייט אויסגעזען, ווי אן אוילעם, וואָס איז געקומען אויסהערן א זאָגערן. ס'איז געווען שטיל, אייניקע זיינען ניט מאסקים געווען מיט ליבערמאנס טיינעס.

„דאָס הייסט ניט גיין אין פאָלק, דאָס הייסט ניט קיין ברייטער וועג פון פּראָפּאגאנדע"—האט מען בא זיך געטראכט.

ליבערמאן האָט זיך געהיצט: ער וועט אָנשרייבן א פּראָקלאמאציע, אלע וועלן זיך אָפּרופן, אלע פון די יעשיוועס, אלע וויל-לערנער, וואס זיצן אף קעסט באם שווער. אָט וועט מען זען. עס וועלן אויסוואקסן מענגעס. מע וועט צוזאמען מיט אלע סאָציאליסטן, מיט די רוסן, מיט די פּאָליאקן, מיט די דייטשן, מיט...

— וואָס, ניט אזוי?

מ'האט געשוויגן.

ווינער האָט ווי שטענדיק געשריבן אף פּאפּירלעך און די פּאפּירלעך באלד צעריסן.

דער הויקער וואנעל האָט ניט אראָפּגענומען זיינע הייסע קראנקע אויגן פון ליבערמאנס געזיכט.

פון דער טיר איז געגאנגען אן אפדערנאכטיקע פרישקייט. דורך דער אָפענער טיר האָט מען געזען שווארצעביימער מיט צעפלאָנטערטע קרוינען, וואס גייען אוועק צו די שווייגנדיקע שטערן. דער וואלד איז שווארץ, שטום און אָפּגעזונדערט.

— ניין, ניין—מ'איז ניט מאסקים מיט ליבערמאנען. לאָז ער שרייבן פּראָקלאמאציעס. סע וועט גאָרניט ארויסקומען. מע דארף גיין צו די פּויערים, צום פאָלק, עס אופהייבן. אָט האָט דאָך ליבערמאן אליין אנומלטן דערציילט וועגן די פּויערים אין דאָרף. וואָס זשע, ער האָט עס שוין פארגעסן?

ליבערמאן איז אוועק א צעבראָכענער פון דער פארזאמלונג.

יאָכלסאָן מיט זונדעלעוויטשן האָבן נאָכדעם אין דאַטשע-שטיבל אף „זשעלעזנאיא כאטקא" זיך געלייגט שלאָפן בא אן אָפענעם פענצטער.

— הערסט,—האָט שפּעטער זונדעלעוויטש געזאָגט—זאָל זײַן אָפן, וועט ארויס דער רייעך פון די יעשיווניקעס, וואס ליבערמאן האָט אָנגעלאָזט. פּע, מיך שטיקט עס...

XXXVIII

אין איינעם א פאַרנאַכט איז אָנגעקומען דער מעכאַבער פײַערגאָלד קײַן ווילנע. וווהין צו פאַרפאָרן האָט ער ניט געהאַט און דאָ איז שוין צוגעפאַלן א געדיכטער אָפּדערנאַכט. באם באַלעגאָלע זיך עפּעס דערווײסן אין געוועזן שווער.

אָט וועט פײַערגאָלד גיין זיך דערפרעגן באם באַלעגאָלע און זיך צעלייגן מיט זײַן ייכעס, אז ער איז דער מעכאַבער פונעם „ליטווישן מיידל". מיסטאָמע האָט מען עס דאָפּקע דאָ געלייענט, און זיצנדיק אַף דעם פורל, וואָס פירט אים פון וואָקזאַל אין שטאָט אַרײַן, טוט פון ציקאַוועסט־וועגן דער מעכאַבער א פרעג באם באַלעגאָלע:

— רעב ייִד, שוין לאַנג א באַלעגאָלע?

— נאָך מײַן טאַטנס יערושע.

— אזוי? קענט איר דאָך גוט די שטאָט!

— נאָך ווי אזוי?

דער מעכאַבער פאַרטראַכט זיך א ווײַלע און בלײַבט שטיל.

דער באַלעגאָלע קערעוועט זיך אויס צום גאַסט:

— איר זײַנט ניט קײַן היגער?

— ניין.

— פונוואַנען איז עס א ייִד?

— פון אָדעס.

— אָדעס, איך בין דאָרטן געוועזן, אָבער שוין לאַנג, גאָר לאַנג.

די אָפּדערנאַכטיקע גאַסן אין ווילנע זײַנען בלינד, אָן לאַמטערנעס. קויטיק און פײַכט־אומהיימלעך.

שוין עטלעכע מאָל האָט דער באַלעגאָלע געפרעגט פײַערגאָלדן, וווהין זאָל ער אים פאַרפירן, אָבער קײַן ענטפער ניט באַקומען. בא א ראָג טוט פלוצים דער באַלעגאָלע א שפּרונג אַראָפּ פון די קאָזלעס און פרעגט אביסל אופגערעגט:

— וואָס־זשע, איר רעכנט, אז מירן מיט אײַך פאָרן א גאַנצע נאַכט?

— כאָלילע—בלײַבט בא זיך פײַערגאָלד אָפּהענטיק—ווער פאַרלאַנגט עס דען פון אײַך?

— וואס זשע דרייט איר א מיך? — אָדער באַצאָלט, אָדער זאָגט, וווהין אײַך צופירן.

פײַערגאָלדן האָט איבעראַשט דעם באַלעגאָלעס פּלוצימדיקע ניט־פרײַנטלעכקייט. ער האָט זיך ניט אײַנגעשטעלט פאַרפאָרן צו דווירע ראָם, דער אייגנטימערן פון דער באַרימטער ווילנער דרוקערײַ. ער האָט געוואָלט האָבן נאָך אַביסל יִשעיו־האַדאַעס מעקויעך דעם. ס'איז אים עפּעס ניט אָנגעשטאַנען צו קומען אומגעריכט. ווער ווייס, ווי מע וועט אים אופנעמען? אָבער ווו ערגעץ אַנדערש זיך אָפּשטעלן האָט ער ניט געהאַט, און אין אכסאַניע ניט געוואָלט, בעשומויפן ניט.

פײַערגאָלד איז געווען פון יאָרנלאַנג א צוכט און מוירע געהאַט פאַר אכסאַניעס, ווי פאַרן טויט.

— הערט אויס, פעטער — רופט זיך אָן פײַערגאָלד צום באַלעגאָלע, — א מײַסע־ביכל לייענט איר?

אינדערפינצטערניש זעט ניט פײַערגאָלד, וואס פאַר אן אײַנדרוק ס'האט געמאַכט זײַן פרעגן אפן באַלעגאָלע, ווײַל יענער שווײַגט.

פײַערגאָלד כאַזערט אים איבער.

פונעם באַלעגאָלע טוט עפּעס א ברום ארויס. פײַערגאָלד פאַרשטייט ניט, צו וואס עס האָט א שײַכעס. דערנאָך דערהערט ער דײַטלעך:

— איך לייען ניט. אז מע לייענט, הער איך. וואס בין איך א טויבער? אנטקעגן וואס פרעגט איר עס מיך?

— אויב איר לייענט, ווייסט איר זיכער די מײַסע מיטן „ליטווישן מיידל".

דער באַלעגאָלע האָט געשוויגן. פײַערגאָלד האָט אופגעשטעלט מויל און אויערן עפּעס צו כאַפּן.

— הער נאָר א מאָשל, ער וויל מיר פאַריידן די ציין. וואס דען, איך ווייס אוואדע. איר מיינט, אז א באַלעגאָלישע נעשאָמע איז קײַן נעשאָמע ניט — און ער נעמט זיך איבערדערציילן די פּאָפּוליערע געשיכטע פונעם ליטווישן מיידל. פײַערגאָלד דערפרייט זיך שטאַרק, שלאָגט איבער די געשיכטע, דערגאַנצנט און כאַפּט אויס אייניקע ציקאַווע שטעלן פון דער געשיכטע.

— איר ווייסט עס אויך?

— ניין, איך האָב עס געמאַכט.

— וואָס הייסט?

— נו, איך בין...

— אזוי? זײַנט איר עס, הייסט עס, דער טאַטע פונעם „ליטווישן

מיידל". שאָלעם אליכעם, וווהין זאָל איך אײַך פֿאַרפֿירן, הער נאָר א מײַסע—גייט ווייסט!

פֿײַערגאָלד האָט אופֿגעלעבט, דער באַלעגאָלע איז צוריק אַרוף אָף די קאָזלעס און ווי אינסטינקטיוו אויסגעשריגן:

— האָב איך פֿאַר אײַך אַן אָרט, מײַן ליבער טאַטע פֿונעם ליטווישן מיידל, ווי איך בין אַ ייִד, אַ גוט אָרט. הערט מיך אויס, טאַקע צו דער אַלמאָנע אליין. אַנו, פֿערדעלעך, הײַדאַ! פֿאַרקערעוועט זיך נאָך אָט דאָ דורך דערדאָזיקער גאַס. אָט, אָט—מײַנע קעלבעלעך, קוקט נאָר גוט וווהין איר לויפֿט, איר זאָלט מיר נאָר ניט אויסשיטן דעם טאַטן מײַנעם פֿונעם טײַערן מיידל. וואָס־זשע שווײַגט איר, הערט נאָר אויס.

לעם דער דירע פֿון דווירע ראָם האַט באַ דער לאַמטערן־שײַן פֿײַערגאָלד דערזען אַ געזונטן באַלעגאָלע מיט אַ היפּשער גוליע אָפֿן שטערן, אַזוי, אַז דער דאַשיק איז געווען פֿאַריסן און צוגעגעבן דעם פּאָנעם אַ ווילדיונגערישן און צעלאָכעסדיקן אויסזען. דער באַלעגאָלע, פֿון זײַן זײַט, האָט גוט געוואָלט באַטראַכטן דעם באַרימטן מעכאַבער און אַלץ זיך געבויגן צו אים, זיך אײַנגעקוקט מיט נײַגער, אָבער ער האָט געזען בלויז געגאָלטע באַקן און אַ קאַסטאָרענעם הוט, וואַס האָט אַזוי ניט געפּאַסט צו דעם דרויסן מיט די האַלב־קרומע און טונקעלע גאַסן.

דער באַלעגאָלע האָט אַרײַנגעפֿירט דעם מעכאַבער אין פֿעדערצימער, אופֿגעשטעלט די האַנט, באַקומען אַ מאַטבייע און איז אַוועק.

פֿײַערגאָלד איז געבליבן שטיין אין גרויסן פֿעדערצימער, וואַס איז געווען פֿאַרשטעלט און פֿאַרלייגט מיט ספֿאָרים, מיט אַלטן אָפּגענוצטן מעבל און מיט פֿאַרשיידענע קאַסטנס.

קיינער איז ניט אַרויסגעקומען. דער געקומענער האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. ער האָט צוגעקוועטשט זײַן רענצעלע נעענטער צו די פֿיס און זיך אַרומגעקוקט. דערנאָך האָט ער עטלעכע הוסט געטאָן אין פּוסט אַרײַן, אײנעם אַ הוסט אויסגעצויגן בעקיוון, מע זאָל דערהערן—אָבער קיינער קומט ניט, קיינער הערט ניט.

דער געקומענער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס רענצעלע אין אַ זײַט און זיך געלאָזט צו אַ טיר, אָנגעקלאַפּט—קיינער ענטפֿערט ניט, ער עפֿנט די טיר—אין צימער איז אַ טונקעלע שײַן און קײַן לעבעדיקע בריִע.

פֿײַערגאָלדן איז געוואָרן אומעטיק פֿון דער גאַנצער געשיכטע. ער שטעלט זיך אײַן און רופֿט:

— זײַט אַזױפֿיל גוט, זײַט אַזױפֿיל גוט.

און װען קײנער רופֿט זיך ניט אָפּ, גײט ער װײַטער צו אַ טיר, װאָס פֿירט אין אַ דריטן צימער, קלאַפּט אָן שטילערהײט, עפֿנט זי טײקעף און לאָזט זיך אַרײַנגײן.

— װאָס װילט איר?—פֿליט פֿון אַ װינקל אַ מײדלש קאָל.

פֿײַערגאָלדן איז שװער צו באַשלײסן, װאָס צו ענטפֿערן. ער טוט עפּעס אַ מורמל. מיסטאָמע פֿאַרשטײט ניט דאָס מײדל. זי צעשרײַט זיך:

— מיריעם, װאָס לאָזט איר אַרײַן די שלעפּערס. מע גיט זײ עפּעס דאָרטן אױף דער קיך, און דאָ האָבן זײ ניט װאָס צו טאָן. איר הערט, מיריעם, װאָס איך זאָג אײַך?!

פֿײַערגאָלדן האָט עס נאָך מער געפּלעפֿט, ער װײסט זיך ניט װי אױסצודרײען, דער הוט אױפֿן קאָפּ הײבט זיך אױך אָן צו דרײען פֿאַר בושה. קױם־קױם װאָס ער זאָגט:

— באַרישניע, איך בין ניט געקומען נאָך קײַן נעדאָװע...

פֿון דעם װינקל האָט זיך אױפֿגעהױבן אַ הױך מײדל, צוגעגאַנגען צום אַרײַנגעקומענעם, אים באַטראַכט, פֿאַרשטאַנען, אַז זי האָט אַ טאָעס געהאַט און געפֿרעגט:

— װעמען דאַרפֿט איר, יונגערמאַן?

פֿײַערגאָלד איז צו זיך געקומען, אַ שמײכל געטאָן:

„אָ, איצט װײס איך, אַז איך בין אַ יונגערמאַן”.

דאָס מײדל האָט ביטלדיק אַ קוק געטאָן אױפֿן ניטגעבעטענעם גאַסט, װי אײנער רעדט: „װײניק אַזױנע פֿאַרשױנען שלאָגן דאָ אָפּ די שװעלן, אַ געשעפֿט האָב איך מיט דיר”, און אַװעק עמעצן אַרײַנשיקן אַהער.

אינגיכן איז אַרײַנגעקומען אַ ברײטע ייִדענע אין אַ מאָדנער קרינאָלינע. ס׳איז קלאָר געװען פֿאַר׳ן סאַמע אומדערפֿאַרענעם אױג, אַז דער ייִדענעס טאַליע שטיקט זיך אין האַרטע אומבעראַכמאָנעסדיקע פֿישביינדלעך פֿון אַ קאָרסעט, אָבער זי האַלט זיך. די דאָזיקע הױכגעשטעלטע גראַנד־דאַמע טוט אַ פֿרעג דעם געקומענעם אױף אָפּצוקומען:

— זיצט. װער זײַנט איר און װאָס האָט אײַך געבראַכט אַהער?

פֿײַערגאָלד רופֿט אָן זײַן פֿאַמיליע און זאָגט צוליב װאָס ער איז אַהער געקומען. אָבער ער װעט מיטאַמאָל אױף אײן פֿוס ניט נעמען אַלץ דערצײלן.

די דאַמע האָט אַװעקגעשטעלט אױפֿן טיש די היפּשע דיקע ליכט, װאָס זי האָט מיט זיך אַרײַנגעבראַכט פֿונעם שכײנעסדיקן צימער, און האָט

דער טאָכטער געהייסן אַרײַנרופֿן מירימען. די טאָכטער איז אַוועקגעגאַנגען. באַלד איז אַרײַנגעקומען אַ דאַרע ייִדענע.

— באַלעבאָסטעניו? — האָט געוואָלט פֿרעגן די דינסט.

— פֿאַר די בענטש־ליכט, מירעלע, וועסטו זיך פֿאַרענטפֿערן, דער־ווײַלע טראָג אַרײַן אַ גלאָז טיי...

פֿײַערגאָלד האָט ניט אויפֿגעהערט צו באַטראַכטן די אַלמאָנע ראָם, ווי זי פֿערלט אירע ווערטער, ציילט זיי אויס, ווי גאָלדענע מאַטבייעס. דערבײַ האָט זי אײַנזינען, — ניט פֿאַר יעדערן קאָן מען שיטן גאָלדענע מאַטבייעס.

— וויל איך פֿאָרט וויסן, וואָס האָט אײַך געבראַכט אַזש פֿון אָדעס צו אונדז?

— מיסכאָרים, — איז קורץ פֿײַערגאָלד.

— וועלכע?

— נו, איר זײַנט, באָרעכאַשעם, אַ פֿאַרלעגערן, און איך בין אַ מעכאַבער.

— האָט איר דען אַ גוטן שאַס געמאָרע? מיסטאָמע ברענגט איר מיט זיך לידלעך, פֿידלעך, שמידלעך, עפּשער מיט נאָטן, עפּשער אָן נאָטן. מיר זײַנען ניט קיין באַלאָנים.

פֿײַערגאָלד האָט אַ פּאָר מאָל דערהערט, ווי די ברייטע פֿרוי קהימט אים איבער זײַן אָדעסער אויסשפּראַך.

— ניט, ניט, בעסער קאָן ניט זאָן — שראַבט אָן נאָך אַ „ליטוויש מיידל", וועלן מיר דעמאָלט ריידן.

דער מעכאַבער האָט שוין געזוכט די טיר, ווי אַרומער אַרויס, אָבער די באַלעבאָסטע ראָם האָט ווידער אַרײַנגערופֿן די קיך־ייִדענע און איר געהייסן אויסבעטן אַ געלעגער פֿאַרן גאַסט:

— געוויס האָט איר דאָ ניט וווּהין דעם קאָפּ אַוועקלייגן, ווי שטענדיק מיט אײַערע לײַט.

פֿײַערגאָלד האָט בלויז באַוויזן צו זאָגן דער מאַדאַם ראָם, אַז געקומען איז ער גאָר צוליב אַן אַנדערן אינייען און אינדערפֿרי וועט ער עס איר זאָגן, ער איז איצטער מיד פֿונעם וועג.

מאַדאַם ראָם האָט צוגענומען די געבראַכטע ליכט פֿונעם טיש און, אַ לײַכטן קלאַפּ טוענדיק מיט דער טיר, ניט געבליבן אין אַ ווײַטערן צימער, ווו אירע שווערע טריט האָבן לאַנג געהילכט און דערמאַנט דעם געקומענעם מעכאַבער אין דער וויסטער אומהיימלעכקייט, מיט וועלכער „ירושאָלאַיִם דעלִיטע" האָט אים, דעם באַרימטן מעכאַבער, באַגעגנט.

אין צימער, ווו פײַערגאָלד איז געשלאָפן, האָט מיריעם אינדערפרי אריַינגעטראָגן קאווע מיט פוטער־געבעקס און אוועקגעשטעלט עס אפן טיש.

ווען פײַערגאָלד איז שוין געזעסן באם טיש, איז אריַינגעקומען די אלמאָנע ראָם אין א ליַיכטן קאפאָט, וואָס האָט זי נאָך ברייטער און פולער געמאכט, ווי זי איז אינדערעמעסן. זי האָט זיך אזוי אופמערקזאם צוגעקוקט צו פײַערגאָלדס ברילן און, דעריקער, צו זיַין קורץ טשוביקל האָר, וואָס איז אים געהאנגען אונטער דער אונטערשטער ליפּ. צוזאמען מיט די פולע אופגעבלאָזענע וואָנצעס האָט דאָס טשוביקל אויסגעזען ווי א פינקטלעכער דריַיעק און כיינעוודיק און מילד געמאכט דעם מעכא־בערס פּאָנעם.

— זעט נאָר — רופט זיך אָן ראָם — ווי בא איַיך אין אָדעס פּוצן זיך די יונגעליַיט.

פײַערגאָלד האָט געשוויגן, זיך געפּאָרעט בא די גאָלדענע דרעטלעך פון די ברילן און בעפּיירעש ניט געפונען וואָס צו ענטפערן. ער האָט אומגעבעטענערהייט זיך גענומען צו דער קאווע און צו די פּוטער־קיכלעך.

— עסט, עסט, — האָט פארשפּעטיקט די מאדאם ראָם אופצונעמען דעם גאסט, — ווילנע איז א געבענטשטע שטאָט, עסן איז, באָרעכאשעם, נאָך דאָ וואָס.

צווישן איין ביס און צווייטן פּרוווט זיך פײַערגאָלד:

— א זשורנאל וואָלט איר ארויסגעגעבן?

— וועלכן זשורנאל?

— נו, א כוידעשלעכן, א וועכנטלעכן, א פּעריָאָדישן — דערקלערט פײַערגאָלד.

— וואָס וועל איך האָבן דערפון?

אף דער פראגע איז צוערשט שווער געווען צו געבן א דערקלערונג. אָבער פײַערגאָלד האָט זיך איַינגעשטעלט זאָגן:

— דאָסזעלביקע, וואָס איר האָט פון א שאס געמאָרע.

— איך מיין, אז ניט.

— דאָסזעלביקע, וואָס איר האָט פון איַיזיק־מייער דיקס ביכלעך און דאָסזעלביקע, וואָס פון אלע אנדערע שמאָכטעליַיענדיקע ספאָרים־לעך, וואָס דרוקן זיך בא איַיך אין דרוקעריַי.

— אזוי — האָט דער מאדאם ראָמס גוידער זיך א וויג געטאָן, — איר רעדט דאָך טאקע ווי אן אָדעסער...

— אזא פארלעגערן ווי איר פרעגט אזוינע קלאָץ־קאשיעס, ווייס איך ניט ווי אנדערש צו ענטפערן. האָט קיין פאריבל ניט: גוטענבערג האָט ניט אויסגעטראכט דעם שריפט צוליב דעם איר זאָלט פארפלאָדיען די ייִדן מיט סידורים. ער וואָלט עס ניט געוואָלט ליידן. ווען ער שטייט אויף פונעם קייווער, וואָלט ער ניט געוואָלט ליידן. און א זשורנאל, וואָס זאָל דערציילן די ייִדן אלע נייעס פון דער וועלט, איז אסאך ביילכער.

די מאדאם ראָם איז פארכידעשט געווען פון דעם, וואָס מע ענטפערט איר אזוי שקאָציש. זי איז ניט געווינט געווען צו הערן אזוינס פון א מע־כאבער פון זשארגאָנישע ביכלעך. אזוי האָט איר עליאָקום צונזער ניט געהאט די העזע צו זאָגן, און ניט אפילע אייזיק־מייער דיק און ניט די העברייִשע מעכאברים, און דאָ קומט אן אָדעסער ייִד און רעדט אזוי. ס'האָט איר פארדראָסן, אָבער אויסזידלען דעם גאסט האָט זי עפעס ניט געוואָלט. זי האָט אים געהייסן ער זאָל ווארטן א פאָר טעג—זי וועט זיך באטראכטן און אים געבן א טשוווע.

פייערגאָלד האָט פארן טאָג אָפגעזוכט די אָנפירער פונעם היגן קרייזל, און אפדערנאכט האָט ער זיך מיט זיי געטראָפן אין דאטשע־צימערל „זשעלעזנאיא כאטקא". בעשאס מע האָט פייערגאָלדן אהין געפירט—די ראָל האָט אף זיך גענומען בארעל—האָט ער זיך ארומגעקוקט און געטראכט: ווהין פירט מען עס אים?—ארום און ארום וואלד, לאָנקעס און פעלדער.

ער איז א באלן צו וויסן, ווהין פאלט ער עס אריין. ס'האָט אים גענומען ציִען דאָס הארץ אף צוריק. די ווילנער זיינען עס אזוינע סוידעספולע יונגעלייט און אזוינע ניהיליסטן, אז מע פארשטעקט זיך אזש אין א וואלד. סיידן מע גרייט דאָ צו דינאמיט אף אונטערייסן די גאנצע וועלט.

ווען פייערגאָלד האָט דערציילט וועגן פלאן ארויסצוגעבן א זשור־נאל אף זשארגאָן און געבעטן שטיצע בא דער היגער אינטעליגענץ, האָט קיינער פונעם קרייזל ניט געוווסט, וואָס צו זאָגן.

— העלפט צוטראכטן א נאָמען,—זאָגט פייערגאָלד.

מ'האָט געשוויגן.

— איך האָב א פראָעקט: „אונדזערע ייִדן".

— פעו!—האָט עמעצער א זאָג געטאָן—סע שמעקט מיט שאָלעסודעס אין א פארשמאָלצעוועטער קלויז.

ליבערמאן האָט זיך אריינגעמישט און געזאָגט, אז אים וואָלט געפעלן דער נאָמען, ווייל ער שטרייכט גראדע אונטער דאָס, וואָס דער זשור־

נאָל פאַרנעמט זיך מיט יִדישע איניאַנים. אָבער ער זאָל זײַן אַף העבֿרייִש, — אַניט וועט ער האָבן ווייניק לייענער. דאָס איז איינס. צווייטנס, וועגן וואָס וועט דער זשורנאַל דערציילן.

פֿײַערגאָלד האָט גרויסשטאָטיש זיך אוועקגעשטעלט פֿאַר די מיטגלידער פֿונעם קרײַז, אָפּגעצויגן די קנייטשיקלעך אַפֿן סערדעט און מיט זײַן הארטער און שטעכיקער שטים געגעבן צו וויסן:

— וועגן אַלצדינגג: אַפֿן פּראָסטן, וואָכעדיקן געשמאַקן זשאַרגאָן זיך אויסריידן מיט אונדזערע פּראָסטע באַלמעלאָכעס, מאַרק־מענטשן, טרעגער, האָרעפּאַשניקעס, וואָס פֿאַרבריינגען נאָך זייער וויסט פֿינצטער לעבן אין דאַרעניש, אין קוואַרעניש, מיט אַ פֿאַרשימלטער שישקע מיט קנאָבל, ווײַל זייערע באַלעטויוועס דאַרפֿן שאַמפּאַניער, עקיפּאַזשן, בעדער און מאַסקאַראַדן. לאָמיר זיי אַף זייער פּראָסטן וואַרעמען זשאַרגאָן דערקלערן, אַז זיי זײַנען אויסגעפּורעמט פֿון דעם אייגענעם בלוט און פֿלייש, וואָס די גווירים... לאָמיר זיי עפֿענען די פֿאַרשלאָפֿענע אויגן און ווײַזן זיי, אַז זייערע באַלעטויוועס נוצן זיי אויס צו זייערע אַפּערעס.

בײַ ליבערמאַנען פֿלאַקערן די אויגן. ער שרײַט אויס:

— אָדעסער, ס'איז גוט אַזוי געזאָגט.

— לאָזט זשע ווײַטער, — פֿלאַמט פֿײַערגאָלד — נאָך ניט אײַנגאַנצן. לאָמיר אים, דעם פּראָסטן אוילעם, אויספֿירלעך דערקלערן, אַז זײַנע פֿאַרשטייער, זײַנע פֿאַרזאָרגער קויפֿן בײַ אים אָפּ די וועלט אַ מעציִע פֿאַר אַ גאַנעוו... און ריידן אים אײַן, אַז דערפֿאַר וועלן זיי אים מעזאַקע זײַן מיט יענער וועלט — די גוטע־יִדן צאַפּן בײַ אים אויס זײַן לעצט ביסל מאַרך. לאָמיר אים ריידנדיק מאַכן, לאָז ער אָנהייבן פּראָטעסטירן קעגן זײַנע בלוטצאַפּערס.

— בראַוואָ! — האָט ליבערמאַן ניט אופֿגעהערט זיך אַרײַנמישן — פֿײַערגאָלד, אָדעס איז אַ טײַערע שטאָט. איר רעדט גוט.

זונדעלעוויטש איז געווען צופֿרידן, אָבער דאָס איז נאָך ניט דאָס וויכטיקסטע: אין פֿאָלק דאַרף מען גיין, צו די פּויערים — האָט ער הײַנט ווי שטענדיק געטײַנעט, — „זייער גוט, וואָס קעגן דער רעליגיע, אָבער מיט יִדן אַליין וועט ניט זײַן קיין רעוואָליוציע“...

ליבערמאַן האָט אים פֿאַרשטעלט דאָס מויל מיטן פֿויסט:

— גענוג, זונדעלעוויטש, גענוג. איר לאָזט ניט אופֿקומען די יִדן, לאָזט הײַנט עפּעס ריידן. ס'איז אַ מעכײַע צו הערן! פֿײַערגאָלד, וויפֿל מענטשן זײַנען בײַ אײַך אין קרײַזל?

פֿײַערגאָלד האָט זיך פֿאַרלאָרן, רויט געוואָרן:

— ניטאָ, דאָס איז מײַן אופּטו, מײַנער מיט נאָך א מעכאַבערס.

— אָך, אזוי, אָבער דאָס דינט פאר גוטע צוועקן. וואָס־זשע פארלאַנגט איר פון אונדז?

— איר זאָלט אונדז בא דער אַלמאָנע ראָם אונטערהאַלטן.

מ'איז געבליבן שטיל.

— בא דער ראָם?

מ'האָט זיך אומגעקוקט צו א יונגנמאַן, וואָס איז געזעסן אין א זײַט:

— מאַקסים, א, מאַקסים, דײַן מאמע איז א האַרטע יידענע.

— ער מישט זיך ניט אין זײַן מאמעס געשעפטן,—רופט זיך עמעצער אָן.

— ער וואָלט געהאַט א דייע, וואָלטן מיר געדרוקט פּראָקלאַמאַציעס אין דער דרוקערײַ.

מאַקסים האָט זיך געערגערט: ער קאָן זיך ניט געפינען קיין אָרט. ער איז דאָ פון די יינגערע, וועלכע הערן זיך מערער צו, וואָס עס טוט זיך, איידער זייריידן.

זונדעלעוויטש האָט מיט זײַן ציבעק ניט אופגעהערט צו טשאַדען און געשמייכלט:

— אונדזערע יידן—א נאָמען צוגעזוכט, איינמאָל א נאָמען.

פײַערגאָלד האָט פארשטאַנען, אז אין פארלאַג וועלן שוין די יונגע־לײַט גאָרניט העלפן, און זיך געקליבן אוועקגיין.

ער האָט געבעטן מע זאָל אים ארויספירן פונעם וואַלד, און ווײַטער וועט ער שוין אליין טרעפן.

באַרעל האָט ארויסגעפירט דעם מעכאַבער פונעם וואַלד און אליין זיך אומגעקערט אין הײַזל אף „זשעלעזנאַיאַ כאַטקאַ".

ביז האַלבער נאַכט האָט מען זיך דאָרטן געקריגט וועגן דעם אָדעסער גאַסט, דעם באַרימטן מעכאַבער פונעם „ליטווישן מיידל".

בא דער אַלמאָנע ראָם האָט פײַערגאָלד איבערגענעכטיקט נאָך צוויי נעכט און איז אוועקגעפאָרן מיט גאָרנישט.

צוריקפירנדיק דעם פארשוין, האָט דערזועלביקער באַלעגאָלע זיך ניט באַרויִקט:

— הערט מיך נאָר אויס, איך זאָל געוועגן וויסן, אז איר זײַנט עס... דער...

אָן אומעטיקער האָט זיך פײַערגאָלד אומגעקערט פון זײַן רײַזע. אין וואַגאָן האָט ער פאר פארדראָס מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויס־גערעדט.

XXXIX

די ראָד שײַן ווערט קלענער און קלענער. זי ווערט ערגעץ פאַרפאַלן אין דעם ווײַטן ווינקל פונעם גרויסן צימער אין ווילנער יידישן לערער־אינסטיטוט. לעם דער ראָד שײַן זיצן עטלעכע מענטשן. אף די הענט בא יעדערן ליגן די העפטן מיט די נאָטיצן וועגן יידישער געשיכטע.

פון צײַט צו צײַט הערט מען, ווי מע שושקעט זיך.

עטלעכע אָנגעשטרענגטע פּאָר אויגן הערן ניט אוף צו קוקן אף ליבערמאנען, וואָס דערציילט און לייענט עפּעס ארויס פון א ביכל.

לייבל ווײַנער גייט אלע מאָל צו דער טיר. סע ציטערט אף אים די הויט. ער ווייסט גאנץ גוט, אז ער האָט זיך שוין מיט א פארבאָטן ביכל איינמאָל ארײַנגעכאפּט צו דער אינסטיטוט־אדמיניסטראציע אין די הענט. רייזע, די קאלע זײַנע, האָט אים דערציילט וועגן אינספּעקטער שטיינבערגס טײַנעס בא זיך אינדערהיים.

לייבל האָט שוין עטלעכע מאָל געבעטן, אז זאָל מען זיך צונויפזאמלען בא זונדעלעוויטשן, דאָרט איז עפּשער וויניקער געפערלעך.

עמעס, די באלעבאטים פון דער דירע אין „זשעלעזנאיא כאטקא" האָבן אָנגעהויבן אָפּטער ארײַנצוקומען צוגאסט, קלוימערש זען, וואָס טוען עס די צוויי יונגעלײַט—זונדעלעוויטש און יאָכלסאָן. אָבער אין אינסטיטוט איז דאָך געפערלעכער זיך צו פארזאמלען.

דערצו איז אָט דער ארן ליבערמאן אזא היציקער, ער פארגעסט זיך און קאָן ניט ריידן שטיל; ער צעפלאמט זיך און האָט ניט אינזינען, אז דער קורצזיכטיקער שטיינבערג נישטערט די לעצטע צײַט און שיקט אפילע אונטער פארדעכטיקע שילער זיך אונטערצוקוקן. אָט שטייט, אשטייגער, יענער מיט דער איבערגעבונדענער באק. מע זעט אים זעלטן צווישן דעם קרײַזל אין אינסטיטוט. ער קומט, זעצט זיך אוועק און באטראכט מיט א באזונדער אופמערקזאמקײַט יעדן איינציקן. פון לייבלען לאָזט ער ניט אראָפּ קײַן אויג.

אָט גייט ער צו, טוט א טאָרע דאָס שווארצע זײַדענע טיכל אף דער באק און פרעגט:

— ווײַנער, וואָס זײַנען עס פארא היסטאָרישע בריוו, וואָס ליבערמאן לייענט?

ווײַנער שווײַגט, באטראכט מיט פארביסענעם כשאד דאָס זײַדענע טיכל אפן כאוועריס באק:

— מירטאָווס, לאווראָווס, האָסט גאָרניט געהערט?—פּרוווט ווײַנער גע־

פעלן ווערן דעם כאוועך, — הער זיך גוט איַין. ס׳איז ציקאווע.

— איך זיץ שוין דאָ דאָס דריטע מאָל און הער זיך אַלץ איַין אין ליבערמאַנס קאָל. דאָס קאָל איז בא אים נישט ווי בא אונדז אַלעמען, — זאָגט דער כאוועך מיט דער שוואַרץ־איבערגעבונדענער באַק.

— פאַרוואָס איז? — פאַרשטייט ניט ווייַנער.

— ווייַל ער איז א גרויסער מענטש — כאַפּט דער כאוועך, — זאָל איך ניט הייסן קאַץ, אויב ס׳איז ניט אַזוי.

ווייַנער טוט א קוק אין ווייַטן ווינקל, וווּ אין דער ראָד שייַנען הוידען זיך די עטלעכע שוואַרצע פיגורעס. ער זעט הונדאַנען, ווי צווישן ליבערמאַנס אַקסלען באַוועגט זיך דער קאָפּ. אויף דער וואַנט איז דער שאָטן פונעם קאָפּ גרעסער פון די איבעריקע טיילן קערפּער.

— זע נאָר, ווייַנער, — פאַרהאַלט אים קאַץ. — כאַפּ אומיסטן א קוק אויף דעם קאָפּ, אַזאַ גרויסער קאָפּ...

ווייַנערן טוט א טיאָכקע אין האַרצן, ער נעמט אָן קאַצן בא דער האַנט און פירט אים מיט זיך:

— קום, וועסטו הערן וועגן די היסטאָרישע בריוו. אונדזער ליבערמאַן איז פאַרליבט אין זיי.

קאַץ גייט נאָך. ביידע יונגעלייַט שווימען אַרייַן אין דער ראָד שייַן, וואָס וואַרגט זיך מיט די שאָטנס פון די פיגורעס אין ווינקל פונעם צימער.

ווי פון אונטער דר׳ערד איז שפּעטער־צו אויסגעוואַקסן דער לערער פון געשיכטע — וואָל. ער איז שטילינקערהייט — קיינער האָט ניט באַמערקט — צוגעקומען צום קרייַזל יונגעלייַט און געבליבן שטיין.

ווייַנער האָט די גאַנצע צייַט ניט אויפגעהערט צו קוקן צו קאַצן. ס׳האָט אים געצויגן צו דעמדאָזיקן סטודענט, — פאַרוואָס, איז אים אַליין ניט געווען קלאָר — אויף קאַצס פּאָנעם האָט ער פלוצים דערזען א פאַרגווילעמט־טעמפּן בליק, וואָס איז געווען געווענדט אין איין פונקט אַרייַן. ווייַנער פירט איבער זייַן בליק אויף דער וואַנט צו קאַצס שאָטן — א שאָטן אַן אומרויִקער, ער ציטערט אויף דער וואַנט, ער ציט זיך אויס, ער ווערט פעטער, ברייטער.

ווייַנער דערקענט ניט דעם ווייטן אַנטקעגנדיקן שאָטן. דאַכט זיך, אַלע פיגורעס זייַנען ווייַנערן באַקאַנט — אָט איז ליבערמאַנס אָנגעבויגענע אַקסלען, אָט איז וואַנעלס צעבראָכענער שאָטן, אָט ליגט קאָיראַנסקיס היפּשער קאָפּ אין זייַנע הענט, אויף דער וואַנט זייַנען די הענט אָקאָרשט אויפגעבראָכענע וואָרצלען פון דער ערד, און אָט איז... א באָרד.

און אָט די באָרד, ווי א פאַרשניצטע לאָפּעטע, איז צעפּלעטשט אין שאָטן — ס׳איז א פרעמדער מענטש.

מ'איז אלע פארטאָן, מע הערט. ווײַנער כאפט ווידער א קוק אפֿן אומרויִקן קאצן. ער זעט, ווי זײַן איבערגעבונדענע באק ציטערט. ווײַנער טוט זיך א דריי אויס און דערזעט אקעגן קאצן דעם לערער פון גע־שיכטע—וואָלן. ווײַנערן פארכאפט דער אָטעם, ער טוט א שלונג, עפעס ווארגט אים. פלוצים איז אים אײַנגעפאלן צוכאפן דעם העפט מיט די נאָטיצן וועגן געשיכטע און זאָגן:

— און איך בין מיט אײַך ניט מאסקים. אין די „זאפיסקעס”, וואָס דער לערע־ האָט אונדז געגעבן, איז ניט אזוי, ווי מ'האָט דאָ גערעדט.

אינסטינקטיוו האָט זיך יעדערער געכאפט צו די „זאפיסקעס” און אפגיך און פיבערדיק געגומען מישן; אף דער וואנט זײַנען געלאָפן כוואַ־ליעכלעך פאפיר־זײַטלעך און געיאָגט איינס דאָס אנדערע.

מ'האָט אלע באלד דערזען וואָלן, וואָס האָט קלוג געשמייכלט און געוואָלט אוועקגיין.

שטיל, שטיל.

די ראָד שײַן, וואָס האָט ארומגערינגלט דעם לאָמפּ ווי א ליכטיקער גארטל, איז טונקלער געוואָרן.

מ'האָט ניט געוווסט, וואָס צו טאָן.

מ'איז געבליבן זיצן, אויסגעזען ווי פעניאָקעס אף א וואלד־לאָנקע, מיט דעם שטייענדיקן ליבערמאנען אינדערמיט—א הויכער בוים צווישן אָפּגעהריזעטע שאָטנס־פעניאָקעס.

קאץ האָט זיך א וואָרף געטאָן צום לערער און זיך געבעטן:

— דערציילט ניט, דערציילט ניט. זיי האָבן געלייענט געשיכטע, אײַער געשיכטע, דערציילט ניט. איך בין ניט שולדיק. כאווײרים—וואָרפט ער זיך צו די סטודענטן—אף מײַן וואָרט!—פונקען זײַנען אים געלאָפן פון די אויגן—ער איז גרייט געווען צו וויינען פארן לערער.

און וואָל איז געשטאנען אינ־יטן צימער און זיך ניט אָנגערופן מיט קיין וואָרט. דערנאָך:

— ווער איז אָט דער פרעמדער יונגערמאן?—געוויזן אף ליבערמאנען.

מ'האָט געשוויגן.

— איך פרעג דאָך אײַך!

ליבערמאן איז ווירדיק צוגעגאנגען צום לערער פון געשיכטע:

— דאָס האָב איך פאר זיי געלייענט אן אנדער געשיכטע,—און איז ארויסגעגאנגען.

וואָל האָט זיך שטארק אײַנגעקוקט און ניט געקאָנט כאפן אין דער טונקל דעם אָנבליק פון דעם, וואָס איז אָקאָרשט ארויס.

אין א זייט איז געשטאנען קאַץ א צעקלעמטער און מוירע געהאַט אויפצוהייבן אַן אויג סיי אויף די סטודענטן, סיי אויפן לערער.

וואָל האָט דאַפקע געזאָגט „א גוטע נאַכט" און צוגעבורטשעט:

— נאַרישע באָכערים, לאָזן זיך פאַרפירן פון דער רויטער ווייסט וועמען. ווער איז ער עס אָט דער אָ?

מ׳האָט געשוויגן.

מ׳האָט בלויז געהערט קאַצס דערשראָקענעם מורמלען.

קאַץ האָט מיט די צעפּלאָנטערטע האָר זיך פאַרוקט אין א ווינקל און אויסגעזען נישטיק, דערשלאָגן.

איינס קעגן אַנדערן זיינען זיי געשטאַנען — די גרופּע סטודענטן פונעם ווילנער אינסטיטוט און דער סטודענט קאַץ...

מ׳האָט זיך צו אים אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס, ווי צו א שערען.

לייבל וויינער האָט ניט אויסגעהאַלטן און אים אַריינגעזאָגט:

— קעצל, קאָטער, האָסט שוין באַקומען די יערושע פונעם טאַטן דעם נאָגיד?

אין ווינקל האָט עפּעס א בורטשע געטאָן. וואָס האָט מען ניט פאַרשטאַנען.

מ׳האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ.

XL

אין עטלעכע טעג אַרום איז אין יידישן לערער־אינסטיטוט פּלוצים אַראָפּגעקומען דער פּאָפּעטשיטעל פון קרייז ניקאָליי אַנאַניעוויטש סערגיעווסקי.

זיינע בלישטשענדיקע קנעפּ אויפן אוניפאָרם־סערדעט האָבן א גלאַנץ געטאָן און צוזאַמען מיט זיינע לאַנגע אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס געוואָרפן א פּאַכעד אויף די שילער.

לייבל וויינער און די פּאָר איבעריקע סטודענטן האָבן טייקעף פאַרשטאַנען מיט וואָס דאָ שמעקט — און געזוכט וויאַרומער אַוועק. זיי האָבן אָבער מוירע געהאַט פאַרלאָזן דעם אינסטיטוט, עס זאָל זיך ניט וואַרפן אין די אויגן.

און ווען אין זאַל האָט זיך באַוויזן וואָל — דער לערער פון געשיכטע — און זייער צופרידן און פאַרטייעט געגלעט זיין געדיכט־שוואַרצע באָרד,

האָט ווײַנער און די פּאָר איבעריקע זיך פאַרקליבן אין א ווינקל. וואָל האָט זיי דערזען און איז צו זיי צוגעגאַנגען:

— איך בין אײַך מויכל, סע זאָל זײַן דאָס לעצטע מאָל...

איבערפרעגן האָט ווײַנער מוירע געהאט. וואָל איז שוין געהאט אוועק־געגאַנגען אין לערער־צימער.

— וואָס־זשע טוט מען?

דערווײַל איז אונטערגעקומען קאַץ, זײַן איבערגעבונדענע באַק האָט איצט אויסגעזען אין ווײַנערס אויגן ווי א שווארצע טרויעריקע שטיק לאטע.

בא ק צן איז געווען א דערשראָקן־פאַרדעכטיקער אויסזען. די ביסטרע אויגעלעך מיט די קעלבערנע וויִעס האָבן אפגיך געפינטלט און געוואָלט אויסבאהאַלטן א טיפן סאָד, וואָס זיי אליין האָבן געטראָגן אין זיך. דער סאָד איז שוין אָבער אנטפּלעקט געווען. קאָיראַנסקי, א הויכער סטודענט, איז צוזאַמען מיט ווײַנערן צוגעשטאַנען צו קאַצן:

— קאָטער, זאָג, צוליב וואָס איז אהער פּלוצים געקומען דער פּאָפּע־טשיטעל?

קאַץ קוקט זיך אום, גלײַך ער וואַרט, אז א פּלוצימדיקע האַנט זאָל אים א וואַרג טאָן, דרייט ער זיך, און די קעלבערנע וויִעס פינטלען אָן אופהער.

— איך ווייס ניט — ציט ער ארײַן דעם קאָפּ אין די אקסלען און ווערט אנטשוויגן. און באלד ווידער:

— אף מײַן וואָרט, איר ווילט מיר ניט גלויבן, איך קען אים דען, מ׳האָט דען מיך געפרעגט? וואָס ווילט איר פון מיר? איך האָב אליין מוירע. — אף מײַן וואָרט, וואָס ווילט איר פון מיר?

אלע סטודענטן זײַנען דערשטוינט געוואָרן, ווען צו דער געהעריקער צײַט האָבן זיי ניט דערהערט דעם גלאָק אף גיין צוריק אין די קלאַסן. אָבער אייניקע לערער און, דעריקער, דער אינספּעקטער שטיינבערג, האָבן זיי גערופן אין דעם גרויסן קלאַס:

— אלע זאָלן ארײַנגיין אהין, אלע.

מ׳האָט ניט פאַרשטאַנען, ווי אזוי וועט מען אלע ארײַן אין איין קלאַס, אָבער דערווידערן וועט קיינער ניט, און יעדער האָט, אומקוקנדיק זיך אף זײַן שאָכן, זיך געלאָזט אהין.

ארײַנקומענדיק אין קלאַס, האָט מען שטילערהייט איינס באַם צווייטן זיך נאָכגעפרעגט, וואָס איז געשען. ס׳האָט קיינער גאָרניט ניט געוווּסט. ווײַנער האָט זיך אײַנגעטוליעט אין א פּאַרטע. דאָס האַרץ האָט אים

געקלאַפּט, אין די אויערן — געזשומעט. ער האָט זיך דערמאָנט אין רייזעס ווערטער, אַז די לערערריידן וועגן אים, ווי וועגן אַ פאַרברעכער און אַ ווידערשפּעניקער. אָט וועט מען זיי אַלעמען אַרעסטירן, און רייזע וועט וויינען, אויסוויינען די אויגן. מע וועט אים ערגעץ פאַרטרייבן. ווי אַזוי זשע וועט ער ענדיקן דעם אינסטיטוט? עס וועט צעבראָכן ווערן זיין קאַריערע פון אַ לערער אין אַ קאַזיאָנער שול.

... אין קלאַס איז שוין געווען פול.

מיט גיכע טריט איז אַריינגעקומען שטיינבערג. זיין אוניפאָרם־ראָק איז געווען צעשפּיליעט, גלייך עמעצער האָט אים אָקאָרשט געשלעפּט בײַ די לאַצן און בײַ אים געפּאָדערט אַן אומעגלעכע זאַך. די לאַצן האָבן אויסגעזען, ווי אָנגעשפּיצטע אויערן.

— זיך דערלעבט — זיינען געווען ערשטע ווערטער — אין ווילנער ייִדישן לערער־אינסטיטוט דאַרף מען זוכן סאָנים פונעם פאָטערלאַנד.

— אָטשיזנאַ — האָט ער געזאָגט — אָטשיזנאַ!

ער באַנעמט עס ניט. מע פאַרגעסט — וויל שטיינבערג דערמאָנען — אַז די ראַבינער־שול אין זשיטאָמיר און אין ווילנע האָט מען פאַרמאַכט, און דאָס ייִדישע פאָלק איז שוין געבליבן בלינד, אָן קולטור־פאַסטעכער, און ווען ניט דער דערבאַרעמדיקער מיילעך... וויל מען איצטער דעם איינציקן ייִדישן אינסטיטוט אויך פאַרמאַכן.

— אָך! — האָט געקרעכצט שטיינבערג.

זיינע באַקנבאַרדן זיינען געווען אומעטיק צעפּלאָנטערט און אויסגעזען אָוולדיק.

סערגיִעווסקי איז מיט שמיידיקע שפּאַן אַריין אין קלאַס, אַ גלעט געטאָן פאַרטייעט און האָזעסדיק די לאַנגע וואָנצעס, זיך אויסגעצויגן אַף די שפּיץ פינגער, אַ קוק צו טאָן אין די ווייטסטע ווינקעלעך און, ווייזט אויס, געבליבן צופרידן פונעם גרויסן אוילעם.

שטיינבערג בויגט זיך פאַר אים איינדרייען, ער טראָגט אים צו אַ בענקל. סערגיִעווסקי דרייט מיטן קאָפּ: ניין, ניין. ער טראָגט צו דעם פּאָפּעטשיטעל אַן אַנדער בענקל — סערגיִעווסקי רוקט עס אָפּ מיט די לאַנגע הענט. אַ גאָלדן רינגל טוט אַ גלאַנץ אַף דעם ווענטל פונעם בענקל.

— דאַ, — דערהערן אַלע — דאַ, גאָספּאַדאַ. מ'האָט מיר איבערגעגעבן, אַז צווישן אייך זיינען פאַראַן סאָציאַליסטן, זיי מוטיען די איבעריקע. ווי־דיטיעלי, די סאָציאַליסטן פאַרדינען פון דער פּראָפּאַגאַנדע טויזנטער, און ווען זיי וועלן זיך אַריינכאַפּן, וועלן זיי פאַר אונדז — די האַנט מיטן

גאָלדענעם רינגל אפן מיטלסטן פינגער האָט זיך צוגעלייגט צו דער אויסגעקײַלעכיקטער ברוסט—װעלן זיי פאר אונדז פּאַרדינען מיליאָנען אפן אינדזל סאכאלין...

— איר האָט פארשטאנען, מײַנע ליבע סטודענטן...

דער רעדנער מאכט א פּויזע, ער בעט אופעפענען ברייטער די פענצטער.—ס'א היץ אין דרויסן, א שטויב הייבט זיך אוף און קנוילט זיך לעם די אָפענע פענצטער, בעט שוין סערגיִעװסקי צוריק פארמאכן דאָס פענצטער. שטיינבערג װארפט זיך פארלוירן צום פענצטער און צוריק. דער פּאָפּעטשיטעל װערט רויט, ער ציִנדט זיך אליין אָן פונעם געדאנק, װאָס איז אים אָקאָרשט איַינגעפאלן:

— גאָספּאָדא, אָט װעל איך, אשטייגער, צו אײַך קומען און זאָגן: הערט אויס, קיין געלט איז בא אונדז ניטאָ, װעל איך פארקויפן מײַן מונדיר און מירן זיך צעטיילן מיטן געלט. איר װעט אײַנגיין אף דעם, און אָט פארמאָגן מיר שוין געלט. מיר הוליען אף װאָס די װעלט שטייט, דאָס געלט װעלן מיר פאטערן און מיר זײַנען װידער ליידיק. פארקויפט איר דאן אײַערע מונדירן, און מיר טיילן זיך װידער: װידער געלעבט א גוטן טאָג, און װען מירן דאָס אויך האָבן פארהוליעט, װעלן מיר פארקויפן נאָך א פּאָר זאכן, ביז מירן בלײַבן אָן געלט און אָן זאכן.

— װאָס־זשע טוט מען װײַטער?

סערגיִעװסקי האָט מיט דער האנט געװיזן אפן סטודענט קאיראָנסקי און געבעטן אים ענטפערן.

— װאָס טוט מען װײַטער?

דער סטודענט האָט געשװיגן.

דער פּאָפּעטשיטעל האָט געלאָזט אראָפּגליטשן פון זײַנע לאנגע װאָנצעס א כיטרע שמייכעלע:

— אָט אזוי איז מיט די סאָציאליסטן. אף דער װעלט איז פאראן גענוג אָרעמעלײַט, און די סאָציאליסטן לייגן פאָר די אָרעמעלײַט, אז אָנשטאָט צו ארבעטן, זאָלן זיי צונעמען דאָס גוטס בא די רײַכע, צעטיילן עס צװישן זיך און לעבן א גוטן טאָג.

— נאָר אויב זיי װעלן ניט ארבעטן—װעלן זיי דאָס גאנצע גוטס איינגיכן אופעסן און סאָפּקאָלסאָף װעלן זיי בלײַבן אָן איין העמד, נאקעט. פארשטייט איר מיך, גאָספּאָדא, די סאָציאליסטן האָבן זיך געשטעלט פאר א ציל—ניט צו פארבעסערן די לאגע פון די אָרעמעלײַט, נאָר צו פארערגערן די לאגע פון די רײַכע אָן א שום נוץ...

סערגיִעװסקי האָט געמאכט א פּויזע און זיך געװענדט צו די סטודענטן:

— איר האָט מיך פארשטאנען?

א שטילשווײַגן.

סערגיִעווסקי קוקט אף שטיינבערגן: פארוואָס שווײַגט מען?

שטיינבערג האָט אינסטינקטיוו צוגעטראָגן די האנט צום ציכטיקן קאָל־נער און געפּרוּווט זײַן קאָל, אויסהוסטנדיק זיך:

— ניקאָלײַ אנאניעוויטש וועט מיינען, אז די סטודענטן אונדזערע זײַנען שטום—עמעס, אזוי?—נויגט זיך דער אינספּעקטער צום פּאָפּעטשי־טעל—עס קאָן זיך אזוי באקומען. קאך!—רופט שטיינבערג—ווי איז דײַן גיינונג?

— פארשטאנען, ניקאָלײַ אנאניעוויטש—האָט פון אונטערן זײַדענעם שווארצן טיכל ארויסגעבוּלקעט קאך—פארשטאנען. אלע סטודענטן זײַנען מיט מיר מאסקים,—און ער פינגלט מיט די קעלבערנע וויִעס, באוועגט פארלוירן מיט די שמאָלע ליפּן. ער וויל ווײַזן, אז ער איז גרייט צו שווײַגן, נאָר אז דער אינספּעקטער וועגדט זיך צו אים, טאָ וואָס קאָן ער טאָן.

סערגיִעווסקין איז ווידער געוואָרן דושנע, ער בעט ברייטער עפּענען דאָס פענצטער. א היץ האָט מליִענדיק זיך ארײַנגעגאָסן אין גרויסן קלאס, וואָס איז געווען אומהיימלעך און פארטישקעוועט מיט מענטשן.

— ניקאָלײַ אנאניעוויטש,—האָט שטיינבערג ניט אופגעהערט צו שטאמלען...—ייִדן זײַנען ניט קיין ווידערשפּעניקע... פּאָלגט מיך, ייִדן...

סערגיִעווסקי האָט זיך געפּילט שלעכט צווישן דער פרעמדער אודיטאָ־ריע, געזוכט אַ טערעץ אף אוועקצוגיין. ער האָט זיך געזעגנט און איז מיט גיכע טריט ארויס.

מ'האָט זיך געוווּנדערט, וואָס דער דירעקטער איז ניט געווען אף דער פּלוּצימדיקער פארזאמלונג.

באם ארויסגיין האָט קאיראָנסקי צו ווײַנערן געזאָגט:

— אָט האָסטו א לעקציע וועגן סאָציאליזם, א קאפּאָרע אונדזער ליבערמאן... בראוואָ, פּאָפּעטשיטעל אָקרוגא!

ווײַנער האָט זיך צעלאכט. זײַן געגרײַזלטער קאָפּ האָר טרייסלט זיך דערמונטערט. ער רוימט אײַן דעם כאווער:

— מע דארף זײַן געהיט. איצטער זעסטו, אז עפּעס קומט דאָ פּאָר. איכל הײַנט זײַן בא די כאווײרים און אלעס איבערגעבן.

XLI

אף קאַטשורגינסקיס באַרג אין דער זומער־וווינונג האָט איינזאַם גערוט דער ווילנער ליטעראַט לעוואַנדע.

ער האָט ליב געהאַט אַלע זומער אַרויסצופאָרן אין דער זומער־וווינונג. ער פֿלעגט גאַנצפֿרי אַרויסגיין אויפֿן באַרג און קוקן צו דער אַלטער שטאָט — ווילנע, וואָס ליגט אין טאָל צעשפּרייט מיט די קרומע געסלעך.

פֿונדאַנען זעט מען אָן די שפּיצן פֿון די קאָסטיאָלן, וואָס הויכן זיך איבער די געסלעך און טראָגן אויף זיך דאָס אויפֿגייענדיקע זונען־גאָלד פֿריילעך און אינדערפֿריִענדיק־פֿריש.

די לעצטע צײַט לײַדט ער פֿון אַ קרענק, וואָס דערקוטשעט אים באַזונדערס באַנאַכט. ווי ער דערזעט נאָר די ערשטע שפּורן פֿון טאָג, אַזוי אַנטלויפֿט ער אונטער זײַן באַליבטער ליפּע אויף קאַטשורגינסקיס באַרג.

פֿון זײַן דירע אין וואַלערשטיינס הויף האָט ער מיט זיך פֿאַרנומען דאָס ביסל ביכער, דעם לעצטן נומער פֿון זשורנאַל „אָטעטשעסטווענני זאַפּיסקי" און דאָס צווועלפֿטל טוץ גלעזער — ווי ער פֿלעגט זאָגן — און אַוועק אַהער אין דער זומער־וווינונג.

אַ ייִדענע, וואָס איז אַמאָל געווען אַ וואַכטערן בײַ קימפּעטאָרנס, באַדינט אים. זי ווייסט שוין זײַנע קאַפּריזן, זי קאָן אים צוטרעפֿן מיט זײַנע באַליבטע מײַכאָלים. ווען אָט די אַלטע זאָל איבערלעבן לעוואַנדען, וואָלט זי געקאָנט אָנשרײַבן אַ בוך זיכרוינעס וועגן דעם מאָדנעם איינזאַמען ווילנער ליטעראַט. ניט איין געשפּרעך, ניט איין פּלאַן, ניט איין אידייע לעוואַנדעס האָט זי געהערט. אָט אַזוי, זיצנדיק אינדערהיים, פֿלעגט ער בויען טעמפּעראַמענטפֿולע פּלענער; אַבי ער האָט נאָר געהאַט צו וועמען צו ריידן, האָט ער שאָענווײַז גערעדט — פֿײַנט געהאַט פֿאַרזאַמלונגען, זיצונגען, זשורפֿיקסן, וווּ מענטשן זײַנען זיך צונויפֿגעקומען.

איינזאַם, פֿאַרשפּאַרט בײַ זיך אינדערהיים, זײַנען אין פֿלאַמיקן מויעך אויפֿגעקומען צענער אינטערעסאַנטע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען און קיינמאָל, קיינמאָל ניט פֿאַרווירקלעכט געוואָרן.

טרעפֿט, אַז קיינער זיצט ניט בײַ אים, רופֿט ער צו די וואַכטערן און צווינגט זי מיט אים צו זיצן, און ער דערציילט איר געשיכטעס וועגן נײַע אופֿטוען, וועלכע די ייִדענע וועט שוין קיינמאָל ניט פֿאַרשטיין.

— נעכאמע—שרײַט ער זיצנדיק אונטער דער ליפּע,—נעכאמע, איר דאַרפט מיך אויסהערן. איר ווילט הערן א שיינע מײַסע?

די ייִדענע לויפט ארויס מיט צעפלאמטע באקן—זי איז געשטאנען לעם אויוון—און באקוקט מיט די פארלאָשענע גלײַכגילטיקע אויגן דעם באלעבאָס.

— נעכאמע, ס'איז מיר אײַנגעפאלן א געשיכטע פאר א נײַעם בוך. איר ווילט ניט הערן. ווייסט איר, ווער עס קומט צו מיר?—דער פּאָפּעטשי־טעל פונעם אָקרוג. גרייט צו יענע קאשניקלעך, וואָס איך האָב ליב. קומט אהער, הערט אויס, מײַן ראדיאָנאָווגע. איר ווייסט, ווער ס'איז געווען ראדיאָנאָווגע? איר ווייסט ניט, אזוי זאָל אײַך ניט שאדטן. גרייט מיר צו דעם קאָמפּאָט פון די צוגעדעמפּטע אַגורעסן.

די וואכטערן שטייט מיט א לעפל אין דער האנט און לאָזט ניט אראָפּ די פארלאָשענע אויגן פון דעם באלעבאָס.

לעוואנדע זיצט אין א ווייכן שטול, ער איז אָנגעטאָן אין א כאלאט, וואָס זעט אויס ווי א טערקישע שאל.

שפּעטער צו, ווען אף דער סטעזשקע הינטערן בארג האָט זיך באַ־וויזן דער הויכער סערגיִעווסקי, איז לעוואנדע, שווער אָטעמענדיק, דאפּטום אראָפּ אנטקעגן און צוריק ארוף צוזאמען מיטן גאסט.

— פּאָזשאלויסטא, ניקאָלײַ אנאניעוויטש, פּאָזשאלויסטא!

דער גאסט האָט ארויסגעוויזן גרויס העפלעכקײַט צום באלעבאָס און געוואָלט עטלעכע מאָל אים דערמאָנען, אז פון זינט ער איז מיט אים באקענט, קאָן ער ניט פארגעסן דעם אײַנדרוק און דעם פארגעניגן צו זײַן באקענט מיטן באוווסטן ליטעראט לעוואנדען.

דער באלעבאָס האָט זיך באשיידן און אײַנפאך אויסגעדרייט פון דעם גאסטס קאָמפּלימענט.

סערגיִעווסקי האָט שוין עטלעכע מאָל ארופגעלייגט אף לעוואנדען זײַנע לאנגע הענט און פון אונטער די וואָנצעס האָבן זיך באוויזן ציכ־טיקע ציין, פארשארפטע מיט כאניפעדיקן שמייכל:

— איר מוזט מיך, ליעוו אָסיפּאָוויטש, אויסהערן און מיר אייַצענען.

דער באלעבאָס האָט ארויסגערופן די וואכטערן, געבעטן שטעלן צום טישל די צוגעגרייטע מײַכאָלים און אליין זיך אײַנגעמאָסטעט אין ווייכן שטול.

א ווינטל האָט אומבאמערקט א שלײַף געטאָן די קרוינען פון די ביי־מער און ניט אופגעהערט צו דערמאָנען אין שטילער זומערדיקער רו אף דער לופט הינטערן שטאָט.

— איך האָב שטענדיק ליב געהאַט דעם רוסישן גײַסט, די רוסישע ליטעראַטור און די רוסישע נאַטור, ניקאָלײַ אַנאַניעוויטש. איך האָב אַ פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ זאַמלבוך געווידמעט אַזאַ פּראַגעס: „די רוסישע קולטור־אויצרעס צוהילף דער ייִדישער בילדונג". איך וויל אײַנלאַדן פּיל ווילנער טוער, אַמייִנסטנס רוסן און א...

סערגיִעווסקי האָט אַ קוק געטאָן אויף לעוואַנדען און איבערגעשלאָגן:

— איך בין גרייט, ליעוו אָסיפּאָוויטש. אָבער איך מוז אײַך זאָגן איין זאַך, וואָס וועט אײַך, מיסטאַמע, ניט זײַן אַנגענעם.

באַם באַלעבאָס זײַנען טרויעריק געוואָרן די אויגן. ער האָט זיי אָנגעשטעלט פאַרגליווערט צום גאַסט:

— וואָס־זשע?

— אָט...

סערגיִעווסקי האָט זייער באַצאָרנט, מיט באַדויער דערציילט וועגן דער קראַמאָלע, וואָס עסט אויף און טאָטשעט די איינציקע הויכשול בײַ ייִדן — דעם לערער־אינסטיטוט, און געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ער וועט מוזן אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט דעם דירעקטאָר און דעם אינספּעקטאָר..

— Как?

לעוואַנדע האָט זיך אופגעהויבן פון דעם שטול, ס'איז בײַ אים אַרויסגעפאַלן דאָס לעפעלע מיט די צוגעדעמפּטע אַגרעסן.

סערגיִעווסקי האָט זיך אָנגעבויגן אופצוהייבן דאָס אַרויסגעפאַלענע לעפעלע און דערבײַ באַמערקט:

— Вот так.

בײַ לעוואַנדען האָבן זיך אָנגעצונדן די קרענקלעכע אויגן. דאָס פּנים איז געוואָרן בלאַס און באַלד צוריק ערדיק־געל. ער האָט פון אופגערעגטקייט געגומען שרײַען:

— נעכאַמע, דערלאַנגט מיר אַהער מײַנע פּילן! נעכאַמע, רירט זיך אַביסל.

שפּעטער, ווען ער באַרויִקט זיך, טײַנעט ער צו סערגיִעווסקין:

— ניקאָלײַ אַנאַניעוויטש, איך האָב דאָך אײַך אַמאָל געזאָגט, אַז קיין ייִדישע קאַראַקאָזאָווס וועלן מיר ניט דערלאָזן. מיר זײַנען צו עטיש צוליב דעם. ביִאָלאָגיש איז דאָס אומעגלעך, אַז ייִדן זאָלן פאַרגיסן בלוט. איר ווייסט, איך בין איבערצײַגט, אַז די ייִדישע יונגעלײַט, וואָס זײַנען פאַרפירט געוואָרן דורך די פּוילישע מיאַטעזשניקעס, זײַנען געווען פּסיכיש גערירט. פּאָלגט מיך. אָט ווען מע זאָל מיך געווען הערן און רופן צו זיי פאַרן מישפּעטן אַ פּסיכיִאַטער, וואָלט מען זיך געווען איבערצײַגן

אין מײַן געדעכטיקײַט... ס'איז אומעגלעך. בּיאַלאַגישע וואָרצלען זײַנען שטענדיק שטאַרק און עקזיסטירן טויזנטער יאָרן.

לעוואַנדע האָט אָפּגעאָטעמט און שוין אַביסל רויִקער פאָרגעזעצט:

— איר דאַרפט געדענקען, אַז יִידן האָבן מיט זייער האַנדל שטענדיק מיטגעווירקט דעם וווּקס פון יעדער מעלוכישער ווירטשאַפט. די רוסישע רעגירונג דאַרף בּעפיירעש זײַן פאַרינטערעסירט צוציִען דעם יִידישן האַנדל. ס'איז נייטיק אויסצונוצן די הונדערטיאָריקע דערפאַרונג פון א פאָלק...

אַנטשוויגן געוואָרן און שטיל געפרעגט:

— וואָס רעכנט איר צו טאָן?

— איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, ליעוו אָסיפּאָוויִטש.

— אָך, יאָ, געזאָגט. איר טוט ניט גוט, שלעכט טוט איר!

סערגיִעווסקי קען ניט פאַרשטיין, וואָס וויל פון אים אָט דער פיבערנ־דיקער מענטש.

— יאָ איר טוט ניט גוט. איר ווייסט, וואָס מע דאַרף טאָן?—אויס־וואָרצלען ניט די לערער, זיי זײַנען ניט שולדיק. איר נעמט שלעכט דעם ציל פון אײַער שיסן, און איר וועט ניט טרעפן. שטיינבערג, וואָל, דוראָוו און די איבעריקע—זיי מאַכט פאַר די שיסער און טרעפט אין די דירעקטע שולדיקע, אין די סטודענטן, ניקאָלײַ אַנאַניעוויטש. לאָז מען דאַרטן זיך א רויִע טאָן בּא זיי אין די שופלאָדן, אין די שאַפעס, אין די קעסטלעך, וועט איר סאַפּקאָלסאָף טרעפן אין די שופלאָדן פון זייערע בּעשאַמעס, פאָלגט מיך... איר דאַרפט ניט פאַרגעסן, אַז ס'איז פאַראַן א טייל סטודענטן, וואָס וועט קיינמאָל ניט גיין מיט די קראַמאָלניקעס. אָף דעמדאָזיקן געזונטן טייל דאַרפט איר זיך אָנשפּאַרן...

לעוואַנדע איז מיד געוואָרן פון זײַן גיכן און אימפּעטדיקן ריידן. ער האָט גענומען א פּיל, זי אַראָפּגעשלונגען און, א בּארויִקטער, שוין גע־שמייכלט.

איצט איז זײַן פּאָנעם געווען בּלייך מיט געלע פלעקן אונטער די אויגן, טיפע אויגן מיט א גרינבּלעכן בּײַגלאַנץ.

— Вы поняли?

דער גאַסט האָט זיך אופגעשטעלט און פאַריסן דעם קאָפּ צו דער הייך, וואָס האָט געצויגן צו זיך מיט אײַנגעהאַלטענעם ווינטיקן אָטעם. פון די ביימער איז פון צײַט צו צײַט אַראָפּגעפאַלן א בּלעטל און פאַר־בּלאָנקעט אָפן טיש צו די צעשטעלטע מײַכאָלים.

לעוואַנדע האָט גענומען א בּלעטל און צוגעטראָגן צו די ציין, געהרי־

זעט עס, פּאמעלעך אָפּגעשיילט דערפון די אָדערן און עס גלייכגילטיק אוועקגעוואָרפן.

שפּעטער, ווען לעוואנדע האָט באגלייט סערגיִעווסקין אף די שטילע סטעזשקעלעך פון זיין זומער־ווינונג, האָט זיך דער גאסט דערמאָנט צו זאָגן:

— איך דאנק אייך פאר גאסטפריינטלעכקייט.

ער האָט צוגעזאָגט צו ברענגען אן ארטיקל פארן זאמלבוך, וואָס לעוואנדע פּלאנט ארויסצוגעבן.

פון די סטעזשקעלעך איז אופגעגאנגען א הארבער רייעך פון איבער־געפריִעטע גראָזן. ס'איז דערגאנגען א וואסער־רויש פון דעם טייך ווי־לייקע און פארלוירן געוואָרן מיט פארשיידענערליי קוילעס אין דער געדיכטעניש פון דיביימער.

ס'איז געווען האלבער טאָג.

XLII

דער ווייזער האָט שוין באלד זיך צוגערוקט צו צוועלף.

די פענצטער פון דעם אינטערנאט אין ווילנער לערער־אינסטיטוט זיינען געשטאנען אָפן. פונעם סעדל האָט געטראָגן מיט יענער צוגעדר־שעטער פארניקייט, וואָס פילט זיך נאָך א הייסן זומער־טאָג.

אף די געלעגערס איז הייס.

די סטודענטן קאָנען ניט איינליגן. זיי וואָלטן אוואדע א באלן גע־ווען ארויסטראָגן די שווערע איזערנע בעטלעך אין סאָד אונטער די ביימער — ווען אָבער די אדמיניסטראציע דערזען און זיי צוריק אריינ־טרייבן אין די צימערן.

ווײנער קאָן ניט אנטשלאָפן ווערן. ער דרייט זיך פון זייט אף זייט:

ווען ער וואָלט געווען הערן רייזען און וואָלט זיך געווען פאר־האלטן לענגער בא איר... ער האָט ניט געוואָלט... דאָרטן וואָלט זי אים אויס־געבעט א קיל ציכטיק געלעגער אין ווינקל פון איר געראמען מיידלשן צימער.

וויל ער ניט, דארף מען ניט — וויפל דארף זי אים בעטן.

ווײנער ווארפט פון זיך אראָפּ די קאָלדרע. ער בלייבט ליגן אין אונטערשטן גרעט. עטלעכע שכיינים טוען אים נאָך. עס פליִען ארוף די קאָלדרעס אינדערלופטן, פאלן צוריק אראָפּ און דערלאנגען א פּאטש איבערן דיל. דערנאָך הייבט מען זיי צוריק אוף און מע פאָכעט מיט

זײ עטלעכע מינוט — עס ווערט אביסל ווינטיק און ס'ווערט קילער אין צימער.

דורך די שפּאַרונעס פֿון דער טיר רינט דורך א שמאָל פּאַסיקל שײַן פֿון א טשאַדעגדיק לעמפּל. ווי שטענדיק אפּדערנאַכט, איז אין די אינ־סטיטוט־צימערן אומעטיק־שטיל. אז ס'גייט ערגעץ אין א ווײַטן צימער א מענטש — הערט מען א שאַרף קלאַפּן מיט די פּיס, וואָס הילכט און קאָן לאַנג, לאַנג ניט פֿאַרלאָשן ווערן.

שוין עטלעכע מאָל איז פֿון זײַן געלעגער פּגעשטאַנען קאַץ און געגאַנגען צום פֿענצטער אָטעמען מיט קילקײַט.

— אַ.. אַ — האָט קאַץ הויך געאָטעמט.

— וואָס קוויקסטו זיך, קאַטער? — האָט זיך דערהערט א קאָל.

קאַץ איז צוריק אוועק אף זײַן געלעגער און זיך ניט געקאָנט אײַנ־מאָסטען.

די סטודענטן האָבן געטוליעט זייערע נאַקעטע הענט און פּיס צו די אײַזערנע שטעקלעך פֿון די בעטלעך, וואָס האָבן דאָך אין זיך פֿאַרהיט אייניקע גראַדן קילקײַט.

שווער געווען אײַנצושלאָפֿן אין דער היץ.

פּלוצים האָבן זיך דערהערט טריט פֿון עטלעכע פּאָר פּיס. ס'האָט געמאַכט אן אײַנדרוק, אז מע וויל די טריט באַהאַלטן, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפֿן, ווײַל אין דער אויסגעשלײַפֿטער שטילקײַט פֿון די צימערן האָבן די טריט אָפּגעהילכט און פּאָרט געטראָפֿן צו די אײַנוווינערס אויערן.

דער ערשטער איז אופגעשפּרונגען קאַץ:

— מע גייט!..

די איבעריקע האָט עס ווייניק וואָס געאַרט. איינער האָט גלײַכגילטיק זיך אָנגערופֿן:

— וואָס שפּרינגסטו? ס'איז מיסטאַמע וולאַדיסלאַוו.

אף עטלעכע סעקונדעס זײַנען די טריט ערגעץ פֿאַרפֿאַלן געוואָרן און דערנאָך ווידער אויסגעוואַקסן, שאַרקענדיק נאָענט לעם די טירן.

די סטודענטן האָבן זיך שוין געהאַט אופגעהויבן אף די עלנבויגנס און געוואַרט. ס'האָט זיך אופגעעפֿנט די טיר, און א גרויסער לאָמפּ איז אַרײַנגעשוועמען אף וולאַדיסלאַווס הענט אין צימער אַרײַן.

נאָכן לאָמפּ האָט זיך באַוויזן דער דירעקטער דוראָוו און דער אינ־ספּעקטער שטיינבערג. דער דירעקטער איז געווען אײַנגעהויקערט, פֿאַר־וויקלט אין א לײַכטן כאַלאַט; בא שטיינבערגן זײַנען די האָר אפֿן קאָפּ

געווען צעפּאַטלט, מיט די גראָווע אויגן האָט ער אָן אופהער געניש־טערט.

דער דירעקטער האט באַרויִקט:

— מײַנע ליבע הערן סטודענטן, איר מעגט בלײַבן ליגן...

די סטודענטן זײַנען שוין געזעסן אף די בעטלעך. אייניקע פון זיי האָבן געכאַפּט די הויזן און זיי געוואָלט אַפּגיך אַרופשלעפּן אף זיך. שטיינבערג איז צוגעלאָפן און ניט געלאָזט:

— נישקאָשע, זײַט זיך ניט מאַטריִען, מירן אַליין. לאָז ליגן.

ער האָט געוויזן מיט די הענט, אַז די סטודענטן דאַרפן זיך צוריק אַוועקלייגן אף זייערע ערטער און שווײַגן.

טאָמער האָט זיך א ריר געטאָן א מענטש אף א בעטל, איז שטיינ־בערג באַלד צוגעלאָפן, צוריק אַוועקגעלייגט און איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע.

— ס'איז הייס—האָט מען געשמייכלט פון די בעטלעך און זיך גע־שעמט מיטן נאַקעטן הוילעך.

— נישקאָשע, איר וועט ניט דערשוויצט ווערן.

מ'האָט זיך גענומען צום נישטערן.

וולאַדיסלאַוו האָט זיך געשעמט צו קוקן די באַקענטע סטודענטן אין די אויגן. דער לאָמפּ איז געווען א גרויסער. דער עקאָנאָם האָט אָפּגע־קערעוועט פון אים דאָס פּאָנעם. ער האָט אים אַוועקגעשטעלט אף א טישל אינמיטן צימער און געדאַרפט אַלעמאָל דערלאַנגען אַן אַנדער פּאָר הויזן, א פּידזשאַקל פון די סטודענטן.

וולאַדיסלאַוו נעמט אַלעמאָל אַראָפּ פון א בענקל א מאַלבעש און טראָגט עס צו צום אינספּעקטער, וואָס שטופּט אַרײַן די הענט און שלעפּט אַרויס פונדאָרטן אַלעמאָל אַן אַנדער זאַך. אָט שלעפּט ער אַרויס א בריוו. א סטודענט—דער באַלעבאָס פונעם רעקל, טוט זיך א ריס אַראָפּ פונעם געלעגער און שרײַט:

— ס'איז מײַן מיידלס בריוו. וואָס טוט איר?

עס ווערט א געלעכטער.

שטיינבערגס האַרב פּאָנעם ווערט נאָך שטרענגער, סע ציִען זיך בא אים צונויף ביידע ברעמען. ער בורטשעט:

— מיר ווייסן. מירן איבערלייענען.

דער סטודענט הערט ניט אוף צו גוואַלדעווען.

שטיינבערג ווײַזט אים מיט דער האַנט אפן בעטל:

— לייגט זיך!

און דער סטודענט לייגט זיך האכנאָעדיק אוועק, גלײַך ער דאַרף באַלד געשמיסן ווערן טאקע דאָ אפן געלעגער. מיט די אויגן הערט ער ניט אויף נאָכצושפּירן דעם אינספּעקטערס הענט, וואָס באַברען זיך און קנייטשן דאָס בריוול. דער דירעקטער איז די גאנצע צײַט געשטאנען פאַרוויקלט אין כאלאט און האָט ווי מוירע געהאט צו ווײַזן זײַן אלט צעקנייטשט און אָפּגעלעבט פּאָנעם. ווען וולאדיסלאוו האָט זיך דערנענטערט צו קאצס בעטל אף צו נעמען זײַן אָנטאָן, האט זיך קאץ אליין א ריס געטאָן פונעם געלעגער, געכאפּט דאָס אָנטאָן און צוגעטראָגן עס ברייטהאַרציק צום אינספּעקטער, גלײַך ער האט געוואָלט דערמיט דער־ווײַזן: נעמט, באַברעט, נישטערט, איך האָב קײַן מוירע ניט.

די איבעריקע סטודענטן באמערקן עס, מע קוקט מיט רויגעז און מע פאַרגעדענקט דעם אונטערלעקערס אופירן זיך. דער אינספּעקטער דער־זעט קאצן, טוט ער אף אים א כעסעדיקן קוק און קערט אים באַלד אום דעם מאַלבעש.

קאצס ליפּן שעפּטשען:

— א דאנק, א דאנק.

בא איין סערדעטל האָבן זיך שטיינבערגס הענט פארהאלטן לענגער. ער האָט עפּעס ארויסגעשלעפּט און געוויזן דעם דירעקטער. דער די־רעקטער האָט זיך גוט אײַנגעקוקט, איגדערהייך איבערגעלייענט „לאָנ־דאָן” און אפּגיך עס ארונטערגעשטופּט היגטערן כאלאט. שטיינבערגס הענט האָבן גענומען דירעוודיקער צו זוכן און איבערגעקערט אלע קעשענעס.

— וועמעס איז עס סערדעט?

קיינער רופט זיך ניט אָן.

דער קנויט אין לאָמפּ האָט א ציטער געטאָן: די שאָטנס פון די מענטשן זײַנען געוואָרן קלענער און אײַנגעשרומפּענער.

— דרייט ארויס דעם קנויט—איז שטיינבערג געוואָרן דערצאָרנט.

וולאדיסלאוו דרייט ארויס דעם קנויט.

צום טיש איז צוגעגאנגען א נאקעטער סטודענט, וואָס האָט אויס־געזען דערשראָקן:

— ס'איז מײַנס.

— ווו האָט איר עס גענומען?

דער סטודענט שווײַגט.

— מע פרעגט אײַך, הער סטודענט?—איז ווי פונעם כאלאט ארויס־געקומען דעם דירעקטערס קאָל.

— געפונען, —ענטפערט דער סטודענט דערשלאָגן און שטיל.
— ווו געפונען?
— איך געדענק ניט.

דערנאָך האָט וולאדיסלאוו געמוזט ארויסרוקן די טישלעך, און שטיינבערג האָט איבערגעשארט ווו א ווינקעלע אין די שופלאָדן.

ווען מ׳האט געענדיקט מיט די טישלעך, האָט שטיינבערג איינגערוימט וולאדיסלאוון א סאָד. וולאדיסלאוו האָט זיך לאנג געדרייט, אפּאָנעם, ניט געוואָלט אויספילן דעם אינספעקטערס באפעל.

שטיינבערג האָט אינדערשטיל גערעדט בייז און אופגערעגט צום עקאָנאָם.

— טוט וואָס מע הייסט אייך! —האָט ער באפעלנדיק א געשריי געטאָן.

בא וולאדיסלאוון האָבן זיך אָנגעגאָסן די אויגן מיט טרערן, ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאלטן:

— איך האָב געדינט אזויפיל יאָרן אין דער ראבינער־שול און קיינמאָל אזוינס ניט געטאָן, איבערגעלעבט אזויפיל לערער. איצטער דין איך אין אינסטיטוט. וואָס זשע ווילט איר פון מיר? איך זאָל די סטודענטן פארשעמען?

— דוראק! —האָט שטיינבערג א שמייכל געטאָן—טוט, וואָס מע הייסט אייך!

מיט א צעבראָכן געמיט איז וולאדיסלאוו צוגעגאנגען צום ערשטן בעטל און געהייסן דעם סטודענט אַראָפּגיין אפן דיל. ער האָט אים דערביי זייער לייכט אָנגענומען בא די אקסלען און אים אראָפּגעשטעלט די פיס פונעם בעטל.

— הייבט אוף דעם מאטראץ!

וולאדיסלאוו האָט מיט ציטערדיקע הענט אופגעהויבן דעם מאטראץ, די קישנס, געטרייסלט די לייַלעכער. דערנאָך איז מען צוגעגאנגען צו דער שאפע און דאָרטן געזוכט.

אף די דילן זיינען געשטאנען נאקעטע מענטשן, ווי שאָטנס.

וויינער האָט געציטערט.

ס׳האָט אים געקלאפּט אין מויעך: „איך זאָל געוועזן הערן רייזען און בלייבן בא איר. זי האָט אזוי געבעטן, איז מיר ניט אָנגעשטאנען.

— צונזער, ראבינאָוויטש! —איר וועט מאָרגן אריינקומען צו מ׳יר— האָט וויינער דערהערט דעם דירעקטערס קאָל.

ביידע אָנגערופענע סטודענטן זיינען נאקעטע, מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ געשטאנען לעם די בעטלעך.

— איר האָט געהערט, וואָס מע זאָגט אײַך—האָט שטיינבערג זיי אַרײַנגעקוקט אין די פּענעמער.

זיי שאָקלען מיט די קעפּ: געהערט.

ווײַנער האָט ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון ביידע סטודענטן. אינ־דערטונקל כאַפּט ער מיטן אויג זייער בלייכן אויסזעען: אָט גיבן זיי אים אויס, אָט, אָט. אָך, ווען ער זאָל געוועןן הערן רייזען און הײַנט ניט קומען אַהער...

שטיינבערג האָט בײַ איינעם געפונען אַ באַהאַלטענעם העפט, בײַ אַ צווייטן—פּאָרדאַרטע בלומען אין אַ ביכל. איינעם אַ העפט האָט שטיינ־בערג אויפגעעפנט און לענגער באַטראַכט. דער דירעקטער האָט גע־פרעגט:

— וואָס איז עס?

— פּערזן,—האָט געענטפערט דער אינספּעקטער.

— לייענט מיר איבער.

— ס'העברעיִשע, איר וועט ניט פאַרשטיין.

— איבערזעצט מיר.

אין אַ זײַט האָט אַ שפּריץ געטאָן אַ פאַרשטיקטער געלעכטער. מ' האָט דערהערט אַ קאָל אף יידיש:

— אין איין אָטעם, ער קאָן זיך שוין ניט אײַנהאַלטן.

— וואָס רעדט מען דאָרטן?—האָט דער דירעקטער אַ בורבל געטאָן.—זעצט מיר איבער.

שטיינבערג קוקט זיך אום אין די זײַטן. ער טוט צוליב דעם דירעק־טער און זעצט איבער די לעצטע פּראָזע.

דער דירעקטער שטופּט אַרײַן דעם קאָפּ טיפער אין כאַלאַט.

פון אַ העפטל האָט זיך אויסגעשאָטן אַ פאַרדאַרטע בלום. וולאַדיסלאַוו האָט זיך געלאָזט זי אויפקלײַבן פונעם דיל. פּלוצים דערהערט זיך אַ סטודענטס אַ שטים:

— מע דאַרף ניט, מע דאַרף ניט, ס'איז שוין אַן אַלטע.

פון איין ביכל האָט דער אינספּעקטער אַרויסגענומען אַ לעפל פון אַ שלייקע. שטיינבערג טוט פאַר ביזאָיען אַ שמיץ אוועק דאָס לעפל, ערגעץ אין אַ זײַט טוט עס אַ פּאַטש און בלײַבט ליגן.

וולאַדיסלאַוו האָט צוריק אַוועקגעלייגט דעם לעצטן מאַטראַץ און געבליבן שטיין דערשלאָגן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

פאַרנומען אַ פּאָר ביכער, זײַנען אַלע דרײַ—דער דירעקטער, דער אינספּעקטער און וולאַדיסלאַוו—אַרויס אין קאָרידאָר.

דער לאָמפּ האָט זיך געהוידעט אין עקאָנאָמס הענט און אַלעמאָל קלענער געמאַכט די שײַן, וואָס האָט נאָך אַלץ דערגרייכט צו דער אָפענער טיר פונעם צימער. זיי זײַנען אַרײַן אין אַן אַנדער צימער און זיך גענומען מיטן זעלבן פלײַס און מיט דערזעלבער פאָרזיכטיקייט צום זוכן.

די סטודענטן אין ערשטן צימער זײַנען געווען צעקלעמט און שווײַגנדיק, האָט זיך יעדער געטוליעט אין זײַן הייסן אופגערודערטן געלעגער.

ס'איז שוין געווען טיף אין דער נאַכט.

אין די פענצטער האָבן זיך געבויגן ביימער.

אין די דורכלויכטן פון די ביימער האָבן זיך געטונקלט שווערע און שטומע שטיקער הימל, אָנגעגאָסענע מיט גרינבלעכער פאַרטאָגעדיקער שײַן.

XLIII

סערגיִעווסקי האָט אַרויסגערופן צו זיך דוראָוון, שטיינבערגן און וואָלן.

נאָך איידער זיי זײַנען אָנגעקומען, האָט ער ווידעראַמאָל איבערגעלייענט ביידע פּראָטאָקאָלן, וואָס ער האָט אײַנדערפרי באַקומען:

דער ערשטער פּראָטאָקאָל:

„1875 יאָר, יון דעם 29־טן. מיר, די אונטן־אונטערגעשריבענע, מיטגלידער פון פּעדאַגאָגישן ראַט פונעם ייִדישן ווילנער לערער־אינסטיטוט, אינזינען האָבנדיק, אַז די שילער פונעם דאָזיקן אַנשטאַלט קאָנען, אויסנוצנדיק די פרײַהײַט בעשאַס די קאַניקולן, אַרײַנגעצויגן ווערן אין אַ באַקאַנטשאַפט מיט די שטאָטישע פּערזאָנען פון אומפּאַסיקן געדאַנקענגאַנג און וועלן באַקומען ביכער צום לייענען מיט אַ פאַרבאָטענעם אינהאַלט, און אויך וועלנדיק זיך איבערצײַגן, צי פילן אויס די שילער די קלאָלים, וואָס זײַנען פאַר זיי אײַנגעשטעלט דורכן פּעדאַגאָגישן ראַט אפן קאַניקול־פּעריאָד, — האָבן געהאַלטן פאַר נייטיק צו באַזוכן דעם אינסטיטוט אין דער באַנאַכטיקער צײַט און אונטערזוכן די ביכער און העפטן, וואָס געהערן צו די שילער.

דער באַזוך פון אינסטיטוט און די אונטערזוכונג פון די שילער־מאַכשירים, וואָס געפינען זיך סײַ אין שלאָף־צימער, סײַ אין די לערן־צימערן, איז געמאַכט געוואָרן אין דער נאַכט פונעם 29־טן אפן 30־טן יון פון $11\frac{3}{4}$ ביז 2 אזייגער. צוליב מערער פינקטלעכקייט פון דער אונטערזוכונג האָבן מיר זיך פאַנאַנדערגעטיילט אף צוויי גרופּעס. דער

צײַטװײַליקער פארטרעטער פון דירעקטער דוראָװ און דער אינספעקטער שטײנבערג האָבן זיך פארנומען מיט אונטערזוכן די שלאָף־צימערן פון די שילער, און דער לערער װאָל אין דער באגלײטונג פונעם עקאָנאָם אין אנשטאלט האָבן זיך פארנומען מיט אונטערזוכן די עס־צימערן פון די שילער און די קלאסן. דערבײַ האָט זיך ארויסגעװיזן:

1) אין דער זײַטיקער קעשענע פונעם אױבעראָק, װאָס געהערט צום שילער פון 1־טן קלאס צונזערן, האָט מען געפינען א פארבאָטענע בראָשור: 1873—1773. אין אָנדענק פון הונדערט יאָר פוגאטשאָװטשינע, צװײטע אױסגאבע, לאָנדאָן, אױסגאבע פון זשורנאל „װפערױאָד״, 1874 י.; 2) אין קלײדער־שאפע, װאָס געפינט זיך אין שלאָף־צימער פון די שילער פונעם 2־טן קלאס, אין שופלאָד פונעם שילער פונעם זעלבן קלאס ראבינאָװיטש נאום, האָט מען געפונען א פארבאָטענעם בוך, אָן א שאר־בלעטל אונטערן נאָמען „אָטשעפענצי״; 3) אין די אונטערזוכטע לערן־צימערן, צװישן די ביכער און העפטן פון די שילער האָט מען קײן שום פארדעכטיקס ניט געפונען.

אונטערגעשריבן: צײַטװײַליקער פארטרעטער פון דירעקטער—מ. דוראָװ, אינספעקטער — א. שטײנבערג, לערער—װאָל״.

און דער צװײטער:

„1875 י., יון דעם 30־טן טאָג. די אױסגעפרעגטע דורך אונדז אף צו דערגאנצן דעם אױבנגעבראכטן אקט, די שילער צונזער און ראבינאָװיטש נאום, האָבן געגעבן פאָלגנדיקע דערקלערונגען: 1) צונזער האָט דער־קלערט, אז די בראָשור „פוגאטשאָװשטשינע״, װאָס איז געװען בא אים אין אױבעראָק, האָט ער צופעליק געפונען דעם 29־טן אפדערנאכט בעשאס א שפאציר, אפן װעג, װאָס פירט פון װיפלעם אין „זשעלעזנאיא כאטקא״, דערבײַ זײַנען קײן זײַטיקע פערזאָנען ניט געװען. כוצדעם, האָט צונזער פארזיכערט, אז דאָסדאָזיקע ביכל האָט ער ניט באװיזן איבערצולײענען, און אז ער האָט דאָס אופגעהויבן און ארײַנגעלײגט אין קעשענע, װײַל ער האָט זיך פארינטערעסירט מיטן נאָמען פונעם ביכל און געמײנט, אז סע איז א געשיכטלעכע אױספאָרשונג.

2) ראבינאָװיטש נאום האָט דערקלערט, אז דאָס ביכל „אָטשעפענצי״, װאָס מע האָט געפונען בא אים אין שופלאָד, האָט ער יענע װאָך גע־קױפט אפן מארק, בא אן אומבאקאנטן סאָלדאט, צוזאמען מיט א פראנ־צױזישן לערנבוך מארגאָ. בײדע ביכער האָט ער געקױפט פאר 35 קאָ־פיקעס. אױסער דעם, האָט ראבינאָװיטש צוגעגעבן, אז דער אינהאלט

פון בוך איז אים געווען אומבאוווסט און, אז ער האָט עס נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט דורכגעלייענט. ראַבינאָוויטש האָט געהאַלטן דעם בוך פאַר א היסטאָרישן אף דעם סמאך, ווייל אף די ערשטע זייטן רעדט זיך וועגן נאַפּאָלעאָנען און אווגוסטן. דערביי האָט ער נאָך צוגעגעבן, אז ער ווייסט אפילע ניט דעם באַדייט פונעם וואָרט „אָטשעפּענצי”.

אונטערגעשריבן: צייטווייליקער דירעקטער—דוראָוו.
אינספּעקטער—א. שטיינבערג, לערער א. וואָל”.

שטיינבערג האָט געהאַט א מידן אויסזעען.

די סטודענטן ווען אים דול מאכן! ער וואָלט זיך בעסער פאַרנומען רויק מיט זיין פילאָלאָגישער אַרבעט. ער האָט געטראַכט פון די וועגן, אף וועלכע יידישע יונגעלייט וועלן אוועקגיין. פאַלשע וועגן!.. עס וועט זיי פאַרפירן.

ער האָט ניט אופגעהערט זיך צו ערגערן, ביז ער איז ניט אוועק אין אינסטיטוט, און ביידע—ער מיטן דירעקטער—האָבן זיך געלאָזט גיין צו סערגיִעווסקין, ניטדערוואַרטנדיק זיך אפן לערער פון געשיכטע—וואָלן.

סערגיִעווסקי איז טייקעף צו זיי אַרויס און מיט א סוידעסדיקן קאָל, אפגיך זיי אַריינגערופן צו זיך:

— גאָספּאָדא,—הייבט אָן דער פּאָפּעטשיטעל—זיצט.

שטיינבערג דערזעט אפן טיש די פּראָטאָקאָלן אונטערגעשטראָכן אין עטלעכע ערטער.

— גאָספּאָדא!—איר זיינט עפשער גוטע פּעדאַגאָגן, אָבער זייער שלעכטע דינער פון אונדזער מאָנאַרך.

בא שטיינבערגן האָט גענומען שווינדלען אין די אויגן: ער דינט שלעכט דעם מאָנאַרך? ווער זאָגט עס?

שטיינבערג נעמט ניט אַראָפּ די אויגן פון סערגיִעווסקין: אָט, אָדע־ראַבע.

— ניקאָליי אַנאַניִעוויטש,—וויל ער זאָגן דעם פּאָפּעטשיטעל—פרעגט באַם דירעקטער.—ניקאָליי אַנאַניעוויטש, וואָס רעדט איר. ניקאָליי אַנאַניִעוויטש, איר פאַרשעמט מיין אַרבעט.

— איך ווייס, איך ווייס,—ווערט סערגיִעווסקי אופגערעגט,—טאַקע דער־פאַר זאָג איך עס אייך.

— א? וואָס? וואָס זאָגט עס ניקאָליי אַנאַניִעוויטש?

דער דירעקטער דוראָוו האָט ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט פאַר זיך. ער איז געווען בלאַס, די האַנט האָט זיך באַ אים שוין עטלעכע מאָל אופגעהויבן און צוריק אַראָפּגעלאָזט. ער זעט, ווי שטיינבערג זיצט מיט אַ האָפענונגלאָזן פּאָנעם.

און סערגיִעווסקי שווייַגט אַלץ. ער וואַרט, ווייַזט אויס, ביזוואַנען מע וועט אים פרעגן.

באַם דירעקטער ציט זיך אויס די האַנט צו די צוויי פּראָטאָקאָלן אופן טיש:

— וואָס זשע, די פּראָטאָקאָלן זייַנען שלעכט צונויפגעשטעלט?

וואָל איז אָנגעקומען און שטילערהייט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל. ער האָט באַלד דערשמעקט צוליב וואָס מע האָט זיי אַהער גערופן. דערזען, ווי פּאַרקלעמט און דערשלאָגן זייַנע שעפן שטייען און שווייַגן, האָט ער צוערשט אַ ציטער געטאָן, אָבער באַלד זיך פאַרשעמט. זייַן שטאָלץ פּאָנעם האָט גלייַך און דרייסט געקוקט דעם אופגערעגטן פּאָפּעטשיטעל אין די אויגן אַרייַן.

סערגיִעווסקי נעמט די פּאַפּירן און זאָגט:

— ס'איז גלייַך ווי גאָרניט. ס'איז טראַקטאַטן וועגן הומאַניזם, קיין טאַט איז דאָ ניטאָ. אין ווילנע אַרבעט אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע, און באַ אייַך אין פּראָטאָקאָל איז ניטאָ וועגן די אָנפירערס. אין אייַער אינסטיטוט, אונטער אייַערע נעזער גרייט מען דינאַמיט קעגן דער אימפּעריע, און איר ברענגט מיר שפּאַרגאַלקעס מיט מאָליטוועס. סטידנאָ, סטידנאָ!

נאָך אַזאַ שאַרפער אַרויסטרעטונג, איז אויך וואָלן געוואָרן שווער און אומהיימלעך.

אַלע דרייַ האָבן געשוויגן.

— וואָס זשע שווייַגט איר, גאָספּאָדאַ?

סערגיִעווסקי איז אופגעשפּרונגען פונעם אָרט, זייַן לאַנגער קערפּער האָט זיך אַ ריס געטאָן צו דער טיר—די גערופענע וועלן נאָך מערער בלאַס—זייַנע לאַנגע וואָנצעס שפּרינגען אום איבער די ליפּן:

— איר ווייסט, וואָס עס קומט אייַך דערפאַר. מע וועט פאַרמאַכן דעם אינסטיטוט. מיר דאַרפן אויך ניט קיין שולן פאַר אייַערע ייִדן. דער קאַנט וויל צעטרייסלען אונדזער אָרדענונג. איכל אָנשרייַבן קיין פּעטערבורג, אַז איר זייַנט בונטאָווּשטשיקעס. אין היגן קאַנט זייַנען נאָך ניט אויסגעטאַמט די טראַדיציעס פון די פּוילישע מיאַטעזשניקעס. אייַערע ייִדן האָבן זיי אונטערגעהאַלטן. מיר ווייסן.

דער פּאָפּעטשיטעל האָט אַ ווונק געטאָן צו דוראָווון, ער זאָל בלייַבן,

און שטיינבערגן מיטן וואָלן געגעבן אָנצוהערעניש אף אוועקצוגיין: ווי איינער רעדט, מיט אים וועלן מיר זיך שוין צונויפריידן.

וואָל איז אַלץ געשטאַנען פונדערווײַטנס. סאָפּקאָלסאָף דערנעענטערט ער זיך:

— ניקאָלײַ אַנאַניעוויטש, איך האָב זיך דערוווסט...

— ביטע, זיצט, — האָט סערגיעווסקי דערקענט אפן לערער כון געשיכטע, אז אָט וועט ער דערציילן וויכטיקס.

— ביטע, זיצט.

מ'האָט זיך ניט אוועקגעזעצט.

בא וואָלן האָבן געציטערט די קני:

— ניקאָלײַ אַנאַניעוויטש, איך ווייס פונוואַנען סע קומט דאָס שלעכטס אין אינסטיטוט. אפדערנאַכט איינמאָל בין איך דורכגעגאַנגען פאַרבײַ דעם אינסטיטוט. איך זע, א קרײַזל זיצט. זיי זײַנען ניט שולדיק, אונדזערע סטודענטן. אינמיטן זיצט איינער. איך הער זיך אײַן: מע פאַרנעמט זיך ניט מיט די לימודים. טראַכט איך, מע לייענט און — מ'האָט געלייענט א פאַרבאָטענע זאַך. איך האָב, פאַרשטייט זיך, צעטריבן.

דער לערער כאַפּט איבער דעם אָטעם.

אינמיטן דערינען האָט זיך צעקלונגען דער זייגער.

— נו, ווײַטער...

— האָב איך זיך דערוווסט, ס'איז ליבערמאַן, א העברייִסט. אן אמאָליקער ראַוויניסט. ער איז שולדיק אין אַלץ.

— ליבערמאַן?

סערגיִעווסקי פאַרשרײַבט בא זיך די פאַמיליע.

— און ווער נאָך? פון אײַערע סטודענטן ווער?

— ווײַטער ווייס איך ניט.

— ווער איז געזעסן?

— נו... — וואָל קלײַבט איבער אין מויעך די פאַמיליעס... נו... ראַבינאָוויטש, דערזעלביקער, און צונזער... דער עלביקער, וואָס איז פאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל. מערער געדענק איך ניט. ס'איז געווען פינצטער. שפּעט באַנאַכט...

ס'איז געוואָרן שטיל.

מ'האָט געהערט דאָס אָטעמען פונעם גרויסן וואַנט-זייגער.

— איך פאָדער צו זײַן ענערגישער און צווינגען די סטודענטן צו זאָגן דעם עמעס. נאָך הײַנט דאַרף מען עס מאַכן — האָט סערגיִעווסקי אפגיך געזאָגט.

— גוט, גוט...—האָבן שטיינבערג און דוראָוו מיטגעשטימט.
מ'איז ארויס פונעם פּאַפּעטשיטעל און אוועק גלײַך אין לערער־אינ־סטיטוט.

אפן צווייטן טאָג איז בא סערגיִעווסקין אפן טיש געלעגן א פריש־אָנגעשריבענער פּראָטאָקאָל מיט אזא אינהאלט:

«לויט דעם מינדלעכן באפעל, וואָס אײַער עקסעלענץ האָט מיר און דעם אינספּעקטער שטיינבערג געגעבן, האָבן מיר באלד אײַנגעלאדן די שילער ראבינאָוויטש נאום און צונזער, וואָס ווערן אויסגעהאלטן אף די מיטלען פון דער מעלוכע, ייִדערן באזונדער, זיי זאָלן געבן א פולקום־ריכטיקע דערקלערונג, ווען און פאר וועמען האָבן זיי באקומען די פּאר־באָטענע ביכער: „אין אָנדענק פון פוגאטשאָווטשטשינע” און „אָטשעפּענצי”, וואָס מיר האָבן בא זיי געפונען זונטיק דעם 29־טן יון. באמערקנדיק, אז דידאָזיקע ביידע שילער זײַנען שטארק דערשלאָגן פון זייער פעלער, האָבן מיר, באנוצנדיק זיך מיט זייער מאָראלן צושטאנד, זיי געזאָגט, אז זייער ערשטע דערקלערונג מיקוייעך דעם, פונוואנען און ווען זיי האָבן געקראָגן די ביכער, דאכט זיך אונדז, שטימט ניט מיט דערווירקלעכקײַט, און אויב זיי וועלן זיך אקשענען און באשטיין אף זייער ליגנערישער דערקלערונג, וועלן זיי באקומען, ווי שוין מאָראליש קאַליע־געוואָרנע, א שטרענגע, אָבער א פולקום־גערעכטיקע שטראָף. פארקערט, די שטראָף קאָן באדײַטנדיק פארווייכערט ווערן, און זייער ווײַטערדיקע דערציִונג אף מעלוכע־מיטלען אינעם ייִדישן לערער־אינסטיטוט קאָן בלײַבן ווי געווען, אויב זיי וועלן ביידע, ראבינאָוויטש נאום און צונזער, אָפנהערציק אנערקענען זייער שולד און דערמיט אונדז אָנווײַזן דעם קוואל, פונוואנען עס קומט דאָס שלעכטיקײַט אין אינסטיטוט.

דער שילער פונעם 2־טן קלאס ראבינאָוויטש נאום, וועלכן מיר האָבן פריִער אײַנגעלאדן צו געבן דערקלערונגען, האָט אופמערקזאם אויס־געהערט און אין די ערשטע מינוטן זיך פארלוירן, דערנאָך גענומען וויינען און בעטן, אז מיר זאָלן אים ניט אומברענגען. שפּעטער האָט ער זיך אנטשולדיקט, וואָס ער האָט דעם 30־טן יון געגעבן די ערשטע דערקלערונג א פאלשע, און צום סאָף געמאָלדן, אז איצט וועט ער זאָגן דעם ריינעם עמעס. דעם בוך „אָטשעפּענצי”—האָט ער געזאָגט—האָב איך צוריק מיט א וואָך געקריגן בא ווײַנערן, וואָס האָט מיר גע

זאָגט: „כאָטש דערדאָזיקער בוך איז פארבאָטן, נאָר אזוויוי ער איז אָפּגעדרוקט אין רוסלאַנד און די צענזור האָט אים דורכגעלאָזט, קומט אויס, אז מע מעג אים לייענען". באקומען דעם בוך—האָט ווייטער דער ציילט ראבינאָוויטש—האָב איך אים אוועקגעלייגט אין מיין שופלאָד און פון דעמאָלט אָן זיך צו אים ניט צוגערירט.

און ווען נאָכדעם האָט ראבינאָוויטש געמאָלדן, אז ער האָט שוין אלץ געזאָגט און האָט מער גיט וואָס צו ריידן, האָבן מיר אים באפרייט און ארייַנגערופן דעם שילער פונעם 2־טן קלאַס, ווייַנערן, צוליב ווייטער־דיקע דערקלערונגען. געזאָגט ווייַנערן צוליב וואָס ער איז גערופן געוואָרן, האָבן מיר אים דערקלערט די גאנצע וויכטיקייט פון זיין שולד, אייַנצייַטיק אים געמאכט א באמערקונג, אז בלויז דער ריינער עמעס קאָן אים ראטעווען פון א שטרענגער שטראָף. ווייַנער האָט גענומען אָפּלייקענען, געזאָגט, אז ראבינאָוויטש האָט גערעדט רעכילעס, אז ער, ווייַנער, האָט מיט אים ניט געהאט קיין שום אלגעמיינס און אים, ראבינאָוויטשן, ניט געגעבן קיין שום ביכער. געזען אזא אייַנגעשפּארט־קייט מיצאד ווייַנערן, האָבן מיר אייַנגעלאַדן ראבינאָוויטשן און זיי גע־שטעלט אויג אף אויג. ער האָט געזאָגט ווייַנערן, אז דאָס בוך „אָטשע־פענצי" האָט ער ווירקלעך באקומען בא אים. דעמאָלט האָט שוין ווייַנער אונדז געזאָגט, אז ווירקלעך דאָסדאָזיקע ביכל האָט ער באקומען בא זיינעם א באקאנטן, בא איינעם א זונדעלעוויטש, א געוועזענער שילער פונעם 5־טן קלאַס פון דער ראבינער־שול, וועלכער איז ארויס פון דער שול אין 1873־טן יאָר, ווען זי איז פארוואנדלט געוואָרן אין דעם יידישן לערער־אינסטיטוט. ווייטער האָט אונדז ווייַנער מיטגעטיילט, אז דער־דאָזיקער זונדעלעוויטש פארנעמט זיך איצטער מיט פריוואטע שטונדן, אז ער, ווייַנער, איז געקומען צו זונדעלעוויטשן, ווי צו זיינעם א גע־וועזענעם כאווער און געבעטן בא אים ביכער צום לייענען. באקומען דעם בוך „אָטשעפענצי", האָט ער ניט באוויזן דורכלייענען, וויַיל ער איז געווען פארנומען מיט די עקזאמענעס און האָט עס אָפּגעגעבן צום לייענען ראבינאָוויטשן, מאכמעס דער לעצטער האָט אים זייער געבעטן. מיט דערדאָזיקער מעלדונג האָט ווייַנער פארענדיקט זיינע דערקלערונגען און געזאָגט, אז ער האָט מער ניט וואָס צו ריידן.

צום סאָף האָבן מיר גערופן צוליב דערקלערונגען דעם שילער פונעם 1־טן קלאַס צונזערן. צונזער האָט גלייך אונדז געזאָגט, אז זיין ערשטע דערקלערונג איז א פאַלשעטער ליגן, אז איצטער בעט ער מעכילע, און וועט אונדז זאָגן דעם גאנצן עמעס, ווען און פון וועמען ער האט בא־

קומען די בראָשור „אין אָנדענק פון פוגאטשאָוטשינע". „זונטיק דעם 29־טן יון, שפּאַצירנדיק איבערן שליאַך פון וויפלעם קיין „זשעלעזנאַיאַ באַטקאַ"—האָט אונדז געזאָגט צונזער—האָב איך אומגעריכט באַגעגנט זיך מיט זונדעלעוויטשן, דעם געוועזענעם שילער פון דער ראַבינער־שול, וועמען איך האָב פריִער געקענט, און וועלכער וווינט דאָרטן אין וואַלד לעם „זשעלעזנאַיאַ באַטקאַ". דערדאָזיקער זונדעלעוויטש האָט, באַגריסנדיק זיך מיט מיר, געזאָגט, אַז עס האָט זיך בײַ זיי צונויפגעשטעלט עפּעס אַ קרײַזל, ווו מע לייענט ביכער און מע שמועסט וועגן עפּעס גרויסע רעפאָרמעס, אַז אָט, אויב איר ווילט—זאָגט ווײַטער זונדעלעוויטש—וועלן מיר אײַך אויך צונעמען אין אונדזער קרײַזל, דערווײַל נעמט די דאָזיקע בראָשור, און ווען איר וועט זי דורכלייענען, קאָנט איר קריגן בײַ מיר אויך אַנדערע ביכער".

„איך,—האָט ווײַטער דערציילט צונזער,—האָב לויט מײַן אומדערפאַרנקײַט גענומען די בראָשור, זי אַרײַנגעלייגט אין דער זײַטיקער קעשענע פון מײַן איבעראָק, נאָר איבערלייענען ניט באַוויזן, ווײַל בעשאַס דער פּלוצימדיקער רעוויזיע האָט מען זי בײַ מיר אָפּגענומען. מער האָט פאַרענדיקט צונזער—בלײַבט מיר ניט, וואָס צו זאָגן, סײַדן בעטן מיר מוחל זײַן און פאַרגעבן".

אַרויסבאַקומענדיק די אויבנגעבראַכטע דערקלערונגען בײַ די שילער פון אינסטיטוט פון 2־טן קלאַס, ראַבינאָוויטש און ווײַנער, און בײַם שילער פונעם 1־טן קלאַס צונזער, האָב איך די ערע איבערגעבן דאָס אויבנדערמאָנטע אויף דער פאַראָרדענונג פון אײַער עקסעלענץ. אונטערגעשריבן צײַטווײַליקער שטעלפאַרטרעטער פון דירעקטאָר—מ. דוראָוו. — ווילנא, 2־טער יול, 1875 י".

XLIV

באַנאַכט האָט צו ליבערמאַנען אָנגעקלאַפּט אַ פאַרשוין.

ראָכל, האָט די ערשטע דערהערט און גענומען וועקן דעם מאַן:

— אַרן, מע קלאַפּט.

אַרן האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער קישן, זיך אײַנגעהערט. ער איז צו צו דער טיר, געפרעגט „ווער איז"—און נישט דערקענט דאָס קאָל.

געעפנט די טיר און אַרײַנגעלאָזט אין שטוב אַ פאַרדעכטיקע פיגור, וואָס האָט אויסגעצויגן אַ האַנט:

— דערקענסט ניט?

— קעלטער! וואָס איז געשעען?

קעלטער קוקט צו אים, צום אופגעוואכטן ווײַבל, צו די שלאָפנדיקע קינדער און בייגט זיך אָן עפּעס זאָגן ליבערמאַנען אפן אויער. ליבערמאַן האָט אפגיך אראָפּגעצויגן פונעם גאסט דעם מאנטל, אים א וואָרף געטאָן אף א בענקל:

— דערציילן.

בא קעלטערן איז א מיד באנאכטיק פּאָנעם. ער האָט זיך צוגעזעצט אפן ראנד פון ארנס בעט.

— ווארט,—איז ארן צוריק אראָפּ אפן דיל, גענומען מיט זיך די ליכט און אוועק אין קיך שטעלן דעם סאמאָוואר.

געבליבן אינדערפינצטער, האָט זיך קעלטער געפילט שלעכט אין א פרעמדער דירע. ער הערט, ווי אפן געלעגער דרייט זיך דעם כאווערס ווײַב. זי האָט שטיל געפרעגט:

— וואָס איז געשעען מיט אײַך?

ער ווייסט איר ניט וואָס צו זאָגן.

— מיט מיר?—גאָרניט. איך פאָר אוועק קײַן אויסלאנד.

ס׳האָט זיך אופגעכאפּט א קינד און אופגעקאלויטעט די שטילקײַט. קעלטערן האָט עס אופגערעגט. ער האָט געוואָלט צוגיין צום קינד עס בארויִקן, נאָר ניט געזען ווו. ער דערהערט, ווי דער פרויס נאקעטע פיס פּאטשן איבערן דיל, זי גייט צום קינד, פרוווט עס בארויִקן, אָבער סע הערט ניט אוף צו וויינען. דאָס ווײַב איז צוגעגאנגען צו דער טיר און ארײַנגעשריִען אין קיך:

— וואָס האָסטו צוגענומען די ליכט?

פון דער קיך ענטפערט מען ניט. דעמאָלט גייט קעלטער אין קיך ברענגען די ליכט. ליבערמאן האָט אים דאָרטן פארהאלטן, קעדיי גענויער אויסצופרעגן.

— הער זיך ניט צו, איך בין שוין געוווינט,—מאכט ליבערמאן מיט דער האנט צום אלקער.—דערציילן!

אין קיך איז דערווײַל ווידער דערפלויגן דעם ווײַבס אופגערעגטע שטים, מע זאָל ארײַנטראָגן די ליכט. ליבערמאן מאכט זיך ניטהערנדיק און וויל זיך דערוויסן בא קעלטערן אייניקע אייגצלהײַטן.

— א געשעפט האָסטו—האָט א מורמל געטאָן ארן—און אָנגעשטרענגט די אויגן צום כאווער—מ׳איז דורכגעפאלן אין פּעטערבורג? און ווו איז עפּשטיין?

— ארן, וואָס איז עס מיט דיר דאָרטן, אין קיך?

דאָס קינד האָט שטאַרקער געוויינט.

קעלטער האָט אָנגענומען אַרענען בא דער האַנט, געכאַפּט די ליכט און אים געשלעפּט אין אַלקער אַריַין:

— מע דאַרף ניט קיַין טיי, קום. איך וויל ניט קיַין טיי.

אַפּן וועג פון קיך אין אַלקער האָט ליבערמאַן באַוויזן צו זאָגן:

— דאָ הי אין אינסטיטוט זוכט מען.

אין אַלקער האָט ראָכל וויַיבעריש־אומרויִק א זידל געטאָן דעם מאַן.

מ'האָט קעלטערן אויסגעבעט א געלעגער אַפּן דיל, און אַלע האָבן זיך געלייגט שלאָפן.

איַנדערפרי האָט קעלטערן זיך געוואָרפן אין די אויגן א מאָדנע פּעקעלע, וואָס איז געלעגן גרייט אַף אוועקצושיקן. ער נעמט עס אין די הענט, דרייט עס אַף אַלע זיַיטן. ראָכל האָט דערזען און זיך געקלאָגט:

— שטראָפט אים כאָטשבי אויס, איַיער כאַווער, אָט צענעמט אומיסטן און גיט א קוק, ער איז געבליבן אָן א הוט.

קעלטער כידעשט זיך, ער נעמט ניט אַראָפּ זיַין בליק פונעם פּעקל.

ליבערמאַן איז אַרויסגעגאַנגען אין קיך, ראָכל האָט מיט קאַעס א שלעפּ געטאָן דאָס פּעקל, אופגעריסן דאָס פּאַפּיר. ס'איז פונדאָרטן אַרויסגעפאַלן ליבערמאַנס היטל, אין היטל איז געלעגן א צעטעלע אַדרעסירט קיַין לאָנדאָן—צו פּיאָטער לאַוורואָוויטש לאַווראָוון:

„טיַיערער לערער און וועגוויַיזער, נישט האָבנדיק די מעגלעכקייַט צו שיקן איַיך מיַין קאָפּ, שיק איך איַיך מיַין הוט".

קעלטער האָט זיך צעלאַכט, און ווען ליבערמאַן איז צוריק אַריַינגעקומען, האָט דער גאַסט אים אַנטקעגנגעטראָגן דאָס אופגעריסענע פּעקל און געוואָרפן אויסלאַכעריש א פּאָר ווערטער:

— אַרן, ביסט נאָך אַלץ ניט קיַין ניכטערער רעוואָליוציאָנער.

בא ראָכלען לאַכן די אויגן, זי פרייט זיך:

— איך זאָג אים אויך: וואָס מאַכסטו א טעל פון א היטל?..

ליבערמאַן רופט זיך אָן:

— אַרבעט, רעוואָליוציאָנערער ברען מעג זיַין אַביסעלע ראָמאַנטיש.

— א פּוסטע פראַזע, ליבערמאַן, ביסט נאָך אין עמעסן קאַמף ניט געווען—דאָס איז איינס. צווייטנס, שוין ציַיט זאָלסט פאַרשטיין, אַז ס'איז פאַראַן מאַרקס. דערלערנסט זיַין „קאַפּיטאַל"? צי דו ביסט וויַיטער פון לאַווראָווס היסטאָרישע בריוו ניט אַוועק. און געוויס, ווי איך פאַרשטיי,

װוּנדסטו זיי אָן צו דייַנע יעשיוועבאָכערים. האָסט זיך שוין מיט זיי צעשיידט?

— ביסט געקומען זיך קריגן, צי זאָל איך דיר העלפן זיך איבערפּעקלען? — האָט ליבערמאַן דערװוּנדערט.

— שוין צייַט איך זאָל זיך מיט דיר ניט דאַרפן קריגן װעגן דעם. איך האָב מיט זיך געבראַכט מאַרקס װערק. לייען דורך װעסטו זען, אַז די װיכטיקסטע קראַפט — דאָס איז דער פּראָלעטאַריאַט, די, װעלכע אַרבעטן. און דו טראָגסט זיך נאָך אַרום מיט דייַנע יעשיוועבאָכערים. איך האָב שוין געלייענט די רוסישע איבערזעצונג פון „קאַפּיטאַל". פאַרשטאַנען?

— מיר האָבן געהערט דאָרטן אין פּעטערבורג װעגן אייַך און װעגן דיר. איצט איז נייטיק איינס — אַנטלויפן פון דאַנען!

מ׳האָט אָפּגעטרונקען טיי און מ׳איז אַװעק צו כייַע־סאָרען אין שענק. אינגיכן האָט מען געררופן זאַלמענען דעם געלן יידן מיטן פּאַרװאָקסענעם אויג. און אַז זונדעלעװיטש מיט באַרעלן זייַנען געקומען, איז שוין געװען גרייט אַ פּאַספּאָרט, און קעלטער איז אַװעק מיט זאַלמענען.

זאַלמען האָט פאַרן אַװעקגיין איבערגעגעבן, אַז ביז פאַרנאַכט װעט ער ברענגען דעם נייַעם טראַנספּאָרט ביכער, װאָס ער האָט איבערגעפּעקלט פון יענער זייַט.

— יונגערמאַן, — װינקט ער צו זונדעלעװיטשן. — מ׳האָט מיך הייַנטיקס מאָל שיר ניט דערהאַרגעט. זאָלט איר עס אינזינען האָבן מיט אייַערע שלעק, יונגערמאַן. איך בין אַ גרויסער באַלהויצאָע און אַ מעטופּל מיט קינדער. געדענקט, אַז איך האָב ליב פייַנעם דראָשעגעשאַנק...

ליבערמאַן האָט גוט באַטראַכט דעם געלן יידן און ס׳איז אים געקומען אויפן געדאַנק, אַז מעגלעך אינגיכן װעט אויסקומען מיט אים צו גיין צו דער גרענעץ און פאַרלאָזן די היימישע האָריזאָנטן.

XLV

רייזע האָט אַ גאַנצן פרימאָרגן ניט געקאָנט נייען. גאַנצפרי האָט מען אַרויסגערופן לייבלען אין אינסטיטוט און ער איז נאָך ניט צוריקגעקומען. זי איז ניט אָפּגעטראָטן פונעם פענצטער, אויסגעקוקט די אויגן, און דער כאָסן איז אַלץ ניט געקומען.

דער עקאָנאָם װלאַדיסלאַװ, װאָס איז אים געקומען גאַנצפרי רופן, האָט ניט געװאָלט זאָגן, צי ניט געװוּסט, װאָס דאַרף מען עס אים אַזוי עקסטרע

האָבן. וולאַדיסלאַוו האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און אַפילו ניט געקוקט אויפן סטודענט.

— וולאַדיסלאַוו, ווער איז דאָרטן פאַראַן אין אינסטיטוט? — איז אומרויִק געווען ווײַנער.

— איך ווייס ניט, מע האָט זיך פאַרשלאָסן אין קאַבינעט און געשיקט אײַך רופן.

לייבל האָט אַפילו אין זײַן מויל ניט געהאַט און אַוועק. און פון דעמאָלט שטייט די נייטערקע באַם פענצטער און קוקט אַרויס אויף אים. ס'איז שוין האַלבער טאָג. זי כאַפּט אויף זיך אַרויף אַ שאַלעכל און לויפט צום אינסטיטוט.

אַך, לייבל, לייבל, וויפל זי האָט אים געבעטן צו זײַן פאָרזיכ־טיקער!

אָט לויפט ער אַנטקעגן בלאַס, דערשראָקן און צעפּאַטלט:

— רייזע, קום גיכער. איך האָב אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט, אַ פאַרברעכן, רייזע. איך דאַרף שוין אַוועקגיין.

זי האָט אים צוגעהאַלטן באַם אַרבל, אים געשלעפּט אַהיים: זאָל ער כאָטשבי עפּעס איבערכאַפּן. ס'איז אים אָבער גאָרניט געגאַנגען אויפן האַרצן:

— רייזע, דו פאַרשטייסט ניט.

זי האָט געוואָלט פאַרשטיין. און ער האָט איר גאָרניט דערציילט.

זי לאָזט אים ניט אָפּ דעם אַרבל. ער רײַסט זיך אויס פון איר און וויל אַוועקלויפן. דאָס מיידל גייט אים נאָך. איר האַרץ פילט, אַז עפּעס איז געשען אַזוינס, וואָס קאָן ברענגען צו אַן אומגליק. זי גייט לאַנג אים נאָך אויף דער גאַס אָן האָפענונג אים צוריקצוקערן. וויל זי וויסן, וווהין יאָגט ער עס. לייבל איז שוין אויף אַסאַך ווײַטער פון איר. זי איז געבליבן שטיין אינמיטן גאַס און אים לאַנג נאָכגעקוקט, ביז זײַן פיגור איז פאַרשווונדן אַראָפּ אויף דער שמאָלער זײַטיקער גאַס.

— לייבל, ווען וועסטו קומען צו מיר? — האָבן אירע ליפּן געשעפּ־טשעט, ווען?

און ער איז אַוועק צו „זשעלעזנאַיאַ כאַטקאַ", צום וואַלד, וווּ אינדער־שטיל האָט זונדעלעוויטש געטאָן זײַן דרייסטע אַרבעט.

צוגעקומען צו דער שטוב, איז אים אַנטקעגן אַרויס דער בלאַנדהאָריקער פּאָליאַק קאַרל סאַוויצקי. ער האָט באַטראַכט דעם דערשראָקענעם ווײַ־נערן.

— אונדזערע שכיינים זײַנען אַוועקגעגאַנגען. וואָס ווילט איר?

— איכל אויסוואַרטן.

— וואַרט.

— איכל אויסוואַרטן, פּאַני, זאָג איך.

— וואַרט,—האָט דער באַלעבאָס ווידער גלײַכגילטיק געזאָגט—איך לאָז אײַך דען ניט וואַרטן?

דער באַלעבאָס כּידעשט זיך אױף ווײַנערס צעטראָגנקײַט און וויל ניט אוועקגיין אין שטוב אַרײַן. לייבל איז אומיסטן אוועקגעגאַנגען טיפער אין וואַלד און אַרויסגעקוקט צום אײַנזאַמען דאַטשע-הײַזל.

געזען, אַז זונדעלעוויטש קומט ניט אָן, איז ווײַנערן אײַנגעפאַלן: עפּשער האָט מען אים שוין ערגעץ פאַרהאַלטן. דעמאָלט בלײַבט איבער פאַר אים, פאַר לייבלען, זיך וואַרפן אין טײַך אַרײַן...

ס׳האָט גענומען מאַראַקען אַ רעגנדל. ווײַנער האָט זיך געשטעלט אונ-טער די היפּשע ביימער, דער רעגן זאָל אױף אים ניט פאַלן. ער האָט געטראַכט, אַז מע דאַרף נאָך לאַנג וואַרטן. זונדעלעוויטש איז ניט אָנגע-קומען. ער וואָלט עפּשער אַרויסגעגאַנגען צום הײַזל, האָט ער זיך ניט געוואָלט טרעפן מיטן באַלעבאָס, וואָס איז שוין עטלעכע מאָל ערגעץ אַרויסגעגאַנגען און זיך גיך אומגעקערט.

אָט האָט זיך באַוויזן עמעצער. ווײַנער דערקענט יאָכלסאָנען. ס׳האָט אים אַזש אָנגעהויבן שווינדלען אין די אויגן. ער איז אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן:

— ווו איז זונדעלעוויטש?

יאָכלסאָן ווייסט ניט:

— וואָס דאַרפסטו אים האָבן?

— ווײַנער באַהאַלט די אויגן, ער נעמט אָן מיט געבעט יאָכלסאָנס האַנט:

— ווו קאָן ער עס זײַן איצטער, זונדעלעוויטש, ווו?

אױף יאָכלסאָנען האָט לייבל ווײַנער געמאַכט אָן אײַנדרוק פון אַ מענטשן, וועמען עס שטייט פאָר צו פאַרלירן אַלץ. אומבאַהאָלפן און דערשלאָגן האָט ווײַנער זיך נאָכגעפרעגט אױף זונדעלעוויטשן.

— איכל דיר זאָגן ווו, אויב איכל ווייסן וואָס איז געשעען?—איז יאָכלסאָן צוגעשטאַנען.

בײַ ווײַנערן זײַנען אָנגעלאָפן גרויסע טרערן אין די אויגן. דאָס פּאָנעם איז געוואָרן בלאָוו, צעקנייטשט. ער האָט אויסגעזען, אַזוי ווי ער וואָלט געשאָלטן זיך אַליין אָן אויפהער.

— יאָכלסאָן, ניאָמע, איך בין אַ פּאָדליעץ.

א שוויַיגנס.

דערנאָך האָט יאָכלסאָן אָנגענומען וויַינערן אונטערן אָרעם און מ'איז אַריַין אין שטוב:

— מ'האָט מיך געצווונגען און מיך מעוואיעש געווען אין אינסטיטוט, געשטעלט פּאַנעם לעפּאַנעם מיט די סטודענטן, וועמען איך האָב געגעבן אומלעגאַלע ליטעראַטור. איך האָב געטאָן א מיִעסע זאַך. פאַרשטייסט, איך האָב דערמאָנט, איך האָב דערמאָנט זונדעלעוויטשעס נאָמען.

— פאַכדן! און מער קיינעם ניט? — האָט דערשראָקן געפרעגט יאָכלסאָן.

— ניין — נאָר מע וועט אונדז אַלציַינס אַלעמען נעמען.

יאָכלסאָן האָט זיך א ריס געטאָן צום פענצטער:

— ערשט איצט הייבט זיך אָן בּאַ אונדז א רעוואָליוציאָנער לעבן. ווו איז זונדעלעוויטש, ליבערמאַן?

בּאַ וויַינערן איז דאָס פּאָנעם געווען נאָך בלאָו, קוים וואָס ער האָט אַרויסגערעדט:

— און עפּשער וועט שוין זונדעלעוויטש אהער ניט קומען?..

— עס קאָן ניט זיַין, — האָט פון אומרויִקייט יאָכלסאָן אָן אופהער געביסן די קליינע שווארצע וואָנצעלעך — עס קאָן ניט זיַין. אַזוי גיך.

מ'האָט אָנגעקלאַפּט.

די כאַווייִרים האָבּן זיך איבּערגעקוקט. ס'איז אַריַין דער באַלעבּאָס.

— אָ, — האָט ער געזאָגט — אייַער כאַווער האָט אייַך געפונען, ער איז אַזוי אָנגעלאָפן, ווי א ווינט. וואָס איז עס מיט אייַך געשעען?

— גאָרניט. ער איז שוין געווען און אוועקגעגאַנגען. אדאַנק.

— פאַרוואָס אדאַנק?

— דערפאַר, וואָס איר אינטערעסירט זיך. מיר גרייטן זיך אין אוניווערסיטעט. אדאַנק.

עטלעכע איבּעריקע מאָל רייַסט זיך אַרויס בּאַ וויַינערן „אדאַנק".

יאָכלסאָן האָט אַריַינגעטאָן דעם קאָפּ אין א בּיכל און זיך געמאַכט ניט הערנדיק. סאַוויצקי איז אַרויס. וויַינער האָט אָפּגעאָטעמט:

— וואָס וויל ער עס פון מיר? ווו איז זונדעלעוויטש? ווו האָסטו אים איבּערגעלאָזט?

— ער דאַרף באַלד קומען, לאָמיר וואַרטן.

יאָכלסאָן האָט זיך דערמאָנט אין וויַינערס דערציילונג, דערפילט, אַז פאַר אַזאַ טאַט דאַרף מען זיך דערוויַיטערן פון אַזאַ מענטשן, אָבּער דאָס, וואָס ער איז געקומען צו לויפן אַזוי פאַרטראָגן אליין אַלעס צו בּאַוואָרענען, האָט ווייכער געמאַכט זיַין שולד...

ווײַנער האָט עטלעכע מאָל גערעדט צו יאָכלסאָנען און ניט באַקומען קײַן ענטפֿער.

— ניאָמע, איך בין א פֿאַרברעכער. מע טאָר מיט מיר ניט שטײן אין די פֿיר אײלן. פֿאַרגרינגער מיר. ס'איז מיר אומגעהויער שווער. סע קלעמט מיר צונויף מײַן באַוווסטזײַן. וואָס בין איך עס אזוי לײַכט־זיניק, און אפֿילע ווען מע פּײַניקט, ווי מע האָט געטאָן מיט די פּאַרי־זשער קאָמונאַרן, דאַרף מען אויך שווײַגן.

דאָס בלוט ווערט אים פֿאַרקילט אין די אָדערן, ווען ער דערמאָנט זיך, אז אָט וועט אָנקומען זונדעלעוויטש.

— ניאָמע, דו זאָלסט אים זאָגן, העלף מיר, איך וועל מײַן שולד אויסקויפֿן,—האָט זיך ווײַנער געבויגן אינדרײַען און נישט געקאָנט צו זיך קומען.

ערשט באַטאָג האָט זיך אַרײַנגעשטעלט זונדעלעוויטש. געטראָפֿן ווײַנערן, האָט ער זיך גלײַך דערפֿרײט:

— גוט, וואָס דו ביסט דאָ. פֿאַראַן אַרבעט, א נײַער טראַנספּאָרט ליטעראַטור.

אָנשטאָט ענטפֿערן נעמט ווײַנער אָן זונדעלעוויטשעס האַנט און דריקט זי צווישן זײַנע בײדע הענט.

זונדעלעוויטש האָט גוטמוטיק א שמײכל געטאָן, אַרײַנגעשטעקט זײַן ציבעק אַף זײַן באַשטענדיקן אָרט אין ווינקל פֿונעם מויל:

— וואָס, טוסט טפֿילע זאָגן, ווײַנער?

זונדעלעוויטש כאַפּט א קוק צו יאָכלסאָנען, וואָס האָט באַהאַלטן די אויגן:

— זע נאָר, צי האָסטו עפּעס ניט געזינדיקט...

דעמאָלט הײבט אויף יאָכלסאָן די אויגן און שרײַט צו ווײַנערן:

— זאָג אים גיכער. מע דאַרף די צײַט געווינען, קוועטש זיך ניט!

זונדעלעוויטש האָט אַפּגיך אַרויסגענומען דעם ציבעק פֿונעם מויל, דערפֿילט, אז ס'איז ניט קײַן שפּאַס און געפֿרעגט:

— ווײַנער, וואָס שווײַגסטו?

— קום מיט מיר!—האָט ווײַנער געצויגן זונדעלעוויטשן בא דער האַנט.

— וווהין?

— צו מיר.

— רעדט קלאָרער.

— מע דאַרף אַנטלויפֿן...

— וואָס איז געשען?—האָט מיט קאַס אַרויסגעשריִען זונדעלעוויטש.

יאָכלסאָן האָט כאפנדיק דערציילט וועגן ווײַנערס אופירן זיך באם פארהער אין אינסטיטוט.

ניט געטראכט קיין איבעריקע מינוט, האָט זונדעלעוויטש ארויסגע־שטעלט א טשעמאָדאן און גענומען ארײַנווארפן אהינצו זאכן.

ווײַנער לעבן אים:

— ארקאדי, איך וויל זאָלסט פארשטיין. דו גייסט מיט מיר און פונ־דאָרטן צו דער גרענעץ. ווּעסט מיר מוחל זײַן, איכל דיר דערציילן אלע פראָטים, ווּעסטו פארשטיין. איך וויל ניט ווערן אויס רעוואָליר־ציאָנער, איכל עס דערווײַזן אין מײַן ווײַטערדיקער ארבעט...

— הער אוף צו וויינען, העלף פאקעווען. מיר פאָרן קיין קעניגסבערג. ווער וועט דאָ בלײַבן טראנספאָרטירן? אהא! בארעל. מע דארף צו וויסן געבן ליבערמאנען. מע וועט זיך צו אים נעמען. מע קוקט שוין לאנג נאָך אים. יאָכלסאָן, גיי פאקעווע זיך. מ׳האָט צעקלאפט אונדזער קרײַז. וואָס שטייט איר?..—זונדעלעוויטש האָט געקלאפט מיטן ציבעק איבערן טיש. מיטן פוס האָט ער אָפגערוקט דאָס בעטל, ארויסגעשלעפט פונ־דאָרטן קליינינקײַטן און געוואָרפן אין טשעמאָדאן.

מ׳האָט געדארפט ארויסגיין, קיינער זאָל ניט באמערקן, מ׳האָט זיך געהיט פאר די באלעבאטים. מ׳האָט אָפגערעדט ארויסגיין איינציקווײַז און זיך טרעפן בא ריזען. ווײַנער האָט ציטערנדיק ארויסגעטראָגן דעם טשעמאָדאן. פלוצים עפנט זיך די טיר און דער באלעבאָס גייט גראדע ארויס און שטעלט זיך אוועק לאנג נאָכקוקן דעם אוועקגייענדיקן טשע־מאָדאן. ווען זונדעלעוויטש האָט דערהערט א קלאפ פון א טיר פאר־מאכן, האָט ער אָנגענומען אין א שפאס יאָכלסאָנען באם קארק:

— גיי!

יאָכלסאָן האָט א קוק געטאָן מיט אויגן, וואָס געזעגענען זיך:

— מירן זיך מעגלעך שוין ניט זען. איז... און צוגעטוליעט זיך צום כאווערס באָק.—איך ווייס ניט, צי וועל איך לויפן קיין קעניגסבערג?

— עפשער מיט ליבערמאנען קיין לאָנדאָן? ער וויל שוין לאנג צו לאווראָוון.

יאָכלסאָן איז ווי ארויסגעפליגן פון שטוב, נישט באוויזן אפילע צו ענטפערן זונדעלעוויטשן. קיין צײַט ניט געווען. ער גייט צוגרייטן זיך צום פאָרן.

זונדעלעוויטש איז אוועקגעגאנגען צו ווײַנערס מיידל—דער נייטערקע ריזע. ארײַנגעקומען, האָט ער זי געטראָפן שטיין איבערן טשעמאָדאן און וויינען. זי האָט שוין, ווײַזט אויס, וועגן אלץ געוווּסט.

זי שטייט און וויינט: איר גליק האָט זיך צעבראָכן. עס וואָלט זי אפילו ניט געארט, אז לייבל ווײַנער זאָל אוועקגיין אף גאנצע טעג וווהין דאָס הארץ גלוסט, נאָר אפדערנאכט זאָל ער זיך אומקערן.

און איצט?

קײַן אויסלאנד! אינדערפרעמד! רייזע האָט אים אוועקגעגעבן די לעצטע עטלעכע רובל, ער זאָל זי געדענקען, געדענקען אירע אומעטיקע אויגן מיט די קליינע אָדערלעך ארום זיי. בלאָווע אָדערן, ווי קרומע נאָדעלעך, וואָס שטעכן זי איצט, ווען זי וויינט. זי מאכט עס שטיל, עס זאָל קיינער ניט הערן, ווײַל לייבל וויל ניט, אז עמעצער זאָל הערן.

די ניי־מאשין מיט אן ארײַנגעשטעלט שטיקל וועש שטייט און ווארט אף רייזעס הענט. זי האָט פון אינדערפרי אוועקגעלייגט די ארבעט, געפילט, אז אף איר איינזאם מיידלש שטיבל רוקט זיך אָן אן אומעט.

— לייבל, איך בלײַב אליין, לייבל! — האָט זי אין זיך דערשטיקט א ווארעמען געפיל פון א ווײַט גוט לעבן.

זונדעלעוויטש האָט זי געטרייסט. זי וויל ניט הערן קײַן טרייסט־ווערטער, ווײַל אין לעבן האָט זי נאָך ניט געהאט קײַן שיינע מינוטן, כוץ האָפענונגען.

— לייבל, איך בלײַב אליין!

און ווײַנער האָט אלץ געראָמט פון דער שאפע. ער קוקט אלע ווײַלע צו זונדעלעוויטשן, בא וועמען דאָס פאָנעם ווערט פון מינוט צו מינוט הארבער און באשלאָסענער:

— צו וואָס אזויפיל שמאטעס?

און אָט איז ער פארפאקט.

זיי זײַנען שוין גרייט אוועק אין שענק געפינען דעם געלן ייִדן בא וועלכן דאָס פארוואקסענע אויג ווינקט אזוי פארדעכטיק. דעם ייִדנס אויסזען שמעקט מיט שרעקעוודיקער ווײַט פון איבער יענער זײַט טײַך...

XLVI

בא ליבערמאנען אין שטוב איז געגאנגען אלץ כאָדאָראָם.

די שוויגער האָט ניט אופגעהערט צו טאָטשען די טאָכטער, אז זי האָט געוווסט מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן.

— אף דער טליִע — האָט זי אינדערהייך געשריִען — אף דער טליִע, ווי אלע פוילישע מיאטעזשניקעס!

— דערפאר אנטלויפט ער דאָך פונדאנען — האָט ראָכל געווישט די טרערנדיקע אויגן.

— ער וועט קיינמאָל צו דיר זיך ניט אומקערן — איז די שוויגער באַשטאַנען אויף איריקן — האַלעווײַ זאָל איך ליגן זאָגן. קינדערלעך, קוקט זיך איַין אין אײַער טאַטן.

ליבערמאַן האָט דערשלאָגן איבערגעקליבן זײַנע זאַכן, וואָס מיט צונעמען, און געשוויגן.

אַנטקעגן איז געשטאַנען דאָס עלטערע ייִנגעלע און שווײַגנדיק ניט אַראָפּגעלאָזט די קינדערש־פאַרקלערטע אויגן פונעם טאַטן. דאָס ייִנגעלע האָט געהאַלטן אַ ווירע און מיט איר אָן אויפהער געפּאַטשט זיך איבער דעם לינקן הענטל, גלײַך ער וויל פאַרשלאָגן אַ געפיל, וואָס איז פאַר אים שווער צו פאַרשטיין און ער מוז אים איבערלעבן.

ס׳איז אָנגעקומען בארעל. די ייִנגלשע פרישע רויטלעכע באַקן זײַנע האָבן איצט געפלאַמט. ער האָט געוואָלט איבערצײַגן ליבערמאַנען, דעם „גענעראַל״ פון זײַער קרײַזל, אַז: „שרעקט זיך ניט, ס׳איז נאָך ניט אַזוי די געפאַר״, אַ סימען קײַן איינער פון זיי איז נאָך ניט אַרעסטירט.

ליבערמאַן זאָגט צום נאַיוון יונג:

— ווילסט וואַרטן ביז מע וועט אונדז אײַנלאַדן זיך זעצן. — ניִשט קײַן גוט שמייכעלע האָט זיך באַוויזן צווישן ליבערמאַנס ליפּן, ער איז געווען פאַרביטערט, באַזונדערס, ווען ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זײַנע שטוביקע.

ליבערמאַן האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל, איבערגעגעבן באַרעלן און אים פּאַטערלעך געלערנט:

— אַז דו גיסט עמעצן, איז דעריקערשט פאַרזיכטיקייט, קיינמאָל זאָל אָפּן ביכל ניט שטיין אפילו קײַן אָס, זאָלסט וויסן מיט וועמען דו קניפּסט קענטשאַפט. און בא זיך מעגסטו אויך ניט פאַרשרײַבן. אָט דאָ — ער טײַטלט אים אָפּן קאָפּ — פאַרשרײַב זיך.

באַרעל שטעלט אַרײַן:

— פאַרוואָס האָב איך בא אײַך געזען פאַרשריבן אין אַ נאָטיץ־ביכעלע נעמען און פאַמיליעס?

— טאַקע ניט גוט, ס׳איז אַ שלעכטע טעווע, איכל זיך אָפּגעוווינען.

באַרעל:

— אָט זעט איר. און מיך לערנט איר אַנדערש.

ליבערמאַן האָט זיך געווענדט צום יונג:

— העלפט מיר צונויפלייגן מײַנע זאַכן.

— איר רעכנט דען הײַנט פאָרן?

— אַלצײַנס וויל איך גײַן פונדערהיים, מע קאָן נאָך קומען.

דאָס קינד מיט דער ווירע אין דער האנט האָט ניט אראָפּגענומען די אויגן פונעם טאטן. שווייַגנדיק האָט ער צוגעטראָגן ליבערמאנען די זאכן. דער פאָטער האָט שוין עטלעכע מאָל זיך באגעגנט מיטן קינדס בליק.

— קום אהער, זונדל.

דאָס יינגעלע שטייט פארגליווערט און פאטשט מיט דער ווירע איבערן הענטל.

— גיי צו צום טאטן—האָט זיך די שוויגער אריינגעמישט—זאָג דעם טאטן, ער זאָל אונדז ניט פארלאָזן, בעט בא אים.

ליבערמאן האָט א קוק געטאָן אף דער עלטערער ייִדענע אופגע־רעגט — מיט א בליק האָט ער זי געבעטן שווייַגן: אז איר פאר־שטייט אלצליינס ניט,—האָט זי דער שטומער פארשלאָסענער בליק גע־בעטן.

בא ראָכלען איז אלץ געפאלן פון די הענט. זי האָט געוואָלט וויסן, וווהין ער פאָרט.

און ער ווייסט נאָך אליין ניט. ער וועט זען פון יענער זייַט גרענעץ. ערשט דאָרטן—האָט ער געוואָלט אינדערהייך זאָגן,—וועט זיך בא אים אָנהייבן א גרויס לעבן. דאָ איז אזוי ענג, מע לאָזט ניט, מע פרעסט פון אלע זייַטן. אין ווילנע זייַנען פינצטערע געסלעך, וויסטע ליקעלעך. אָט אין לאָנדאָן, אין בערלין. מע וועט נאָך דאָ הערן פון אים. ער וועט אהער שיקן בריוו, ער וועט אָנפירן, ער איז בארופן אָנצופירן...

— בארעל—איר וועט אָן אונדז קאָנען ארבעטן, א, בארעל?—טוט ער פלוצים א פרעג אינדערהייך.

דער זיבצניאָריקער יונג ווערט דערפרייט פון ליבערמאנס פרעגן:

— אוודע. מיר וויסן ווי אזוי.

— און אז מע וועט אייַך ארעסטירן?

בארעל האָט ניט געענטפערט.

ארן האָט אים ערגעץ אוועקגעשיקט און אליין זיך אוועקגעזעצט אָנשרייַבן בריוו קיין מאָהילעוו, ווו ס'איז שוין צו יענער צייַט געווען א קרייַזל.

די שוויגער האָט אוועקגערופן דאָס יינגעלע אין א זייַט, אים עפּעס אייַנגערוימט און צוריק אים אָפּגעשיקט צום טאטן:

— גיי־זשע צו—האָט זי געשעפּטשעט צום יינגעלע.

דאָס יינגעלע האָט זיך ניט גערירט פונעם אָרט.

ווען בארעל איז צוריק געקומען, האָט ליבערמאן גענומען די זאכן אין די הענט און זיך געוואָלט לאָזן צו דער טיר.

און דאָ איז געשען אזוינס, וואָס האָט אף לאַנג זיך פאַרשניטן אין זײַן מויעך.

ראָכל האָט זיך אוועקגעשטעלט אף דער טיר, א קוק געטאָן מיט צווײ דולע אויגן און פאַמעלעך זיך גענומען אראָפּלאָזן צום דיל.

דערזען, אז די מאַמע איז אומגעפאַלן, האָבן די קינדער אופגעהויבן א געוויין. ליבערמאַן האָט ניט געוווּסט וואָס פריִער צו טאָן. ער האָט גענומען דאָס קינד אף די הענט, דערזען אין זײַנע קינדערשע צאַרטע אויגן אזא טרויעריק פײַערל:

— טאַטע, פאַרוואָס דאַרפסטו אוועקפאָרן, טאַטע?

בײַ ליבערמאַנען האָבן זיך צונויפגעצויגן די ברעמען. א ווייטיק האָט שאַרף א שניט געטאָן אין זײַן באַוווּסטזײַן.

— זונעלע...—האָט ער אים געזאָגט.

בײַם ייִנגעלע אין די אויגן איז דאָס טרויעריקע פײַערל געוואַקסן גרעסער, און צום סאָף האָט ער זיך צעוויינט מיט ביטערע און גרויסע טרערן.

ליבערמאַן האָט אראָפּגעלאָזט דאָס קינד אפן דיל.

די ייִדענע האָט אופגעמינטערט די טאָכטער, אליין אוועק אין א זײַט און זיך געשטעלט מיט פאַרלייגטע הענט צוקוקן, וואָס וועט דאָ ווײַטער זײַן. אָבער ס'איז גאָר קײַן אויסערגעוויינלעכס ניט געשען. ליבערמאַן האָט געהייסן ראָכלען מיטגיין אים באַגלייטן. דאָס ווײַב האָט גע־כאַפּט עפּעס אף די אַקסל, און אלע דרײַ—ליבערמאַן, ראָכל און באַרעל—זײַנען ארויס אין דער זומערדיקער נאַכט.

ערגעץ דאָרטן האָט זאַלמען געוואַרט אף די אנטלויפנדיקע ווילנער רעוואָליוציאָנערן, אריבערצופירן זײ איבער יענער זײַט גרענעץ.

די נאַכט איז געווען א לויטערע.

אָן א שיר שטערן האָבן געטליִעט אין דער טיפער אויסגעשליפע־נער הייך.

סאָף פון ערשטן בוך

אינהאַלט

זייטל

אין דער ווילנער ראבינער־שול 7
אין פעטערבורג 121
ווידער אין ווילנע 153

Друкарня імени М. В. Фрунзе.
Харків, Донець-Захаржевська, 6.
Уповноважений головліту 4748.
Зам. 711. Тир. 1.500. 16 друк. арк.

Видання 317. Папер. ф. 82×110—
57 кг. 4 пап. арк. 1 пап. арк.
158.000 літ. Здано в роботу
8-VI 35 р. Підписано до друку
17-VIII 35 р.